60 646 I

א ש ר

פארשוואכט.

פון צווייטען צימער דערהערט זיך פלוצלינג בלומעס געוויין.

פ ע ר י ל

בלומע, הער אויף, ווארום איך וועל עס נישט אויסהאלטען.

ר ב

ווער וויינט עס דארט? שא, שטילער זאל זיין! ס'איז דיין ווייב, לייזער, זאג איהר זי זאל נישט וויינען.

ל י י ז ע ר

לויפט אין צווייטען צימער.

פ ע ר י ל

הייליגער רבי, טהוט תפילה פאר אונז.

ר ב

וואו איז זיין געלעגער? לעגט איהם אויף זיין געלעגער.

י ש ר א ל נ ח

שעפטשעט.

יא, אויף מיין געלעגער... יא, רבי... יא רבי...

אלע אין איינעם העלפען פיהרען ישראל נח'ן אין צווייטען צימער אריין. בתיה פייגע טראגט נאך דעם לאמפ. אין פאדערשטען צימער ווערט פינסטער, אויסער א פאס ליכט וואס שלאגט זיך אריין פון טיר.

פ ע ר י ל

קומט אריין. בויגט זיך צום קינד. שעפטשעט.

קינד מיינס, לעבען מיינס... צוליעב דיר וועט דיין מאמע לעבען... צוליעב דיר מוז די מאמע לעבען...

ר ב

פון צווייטען צימער דערטראגט זיך זיין שטימע. רעדט קלאר: „ברוך דין האמת“... די מענער דארט איינציגווייז חזר'ן איבער: „ברוך דין האמת“... עס הייבט זיך אן צו וויגען אין צווייטען צימער בלומעס געוויין. מיט אן'איינגעהאלטענעם געוויין ענטפערט אב פעריל, איינגאנצען אריבערבייגען איבער'ן וויג.

ע נ ד ע.

מיט ישראל נח'ן.

ל י י ז ע ר

איך מיין, אויב ס'איז בעשערט צו שטארבען... איך מיין איך וועל...

ב ל ו מ ע

צעשראָקען.

וואס רעדסטו, וויים איך נישט...

ר ב

שרייט אָן אויף איהם.

שא, מען פרעגט נישט ביי דיר! מען רעדט נישט אזעלכע זאכען. שא זאָל מיר זיין!

דער עולם צעטומעלט א ווײַלע.

ל י י ז ע ר

זאָל מיר דער רבי מוחל זיין, אויב כ'האָב זיך ארויסגערעדט מיט א נארישקייט.

ר ב

אודאי, נארישקייט. הוילע נארישקייט. א לעבעדיגער מענש בעדארף לעבען. בעדארף לויבען גאָט און לעבען, הערסט, דו שקץ, איינער!

י ש ר א ל  נ ח

אין עקסטאז.

אודאי לעבען. איך וויל לעבען, רבי. רבי איך וויל נאך לעבען...

ער פאלט דעם רב אויפ'ן האַלז און וויינט זיך פאנאנדער. זיינע כחות הויבען איהם צו פארלאָזען, ער חזר'ט איבער מיט חניגה אַלץ די פריהערדיגע ווערטער „לעבען וויל איך“.

ר ב

וועסט לעבען. דיין ווייב וועט לעבען, דיין קינד וועט לעבען... אוי ער פאלט... זאָל מען איהם אנידער לעגען אויפ'ן בעט...

ט ע ו ו י ע

וואס איז מיט דיר, ישראל נח?

נישט געהאט... כ׳מיין נו, גאר נישט...

א ש ר

גיט אַ פּאַטש מיט די הענט.

וואס זאגט איהר, רבי?

פ ע ר י ל

חלילה, איך האב מיר פאר קיינעם נישט בעקלאגט.

ג ר ש ו ן

ישראל נח האט נישט געהאט פאר וואס שבת צו מאכען?

פ ע ר י ל

ס׳איז מיר געווען א חרפה צו בארגען.

ט ע ו ו י ע

אנ׳עולה, פעריל. אנ׳עולה זאג איך דיר, ישראל נח. טעוויע לעבט דאך נאך.

א ש ר

און אשר איז דאך אויך נאך דא אויף דער וועלט.

ג ר ש ו ן

ווען מיין ווייב וואלט עס וויסען אזא זאך....

ר ב

כע — כע — וואס אידען זענען. אויפ׳ן דארף זענען צדיקים. וואו א אידיש הויז — דארט איז א צדיק.

ל י י ז ע ר

וואָס האָט זיך מישב געווען און אַ זייט עפּעס מיט בלומען. ווענדט זיך פלוצלונג צום עולם טומלענדיג זיך מיט די ווערטער.

רבי, איך וויל באנ׳אייך עפעס פרעגען.

ר ב

נו, לאמיר הערען.

ל י י ז ע ר

איך וויל נעהמען אויף זיך... כ׳מיין...

ר ב

וואס ווילסטו נעהמען אויף זיך... חובות... נו ביזטו דאך סיי ווי

ר ב

נו, לחיים אידען. לחיים ישראל נח. און דו טעוויע, כ'האב דיך נעב־טען געוואלט פארופען צו זיך, נו ביזטו אליין געפאהרען. זענט איהר דאך מסתמא שוין שלום געווארען.

ט ע ו ו י ע

איך האב מיר פון מיינס אבגעזאגט.

ר ב

א שקץ ביזטו. האסט מקנא געווען וואס א שוהל בויט דיין שותף.

ט ע ו ו י ע

רבי...

ר ב

נאר... א איד מעג האבען קנאה אויך, אבער מיט א מאס.

א ש ר

אבער א שוהל רבי. איך זאג די שטאט האט עס נישט פארדינט.

ג ר ש ו ן

כ'לעבען ווי דו רעדסט נארישקייט.

ר ב

געווים נארישקייט. א שטאט, טייערע אידען, פרומע אידען, מען טאר נישט מהרהר זיין... נו לחיים ישראל נח...

י ש ר א ל נ ח

לחיים רבי.. איהר האט זיך נישט בעדארפט מטריח זיין. כ'בין נישט ווערט דעם כבוד... כ'האב געוואלט זיין באנ'אייך. אט האב איך גערעכענט מיינע חובות, איך וועל אויסצאהלען און דער נאך, אויב אזוי איז ביי גאט. —

ר ב

שלאגט איהם איבער.

שא, רעד עס נישט. חובות צאהלען. ביזט קיינעם נישט שולדיג. כ'האב גערעדט מיט אלעמען. מען איז צו מיר געקומען. כ'האב מיט אלעמען דורכגעשמועסט. איך וויים אז דו האסט דעם שבת

בתיה פייגע

דער רבי וועט דאָך איהם קיין עין הרע נישט געבען.

רב

נישטאָ קיין עין הרע. נישטאָ... נו, ישראל נח דערפאר וואָס כ'האָב דיך געפונען א מענשען... פאַרהאַן ביי דיר משקה? גיב אהער וועט מען מאַכען א ברכה.

אשר

אי דער רבי זאָל מאריך ימים זיין... הערט איהר רבי, איך בין א גראָבער יונג, און כ'וועל זאָגען דעם אמת נישטאָ אזעלכע רבנים. נישטאָ. אזוי פיעל טראַכטען און דאגהן פאַר יענעם — דאָס בעדאַרף מען קענען.

רב

נו, וואו איז משקה? אזוי פיעל אידען פאַרהאַן... אַ וואָ, געקומען אידען האָבען א דין־תורה האָב איך מדחה געווען. געזאָגט כ'מוז פאָהרען. בקור חולים.

בתיה פייגע

דערלאַנגט אַ פלעשעל מיט גלעזלאַך צום טיש.

דער וויין איז נאָך פון ברית פאַרבליבען.

רב

אויסגעצייכענט. נו — אידען. וואָס הערט מען עפּעס אויף דער וועלט? וואָס זאָגט מען, ט'אשווערער ווינטער זיין?

אשר

ס'האָט שוין געמעגט זיין אַ פרעסטעל.

לייזער

די קראָהען קלייבען זיך אויף די בוימער. און דער ווינט בלאָזט פון צפון.

גרשון

אויב אזוי וועט עס כאַפּען אַ פרעסטעל. דער רעגען האָט אויפגעהערט.

געוועז. זאל מען אנהייבען ווידער האנדלען. גאט וועט העלפען...

ר ב

ווייסט ווי דען... כ'האב צער געהאט. גרויס שברת־לב. אט איז לייזער געקומען — ער זאגט... אי דו שקץ איינער, ווי שפאנט מען עס איין אזא צעבראכענעם וואגען. געוואלט דעם אלטען רב אין בלאטע אויסקערען.

ל י י ז ע ר

חלילה רבי, וואס רעדט איהר.

ר ב

האסט זיך געוואלט מיט מיר אפרעכענען. אנגעדרעט פאר'ן אויער איינגעלווייז? א שטיפער געוועז... האסטו זיך געוואלט אפרעכענען.

אלע אויסער ישראל נח'ן לאכען גוט־מוטיג.

א ש ר

וואו ווייט האט עס געטראפען?

ל י י ז ע ר

נישט ווייט שוין פון דארף.

ר ב

וואס מאכט עפעס דער בן זכר?

פ ע ר י ל

אויב דער רבי וועט וועלען א קוק טהאן אויף איהם.

ב ת י ה   פ י י נ ע

די שכינה רוהט אויף איהם.

ר ב

געהט צום וויג.

און דו קליינער אידעלע. געבוירען געווארען צרות צו ברענגען אויף טאטע־מאמע. א איד ווערט געבוירען — האט עס מסתמא א בעטייט. א איד ווערט נישט געבוירען גלאט אזוי.

פארקוקט זיך אויפ'ן קינד.

ר ב

כע, כע, א שפּיצעל מיר אָפּגעטהאָן. אָט איז דאָך, ישראל נח, אבי מען האָט מיך איבערגעשראָקען. פאַרשלאָפט געוואָרען. כע, כע, וואָס מאַכסטו ישראל נח?

ל י י ז ע ר

אז איך בין געפאָהרען צוג'איך רבי, האָבען מיר זיך אַלע טאַקי גע־האָט איבערגעשראַקען.

ר ב

אָט איז טעוויע, אשר און גרשון! אַלטע שותּפים. נו איז וואָס? מסחר וועט דאָך געהן איבער'ן גאַנצען געגענד. נו, טא וואָס איז דאָ פאַרהאַן צו דאַגה'ן. און דו, ישראל נח, האָסט אויפגעהערט צו מאַכען מסחר האָסטו אפילו אין דיינע וועגענער פאַרגעסען; ווי לאָזט מען עס די וועגענער זאָלען צעפּוילט ווערען? כע, כע...

ל י י ז ע ר

אַנ'אַקס האָט זיך צובראָכען. מיט א דרענגעל אונטערגעבונדען. קוים זיך דערשלעפּט.

א ש ר

אַנ'אַנדער פערד וואָלט טאַקי אין אַזאַ בלאָטע דעם וואָגען נישט אַרויסגעשלעפּט.

פּ ע ר י ל

איידער דער רבי איז געקומען האָט ישראל נח שוין געמאַכט פּלע־נער אם ירצה השם איבער די דערפער אַרויספאָהרען.

ר ב

אָט זעה איך דאָך א פוּלע שטוב מיט אידען... אָט איז דער רוצח טעוויע, כע, כע... וואו איז עס פאַרהאַן א שלעכטער איד? א איד מיט א גזלניש האַרץ.. נישטאָ, זאָג איך אייך. א פאַרמעגען פאַר־לאָרען און איצטער, געהערט, אז דער שותּף עפּעס נישט מיט אַלעמען איז ער געקומען.

ט ע ו ו י ע

מיר רעדען דאָ עס די גאַנצע צייט. איך זאָג, מיילאַ וואָס געווען איז

פעריל...

ג ר ש ו ן

אפשר וויל ער נישט פיהרען מעהר קיין געשעפטען. נו וועט פעריל פיהרען.

פ ע ר י ל

וואס איז מיין לעבען איצטער ווערט? גאר נישט.

ב ת י ה פ י י ג ע

וואס איז די פעולה, אז מען האט שוין א קינד, אז אזוי ווערט מיט אמאל ס'לעבען פערפינסטערט.

א ש ר

געהט צו ישראל נח. קלאפט איהם אין פלייצע.

האלט זיך אויף די פיס, ישראל נח. די וועלט געהט נישט אונ־טער. הערסט וואס מען זאגט צו דיר?

ס'הערט זיך ווי אימיצער זאל צופאהרען צום שטוב.

ט ע ו ו י ע

ווער פאהרט עס איצטער אהער?

ב ל ו מ ע

לייזער, איז עס! עפיס נאך אימעצער. מען זעהט נישט אין דער פינסטער.

ל י י ז ע ר

עפענט די טיר, רעדט.

אט איז די טיר, רבי.

א ש ר

דער רבי אזוי שפעט!

פ ע ר י ל

וועה איז מיר, אין אזא רעגען.

ר ב

א גוטער אבענד!

ט ע ו ו י ע

דער רבי אזוי שפעט.

א ש ר

ווי דען? אַ איד בעדאַרף מען דאָך זיין! ווי דו זעהסט מיך לעבען, ווען גאָט העלפט מיר איך זאָל אויסגעבען מיינע קינדער — פאַר־קלייב איך מיר אין שוהל אריין הינטער'ן אייווען און זאָג תהילים ביז, ביז...

י ש ר א ל נ ח

רעדט מיט איהר, מיט פּערלען.

ט ע ו ו י ע

אַט וואָס אַ מענש קען איינפאַלען.

פּ ע ר י ל

וואָס עפּעס מיט מיר?

ג ר ש ו ן

און דו? וואו ביזטו אין דער וועלט?

י ש ר א ל נ ח

איך האָב מיר פון אַלץ דינג אָבגעזאָגט. אַ קדיש האָב איך געוואָלט. גאָט האָט מיר איהם געגעבען.

ער זיצט מיט אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, שטיל. דער עולם קוקט איי־נער צום צווייטען.

פּ ע ר י ל

גראָבט איין דעם קאָפּ אין קינדס וויגעלע.

ט ע ו ו י ע

אויב דו טראַכסט אַזוי? נו, מיין איך איז נישטאָ פון וואָס צו רע־דען.

י ש ר א ל נ ח

אַזוי איז געווען דער ווילען פון גאָט. איך האָב אַזוי לאַנג גאָט גע־בעטען... איהם צוגעזאָגט...

ט ע ו ו י ע

דו רעדסט פון וועג.

א ש ר

מען בעדאַרף איהם נישט פאָלגען. ער זאָגט: פּעריל, זאָל זיין

י ש ר א ל   נ ח

קומט ארויס.

דו האסט געהאט פראוו.

ט ע ו ו י ע

איך זאג עס אבער נישט איצטער.

י ש ר א ל   נ ח

איך זאג, אז א מענש האט א פראוו צו טהאן מיט זיין פארמעגען וואס ער וויל. יענעמס בעדארף מען נישט טשעפען. אז כ'האב מיר גע־כאפט האב איך געזאגט, טעוויע, אט האסטו דיר מיין שטוב, מיינע שפייכלערס, ווארום ס'איז נישט געוועז מיין שולד, נאר אזוי האט עס בעדארפט צו זיין. מיין פארמעגען האט נישט געהערט צו מיר, איך האב אבער צופיעל געגעבען. כ'האב מיט מיינס פרעמד פאר־מעגען אוועקגעגעבען.

ט ע ו ו י ע

הער, ישראל נח, דו רעדסט מיר ווי א צדיק. מיר אלע זענען דארפי־שע אידען. פארשטעהסטו מיר, גראבע יונגען. וואס איז פארהאן צו רעדען. זעהסט איך בין געקומען צו דיר אין אזא רעגען. איך בע־דארף זיך נישט איבערבעטען מיר דיר. מיר זענען נישט געוועזן ברוגז. ווייסט, איך בין געוועזן גערעכט. אט, גיב א האנט, און וואס געוועזן איז געוועזן. ישראל נח, איך בין דיר מוחל וואס דו ביזט מיר שולדיג. וועסט זיין א גביר, נו מהיכא תיתא, וועסטו עס מיר אבגעבען.

א ש ר

ישראל נח, הער אנ'עצה וואס אנ'אלטער פריינד זאגט דיר. הער, וואס אשר זאגט דיר, אז א מענש ליגט מיט'ן קאפ אין דר'ערד בעדארף מען נישט צו דעפטשען מיט'ן פוס. דו ביזט געפאלען. מיר ווילען דיך הויבען.

ג ר ש ו ן

נארישקייטען. אז איין איד וועט דעם אנדערען נישט הויבען איז דאך הפקר די וועלט.

ווערט גערעדט. קוקט צום קינד. א וואזשנער קונדעס. כע, כע...
א אינגעל, אויפ'ן שטערען אנגעשריבען. קומט ארויס אהער אויב
איהר האט דארט צו רעדען. וואס איז צו רעדען אין דער פינס־
טער?

טעוויע

קומט ארויס.

ער וויל נישט, זאגט ער. ער הייסט מיר נעהמען די שטוב. מען קען
טאקי מיינען אז — נו... כ'האב געהאט א כעס. ווער וואלט געווען
בעסער? איך ווייס נישט אויב אפילו דער רב וואלט געווען בעסער.
איהר ווייסט דאך אלע, אז מיין גאנץ פארמעגען איז דא געווען.

אשר

וואס איז געלט? גאר נישט. וויפיל לעבט א מענש? איך זאג מיר
מיינס. אז מען קען נישט לעבען ווי א מענש זאל מען כאטש
שטארבען ווי א מענש. וואס זאגט איהר, בתיה פייגע?

בתיה פייגע

אוי וועה איז מיר.

פעריל

אויס טרערען.

איך וואלט נאר וועלען, אז איך מיט מיין קינד זאלען מיר חלילה
נישט בעדארפען אנקומען צו לייטען.

טעוויע

וואס האט עס איינס מיט'ן אנדערען. אידענע וואס איהר זענט.
וואס איז מיט איהם? פאר וואס בעהאלט ער זיך פון מיר? איך
האב איהם נישט געטהאן קיין שלעכטס? אט אדרבה, איהר זענט
זיין ווייב, זאגט מיר, איך האב אייך געטהאן א סך שלעכטס?
אפשר דאס נאר וואס כ'האב זיך פאר דער וועלט צעשריען. כ'האב
געזאגט, אז די שוהל איז פאר מיין געלט געבויט געווארען. האב איך
נישט געהאט קיין פראוו? אט אדרבה, איך פרעג אייך, האב איך
נישט געהאט קיין פראוו?

ב ל ו מ ע

וואס האב איך צו טהאן אין שטאט? נישטא דארט קיין גוטע מענ־שען.

ט ע וו י ע

לאכט.

דו ביזט אויך אין כעס אויף טעוויען?

ב ת י ה פ י י ג ע

הערסט, עס גלויבט זיך מיר גאר נישט; מסתמא דער רב זאל לע־בען האט אין דעם זיך אריינגעלעגט.

ט ע וו י ע

וואס איז מיט ישראל נח'ן? וואס ער האט זיך אזוי אבגעלאזען?

פ ע ר י ל

אנ'אומגליק אויף אונזער שטוב געקומען.

ט ע וו י ע

געהט אריין צו ישראל נח.

א ש ר

ישראל נח בעדארף זיך נישט האלטען אזוי פון ווייטען. דער מענש וויל איהם געהן אנטקעגען.

פ ע ר י ל

איך האב צו איהם גאר נישט געהאט. ער האט געמאנט זיינס. ישראל נח האט אפילו קייןווארט נישט איבערגערעדט. ער איז קראנק פון דעם וואס ער איז געבליבען אזוי הינטערשטעליג.

ג ר ש ו ן

ס'איינציגע וואס ער וויל, אז אליץ זאל געהן אויף בײדענס נאמען. נישט ווי ס'איז אמאל געווען. ער וויל, זאגט ער, האבען אויף וואס צו ווייזען.

פ ע ר י ל

אימיצער פארלייקענט איהם דען וואס איהם קומט?

א ש ר

נישט דאס מיינט ער. אט, איהר וועט שוין הערען פון וואס דא

פאַהרען? נישט קיין סך, פון נאָך דער חתונה אַז, כאַ— כאַ — כאַ צוואַנציג גאַנגען. רעדער אויף מיינע וועגענער שוין אומגעביטען. דער פערד פאַרפיהרט דיך שוין אליין צו ישראל נח'ן אויפ'ן פאַדוואַר — און איצטער, אַ שאָד אַ שטוב זאָל איינגעהן.

גרשון

אַט וויים איך, איך האָב פיינט די שטאָדט. אַז כ'בעדאַרף ס'ביסעל תבואה אָדער אַ קעלביל פיהרען צו זיי — וואָס איז דאָ פאַרהאַן צו רעדען? — מיט אונזערען אַ מענשען קען מען לעבען. הערסטו, עס בעקומט מיר נישט ווען אפילו זיי רופען מיך אויף צו דער הייליגער תורה. קענסט מיינען, אַז די הייליגע תורה איז זייערע, טהוען דיר אַ טובה, אַז זיי נעהמען ביי דיר די פיינע נדבה.

טעוויע

איך בין געוועזען ביים רב. כ'האָב מיר מיט איהם מישב געווען.

אשר

אַז, ס'איז נישטאָ וואָס צו רעדען.

גרשון

וואָס שווייגסטו, ישראל נח? וואָס האָסטו אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ?

פעריל

ווילט איהר, רב טעוויע, זעהן מיין זוהן?

טעוויע

האָט מיר שטאַרק באַנג געטהאָן וואָס כ'האָב נישט געקענט זיין אויף זיין ברית.

ישראל נח

געהט אין צווייטען צימער.

בלומע

קומט פון דאָרט אַרויס.

טעוויע

אַט איז זי, די ציג. קומסט עס גאָר נישט אין שטאָט אַריין. איי, לייזער די וועלט רייסט ער איין.

א ש ר

כא, כא, כא. כ'האב געוואוסט, אז עס וועט זיין א וואונדער.

ג ר ש ו ן

טעוויע האט זיך געלאזט איבעררעדען.

א ש ר

אימישנע געפאהרען אין שטאט אריין.

י ש ר א ל נ ח

נו, וואס. איך זאג, אז כ'וועל בעצאהלען ביז א פרוטה.

א ש ר

נישט דאס, ישראל נח. שטאט ווייסט, אז דו האסט קיין פרעמד געלט נישט אויפגעגעסען. מען ווייסט, אז דו האסט צדקה געטהאן, און גאר נישט.

ט ע ו ו י ע

די זאך איז אזוי, ישראל נח; איך האב געמיינט, אז כ'וועל אזוי בעסער מאכען. פארשטעהסטו, געווען געוואוינט האנדלען בשותפות און איצטער אליין קלעפט זיך עס נישט.

י ש ר א ל נ ח

איך האב דאך נישט קיין געלט צו בעצאהלען מיינע חובות. איך בין נישט רייכער געווארען.

ב ת י ה פ י י ג ע

איך וועל דיר זאגען דעם אמת... נו, זאל איך שוין אפשר בעסער שווייגען.

ט ע ו ו י ע

דעם אמת זאגענדיג, ווען נישט אשר און גרשון, וואלט איך איצטער נאך אויך נישט געפועלט ביי זיך — נאר זיי, כ'וועל דיר זאגען דעם אמת, זיי האבען מיך מנצח געווען.

ג ר ש ו ן

וואס הייסט אידען זאל'ן נישט קענען צווישען זיך דורכקומען.

א ש ר

פארשטעהסטו מיר, וויפיעל מאל בין איך דא מיט'ן וועג דורכגע־

איך זעה וואס פאר א יאָהר צייט איז פון אונז געוואָרען. מען וועט בעדאַרפען מיט דער טאַרבע אַוועקגעהן.

י ש ר א ל   נ ח

איז בעדאַרף מען קלאָגען אויף דעם? וואו איז זי, בלומע? וואָס האָסטו זיך דאָרט בעהאַלטען? קום אַרויס. ווילסט וויינען, קום וויין וויפיעל דו ווילסט. וויפיעל דיר גלוסט זיך.

פ ע ר י ל

קום אַריין, בלומע, דער פעטער רופט.

ב ל ו מ ע

בעוויייזט זיך אין טיר מיט פאַרוויינטע אויגען.

י ש ר א ל   נ ח

נו, וואָס קוקסטו מיר אַן אזוי? וואָס זעהסטו אויף מיר? איך וועל שטאַרבען. נו, איז וואָס? איך האָב דאָך עס אליין אויף זיך גע־נומען. אליין מיט'ן גוטען ווילען אויסגעקליבען. אָבער א קדיש האָב איך דאָך. מיט אַ געמאַכטער פרעליכקייט. א קדיש האָב איך דאָך, א קדיש האָב איך דאָך...

מען קלאַפּט אין טיר.

ב ל ו מ ע

לייזער איז שוין געקומען.

ווי אַ שטיין וואָלט ביי אַלעמען פון האַרצען אראָפּגעפאַלען. עס עפענט זיך דיר טיר און עס קומען אריין א ש ר, ט ע ו ו י ע און ג ר ש ו ן, פאַרנעצטע מיט די ביימשען אין די הענט. זאָגען „גוט אבענד“.

פ ע ר י ל

געסט, אין אַזא צייט. געמיינט לייזער איז געקומען.

ט ע ו ו י ע

נישט געריכט זיך איך זאָל קומען, וואָס?

פ ע ר י ל

טאַקי, א גרויס וואונדער.

י ש ר א ל נ ח

באקלאַג מיר נישט מיין קאָפּ. איך בין דער איינענער ישראל נח וואָס געווען. כ'האָב געוואָלט האָבען א קדיש האָט עס מיר גאָט גענעבען. דער וואָס אין הימעל בעדאַרף פאר קיין משכון נישט האָבען. מיין לעבען... מיין לעבען... וואָס וויינט איהר, פרעג איך איך ? !

פ ע ר י ל

ווערגט זיך מיט די טרערען.

נו, שא, קיינער וויינט נישט.

ב ל ו מ ע

שיסט אויס מיט אַ געוויין.

איך וועל פון שטוב אנטלויפען. איך וועל לויפען אהין וואו די אויגען וועל'ן מיר טראָגען.

ב ל ו מ ע

פארהאלט מיט'ן פויסט איהר געוויין. איילט אין צווייטען צימער אריין.

פ ע ר י ל

קוסט איהר קינד. וויל מיט די קוסען דערווערגען איהר געוויין.

נו, שא קינד מיינס, נו שא...

ב ת י ה פ י י נ ע

קוקט אין פענסטער.

י ש ר א ל נ ח

סאָראַ שטילקייט עס איז ! וואָס איז היינט מיט אייך ? איהר וואַרפט אויף מיר אַ פחד אַן. נישט אנדערש איך זאָל נעהמען און אנטלויפען פון שטוב.

פ ע ר י ל

וואָס ווילסטו פון מיין לעבען ? ס'האַרץ איז מיר פארביטערט, וויין איך.

ב ת י ה פ י י נ ע

פאר וואָס זאָל מען נישט וויינען ?

וואס א מענשען קען איינפאלען. כ'האב געמיינט, אז כ'וועל שוין גאר קיין מאל פון די חובות נישט ארויסקריכען. איך וועט מיר מיט אייך, אז איבער־א־יאהר אין דער צייט איז ישראל נח ווידער אויפ'ן פערד.

בתיה פייגע

דו האסט טאקי צופיעל אויף זיך אנגענומען. האט זיך געמוזט איינברעכען.

ישראל נח

נארישקייטען, מיט גאטס הילף... א קדיש האב איך אויך... יא, א קדיש.

קוקט צום קינד.

בלומע און פעריל סוד'ען זיך.

ישראל נח

וואס סוד'עט איהר זיך דארטען? נאך פאר דיינע חתונה קליידער נישט בעצאהלט? קיין מורא נישט. וועסט זיי נישט בעדארפען פארזעצען. ישראל נח לעבט און וועט מיט גאטס הילף פאר אל'ץ באצאהלען.

פעריל

הייבט פלוצלינג אן וויינען.

אזא אומגליק אויף אונז זיך ארא‌בגעלאזען. וואו וועל איך זיך מיט מיט מיין קינד אהינטהאן?

ישראל נח

וועמען בעוויינסטו?

בלומע

הערט אויף, מומע. וויינט נישט. איהר וועט אויפוועקען ס'קינד.

ישראל נח

וואס וויינסטו? וואס קלאגסטו? שטיל זאל מיר זיין!

בתיה פייגע

נו, שא, נו, שא, הער שוין אויף.

ישראל נח

אנ׳איינרעדעניש. איך וויים נישט וואס אויף אייך איז אנגעפאלען אזא שרעק מיט אמאל.

בתיה פייגע

זוארום וואס ס׳איז נישט פארהאן אויף וואס צו קלאגען?

ישראל נח

וואו זענען די חשבונות פון פאראיאהריגע תבואות?

פעריל

קוקט פארוואונדערט.

ישראל נח

וואס קוקסטו מיר אן אזוי? איך שטארב נישט. וואס געוועזן איז געוועזן. וואו איז דער חשבון? איך רעכען מארגען ארויספאהרען איבער די דערפער און הייסען פיהרען תבואה.

בתיה פייגע

אפשר וועט שוין טאקי דער וואס אין הימעל רחמנות האבען.

פעריל

ווער ווייסט צו מען וועט פיהרען.

ישראל נח

וואס הייסט, מען וועט נישט פיהרען? מען וועט נישט געטרויען? איך בין נאך דער אלטער בעל־בטוח. אלעמען וועל איך אויסצאהלען ביז א פרוטה. זאל די וועלט נישט זאגען איך כ׳האב געבויט א שול פאר פרעמד געלט. אלעמען וועל איך אויסצאהלען ביז א פרוטה. אט, דאס זענען זיי די חשבונות. אפשר האט איהר געזעהן ערגעץ מיינע שפאקולען?

בתיה פייגע

אביסעל פארדעכטיג.

אויב דו ביזט טאקי שוין געזונד אזוי, טא בעסער געה עס עפעס.

ישראל נח

איך וועל פאהרען מארגען אין שטאט אריין און דער רב וועט אבמאכען מיט די בעל חבות. עסק׳ט זיך אין מיט חשבונות. לאכט.

מיר.

פ ע ר י ל

הער אויף, מאמע, אזוי צו קרעכצען.

ב ת י ה פ י י ג ע

ווי זאָל איך נישט קרעכצען און ווי זאָל איך נישט זיפצען.. ווי ס'פייער זשומעט אין אייוועז! די שונאים בילען ערגעץ. נעהם, בלומע, שיט אריין אביסעל זאַלץ אין אייוועז און זאָג: זאָל זיי אזוי זידען און ברענען אין הארצען...

פ ע ר י ל

איך האָב קיין שונאים נישט. גאָט האָט אזוי געוואָלט.

ב ת י ה פ י י ג ע

יעדער מענש האָט שונאים, פארגינען איהם נישט וואָס ער לעבט אויף דער וועלט.

י ש ר א ל נ ח

בעוויזט זיך אין טיר.

ב ת י ה פ י י ג ע

אָט איז דאָך, ישראל נח. כ'האָב געמיינט דו שלאָפסט שוין.

י ש ר א ל נ ח

צופלאַפּערט זיך אביסעל. שונאים, וואָס פאר א שונאים האסטו?

פ ע ר י ל

כ'האָב געמיינט דו שלאָפסט.

י ש ר א ל נ ח

צינד מיר בלומע אָן א לאמטערנע, איך וויל געהן זעהן וואָס אין שטאָל הערט זיך.

פ ע ר י ל

וואָס האָסטו איצטער צו טהאָן אין שטאָל, עס רעגענט אזוי!

י ש ר א ל נ ח

איך וויים נישט וואָס איהר ציטערט אזוי איבער מיר?

פ ע ר י ל

דו ביזט נישט געזונד, ציטער איך איבער דיר.

דאכט ?

בויגט זיך אַריבער דעם קינד.

ב ת י ה  פ י י ג ע

אזא ווייסטער חלום. וואָס עס קען קריכען אין קאָפּ אריין. טפוי זאָל עס ווערען.... דאכט זיך מיר כ׳האָב ס׳וויגעלע אויפגעהאנגען אויף א בוים און אזוי עס געוויגט מיט׳ן פוס ביז כ׳בין אנדרע־מעלט געוואָרען, און אימיצער איז דערווייל אָנגעקומען און האט אונטערגעזעגט דעם בוים און מיט אזא טראַך איז דער בוים אני־דערגעפאַלען — אזש כ׳האָב מיר פון שלאָף אויפגעכאַפּט.

פ ע ר י ל

און דאָס קינד ?

ב ת י ה  פ י י ג ע

אויף ווייסטע פעלדער זאָל עס אויסגעהן וואָס אין קאָפּ אריין קען קריכען.

פ ע ר י ל

ס׳איז נישט אומזיסט. זעהט נאָר ווי ער שמייכעלט. זעהט נאָר ווי ער מאכט שוין קנייטשען אויפ׳ן שטערען ווי אַן׳אַלטער.

אַלע דריי ווייבער שטעהן אַרום וויג, אַלע פארקוקען זיך צום קינד.

ב ת י ה  פ י י ג ע

די שכינה רוהט אויף דעם.

פ ע ר י ל

קינד מיינס...

ב ת י ה  פ י י ג ע

וואָס איז איצטער אויף דרויסען ?

ב ל ו מ ע

עס געהט א רעגען.

ב ת י ה  פ י י ג ע

אז דער רעגען גיסט אין דער צייט וואקסט אין פעלד די תבואה ; חלילה נישט אין דער צייט — רינט ער אין שטוב אריין דורך דעם צעלעכערטען דאך און דער דלות וואקסט אין שטוב. אוי וועה איז

אז כ'טרעט אריין אין ארט וואו דער פערד האט זיך געקאטשעט. מען זאגט, אז מען טראגט גאנצע צוועלף חדשים, אויב מען טרעט אריין אין אזא ארט.

פ ע ר י ל

עפעס א קלייניגקייט אז מען טראגט. מיט טויזענד אויגען בעדארף מען זיך אומקוקען.

ב ל ו מ ע

וואס זאגט איהר, מומע, ס'וועט גאר נישט זיין?

פ ע ר י ל

אפשר נאר אנ'איינרעדעניש.

ב ל ו מ ע

די גאנצע פרעהליכקייט איז פון מיר אוועקגעגאנגען. לייזער איז געווארען אנ'אלטער רזשאד. איך זאג אייך מומע, אז מען בעדארף נישט חתונה האבען.

פ ע ר י ל

דיר וועט מיט גאטס הילף גאר נישט פעהלען. זעהסטו שוין אז דו ביזט מזל'דיגער ווי איך. זיבען יאהר האב איך מיר געפלאגט ביז כ'האב א קינד זוכה געווען. און דו וועסט צו ניין חדשים א מאמע זיין.

ב ת י ה פ י י נ ע

דערשרעקט זיך פון שלאף. פאלט שיעור פון באנק נישט אראפ.

פ ע ר י ל

אוי, מאמע, וואס איז מיט דיר?

ב ת י ה פ י י נ ע

געהט צום קינד און בלאזט עס אפ.

טפוי, טפוי, טפוי, עס זאל אוועקגעהן צו אלע פוסטע וועלדער, צו אלע וויסטע וועלדער, צו דער זון, צו דער לבנה, עס זאל א ווינט קומען און פארטרייבען עס אין אלע טיפע ימים, טפוי, טפוי, טפוי...

פ ע ר י ל

אוי וועה איז מיר, אוי ווינד איז מיר, וואס האט זיך דיר אויסגע־

בלומע

וואָס האָט איהר זיך אזוי דערשראָקען?

פעריל

רייבט די אויגען, קוקט זיך אַרום.

בלומע

וואָס האָט זיך אייך געדראכט?

פעריל

צו אַלדע ווייסטע פעלדער זאָל עס אויסגעהן וואָס מיר האָט זיך גע־חלום'ט. אין הארצען לעדיג, עס ציהט און איז הונגריג. כ'האָב אזוי איינגעדרימעלט, טפוי, טפוי, צו אַלדע ווייסטע פעל־דער זאָל עס אויסגעהן. רבונו של עולם. צום קינד. פויגעלע מיינס, צוליעב דיר איז אויף אונז אזאַ אומגליק געקומען. אַזאַ פינסטערקייט אנגעפאַלען. בלייב שוין כאָטש דו מיט אונז.

בלומע

איך האָט זיך דען עפּעס גע'חלום'ט?

פעריל

ס'קלאפּט מיר אין הארצען ווי מיט א האמער. פון אַזאַ הויף. ס'האָט זיך מיר געדראכט, אַז די נייע שול האָט אָבגעברענט. איך בין מיט'ן קינד געוועזן אין דער ווייבערשער שול און אַז דאָס פייער האָט אַרום און אַרום זיך צעפלאַקערט בין איך מיט'ן קינד אויפ'ן האנט ארויסגעשפּרונגען אזש פון פענסטער.

בלומע

פייער איז דאָך מזל'דיג. אז מען זעהט פייער אין חלום איז אַ סימן, אַז מען וועט ווערען רייך.

פעריל

אין אַ שלעכטער שעה ביזטו מיר, קינד מיינס, געבוירען געוואָרען. אַלץ איז ווי מיט'ן פייער אוועק.

בלומע

איך, נאַר, האָב שוין היינט געוויינט אויף. איך בין געגאַנגען צום ברונעם אנשעפּען אַנ'עמער וואסער און כ'האָב גאָר נישט געזעהן,

ב ל ו מ ע

ער האָט געזאָגט אז ער וועט קומען.

י ש ר א ל נ ח

קוקט אין פענסטער.

שוין לאנג, אז דער רעגען גיסט?

ב ל ו מ ע

דעם גאנצען אבענד.

י ש ר א ל נ ח

כ'האָב זיך דערשראָקען. אזא נארישקייט. מונטערער. די מומע שלאָפט שוין לאנג?

ב ל ו מ ע

שוין אַ צייט.

י ש ר א ל נ ח

דאָס קינד האָט נישט געוויינט?

ב ל ו מ ע

ניין, ס'האָט נישט געוויינט.

י ש ר א ל נ ח

האָט לייזער געזאָגט אז ער וועט קומען?

ב ל ו מ ע

אודאי וועט ער קומען. וואָס האָט ער צו טהאָן אין שטאָדט?

י ש ר א ל נ ח

אז ער וועט קומען זאָלסטו מיך אויפוועקען.

געהט ווידער אין צווייטען צימער.

ב ל ו מ ע

הערט זיך צו. געהט צום טיר פון אַנדערען חדר.

איהר האָט מיך גערופען, פעטער?... יאָ, די מומע דרעמעלט נאָך.

געהט ווידער צום אייוועןָ.

פ ע ר י ל

כאַפּט זיך אויף דערשראָקען.

## דריטער אקט.

ביי ישראל נח'ן. אין שפעטען הערבסט. ביינאכט. דרויסען איז א ווינט און א רעגען. אויף א באנק אנגע־שפארט שלאפט די אלטע בתיה פייגע. נעבען איייוועו, וואס הייצט זיך, זיצט בלומע און קוקט אין פייער אריין. פעריל איז איבערגעבויגען איבער א וויג־בעט, זעהט אויס זייגענ־דיג דעם קינד איז זי איינגעדרעמעלט געווארען אזוי איבער'ן וויג. פון צווייטען חדר דערהערען זיך טריט. עס קומט ארויס ישראל נח.

ישראל נח

שטארק געעלטערט, געבראכען. ווייזט אויס ער איז געשלאפען אין די קליידער. ער מערקט נישט בלומען ביים פייער. ער שטעהט נעבען וויג און בעטראכט פערלען. ער ווענדט זיך צום טיר, קלערט ארויסצו־געהן.

בלומע

וואס האט די גאנצע צייט איהם נאכגעקוקט.

געהט נישט, פעטער, ס'איז א רעגען אין דרויסען.

ישראל נח

דערשרעקט זיך. שפייט אויס.

טפוי זאל עס ווערען...

בלומע

איהר האט מיך נישט בעמערקט?

ישראל נח

פאר וואס געהט מען נישט שלאפען?

בלומע

איך ווארט, לייזער בעדארף קומען.

ישראל נח

ער וועט נעכטיגען אין שטאדט.

פ ע ר י ל

בלייבט אליין. זעהט אוים ווי צעטומעלט. עס מאַכט אַנ׳איינדרוק, אַז זי וויל וויינען. פלוצלונג דריקט איהר געזיכט אוים פאַרוואונדע־רונג און פרייד. זי לאָזט זיך אַראָפּ אויפ׳ן באנק נעבען טיש און האַלט זיך ביים האַרצען...

ב ת י ה   פ י י נ ע

קומט אַרויס.

וואָס איז מיט דיר, מיין קינד? וואָס זיצסטו אַזוי? געהט צו איהר נאָהענטער, נעהמט זי אַרום און קוסט זי. זאָג מיר, קינד מיינס, וואָס זיצסטו אַזוי?

פ ע ר י ל

אוי, מאמע לעבען, הער זיך איין.

ב ת י ה   פ י י נ ע

וואָס איז דיר אַזעלכעס?

פ ע ר י ל

עס רירט זיך עפּעס אונטער׳ן האַרצען.

ב ת י ה   פ י י נ ע

א לעבען איז דאָרט, מיין קינד, א לעבען...

פ ע ר י ל

איך וויל לעבען, מאַמעשו... נעמהט דער מוטער אַרום האַלז. איך וויל לעבען...

י ש ר א ל   נ ח

קומט אַן פון שטוב.

ב ל ו מ ע

פיהרט איהם אונטער׳ן האַנט.

ᐁ

געהען אלע אוועק צום וועג.

א מחותן

קומט ארויס.

וואו איז דער עולם? שוין אוועקגעפאהרען.

געהט אוועק.

אשר און גרשון קומען ארויס.

אשר

ס'איז מיר אזש א פרעסטיל אדורך איבער די ביינער. לאמיר געהן אראבשטעלען די תבואה, און מיר וועלען צופאהרען אין שטאדט אריין. מען בעדארף דעם רב מודיע זיין.

גרשון

אפשר, וואלט מען איהם געקענט מיטנעהמען.

אשר

זעה נאר גראבע יונגען, ווי זיי האבען זיך אבגעטראגען. שמייסען די פערד, הערסט?

פעריל

קומט. ארויס.

וואס זאגט איהר צו מיין אומגליק?

גרשון

קיין בייז זאל נישט זיין.

אשר

ער האט מיך באמת איבערגעשראקען.

פעריל

ער האט שוין, זאגט ער, לאנג נישט געדאווענט מיט א מנין, זאגט ער... אזוי פיעל פרעמדע מענשען אנגעקומען אין מיטען העלען טאג. נאר מיט שרעק זאל מען אבקומען, רבונו של עולם.

גרשון

עס ווערט נאכט. קום אשר, לאמיר די תבואה אראבשטעלען.

געהען ביידע אוועק.

פ ע ר י ל

קומט ווידער אַרויס.

זאָל די באבע אריינגעהן, אנ׳אַלט מענש, אפשר ווייסט זי עפּעס א תרופה.

א א י ד ע נ ע

אַט, לאָזט זי צורוה. אנ׳אלט מענש, ס׳קען חלילה מיט איהר עפּיס טרעפען!

פ ע ר י ל

באבע, מיין מאַן איז מיר פלוצלינג איינגעפאלען..

ב ל ו מ ע

בעווייזט זיך.

קומט אריין מומע, שוין בעסער.

פ ע ר י ל

איילט אין שטוב אַריין.

ב א ב ע

וואָס אימיצער אויסגעגאנגען?

א י ד ע נ ע

געלויבט איז דער אויבערשטער.

א מ ח ו ת ן

קומט אַרויס.

וואָס פון א מענשען קען ווערען! שוואך ווי א שטרוי.

א י ד ע נ ע

נו, בעסער, בעסער. ער האָט שוין גערעדט.

ח ת ן

קומט אַרויס.

מ ח ו ת נ ת ׳ ט ע

גאָר נישט רעכט געוועזן פאר דיר אהין אריינצוגעהן. ווי פאלסטו עס אוים צו טהאָן אזא זאך. קום שוין.

ח ת ן

וואוילע מענשען... נישטאָ וואָס צו מאכען.

ב א ב ע

הא וואס, מען פאהרט שוין?

א מ י י ד ע ל

יא, באבע, מען פאהרט שוין.

א מ ח ו ת ן

האבען זיך אלע אין שטוב פארקליבען?

צ ו ו י י ט ע ר

ווי ער זאל עפּיס מורא האבען פאר מענשען.

פ ע ר י ל

בעוויייזט זיך אין טיר.

גיכער, אידען, מיין מאן האט גע'חלש'ט.

א ש ר

קומט, אידען; קומט, אידען.

אלע מענער לאזען זיך אין שטוב אריין.

ב א ב ע

הא, וואס איז עס פאר א קולות. עפּיס געטראפען מיט'ן חתן?

א מ י י ד ע ל

ניין, באבעשו. דער בעל הבית פון דער שטוב איז עפּעס איינגע־פאלען.

ב א ב ע

מיר האט זיך טאקי גע'חלום'ט עפּיס א שלעכטער חלום.

מ י י ד ע ל

מאמעלאך מיינע, הערסט ס'האט זיך איהר גע'חלום'ט.

צ ו ו י י ט ע

זעהר א שלעכטער סימן. קום, באבע, צום וואגען. מיר וועלען דיך אויפזעצען. מען האט שוין די פערד איינגעשפאנט.

ד י ו ו י י ב ע ר

שטעהען נעבען טיר אין ערווארטונג. געהען אבער אין שטוב נישט אריין.

א צוויטער

ער איז גאָר פון דער וועלט אוועק און נישט זי?...

ערשטער

זי האָט אויסגעלעבט איהרע יאָהרען.

א מיידעל

קומט צו.

וואָס דערצעהלט מען דאָ?

א מחותן

לאָמיר געהן שפּאַנען די פערד.

א מחותנת'טע

וואָס אויף דער וועלט קען פּאַרלויפען...

חאַטש זיי רעדען ניט אַרויס, דאָך איז צו מערקען, אַז אַלעמען האָט אַן'אונהיימליכקייט ארומגעכאַפּט און דער עולם וואָלט וועלען וואָס גיכער פאָהרען.

חתן

וואָס איז געשעהן? פאַר וואָס היילט מען זיך אַזוי? די פערד האָבען זיך נאָך נישט אויסגערוהט.

מחותן

גאָר נישט. מעגסט נישט וויסען.

א מיידעל

די באָבע איז איינגעשלאָפען.

אידענע

ווי וועקט מען איהר? שלאָפט נעבעך.

מחותן

לאָמיר געהן איינשפּאַנען די פערד.

געהען אַוועק.

אידענע

וועקט דער אַלטער.

באָבעשו, איהר שלאָפט? מיר פאָהרען שוין.

א איד ענע

ס'איז גאר נישט רעכט זיי זאלען טאנצען. זיי נעבעך פארביטערט ס'הארץ,

גרשון

געפאלען, און נישט צו מאכען.

א מחותן

איך קען א מעשה, דער טאטע מיינער זאל זיין אין גן עדן האט עס דערצעהלט. מיט זיין זיידען אין שכנות האט געלעבט א ישובניק. דאכט מיר אברהם יונה ער געהייסען. האט קיין קינדער נישט געהאט. אלץ וואס אין דער וועלט האט מען אויסענגעטהאן און ס'האט נישט געהאלפען. ביז איינער, א גוטער איד, איז דורכגע־פאהרען, האט ער צו זיי געזאגט, צוביידען האט ער געזאגט, נו, צום ישובניק, צו אברהם יונה'ן מיט'ן ווייב זאגט ער... מעהר נישט, א קליינינקייט בעדארף א איד צו זאגען. מפקיר זיין זיך. דער מאן זאגט ער, אדער זי, קיין חילוק נישט.

די ווייבער

שפייען אויס.

בעהיט און בעשירעמט זאל מען ווערען.

אשר

טהוט א פאטש מיט די הענט.

די אייגענע מעשה דא! הערסט גרשון?

א אידענע

שרייט צו די מיידלאך.

גענוג שוין אייך דארט צו טאנצען!

א אידענע

נו, און וואס איז געוועזן?

מחותן

גאר נישט. ער איז פון דער וועלט אוועק. זי האט טאקי געבוירען א אינגעל. דאכט מיר איך האב איהם געקענט. און ער איז פונקט צו פינף חדשים פון דער וועלט אוועק.

מ ח ו ת ן

וואס הייסט?

א צ ו ו י י ט ע ר

טאקי, וואס הייסט?

א ש ר

א טייערער איד.

א א י ד ע נ ע

בעהיט און באשירעמט זאל מען ווערען.

א מ ח ו ת ן

מען זעהט טאקי ער שווייגט.

צ ו ו י י ט ע ר

וואס האט טאקי פאסירט מיט איהם?

ב א ב ע

הא, וואס דערצעהלט מען?

א א י ד ע נ ע

דער מענש איז געפאלען. א יורד. וואס גאט קען מאכען! האבען זיי קינדער?

א ש ר

אליין צוליעב א שטיקעל קינד. ס'לעבען מפקיר געוועזן און געפאלען. איצטער שווער איהם צו הויבען. דער רב אליין, זאל געזונד זיין, קען איהם נישט הויבען.

ג ר ש ו ן

פון טאג צו טאג געהט ער איין. ער איז דאך נאך קוים אריבער דרייסיג יאהר.

י ש ו ב נ י ק ע ס

שמוצערען מיט די ליפען.

אריבער דרייסיג... דער מענש זעהט דאך שוין אויס א פופציגער.

א מ ח ו ת ן

צו די מיידלאך וואס זינגען הויך.

שווייגט דארט! לאזט א ווארט אויסרעדען.

שענע שפייכלערס באנ'אייך. עפּיס דאָרט פאַרהאַן אין די זשאָסיע־קעס ?

א ש ר

אמאָל געווען די שפּייכלערס פול. וואָס זאָגסטו, ישראל נח ?

ג ר ש ו ן

פיין, פיין, אידען מאַכען חתונה קינדער — כ'האָב אויך אַ פּאָר מיידלאַך. בריה'ס קינדער.

י ש ר א ל נ ח

ס'איז צו מערקען, אַז ער שפּירט זיך שלעכט. פאַר דער גאַנצער צייט קען ער זיך קיין אָרט נישט געפינען. דרעט זיך אום פון אָרט צו אָרט. ער געהט אַוועק אין שטוב אַריין.

א מ י י ד ע ל

אַ, אַ, דער חתן האָט זיך אויך גענומען לערנען טאַנצען דעם כשר־טאַנץ.

א צ ו ו י י ט ע

אין דעם ברוגז טאַנץ קען ער נאָך אויך נישט. איהר וועט זעהן, אַז מיר וועלען זיך נאָך מיט איהם בעדאַרפען שעמען.

א מ ח ו ת ן

נעה, חתן, שעם זיך נישט. לאָמיר זיי טאַקי בעווייזען וואָס מיר דאָרפישע אידען קענען.

ד ע ר ח ת ן

געהט צו די מיידלאַך. מען זינגט דעם ברוגז טאַנץ.

א ש ר

צו גרשונ'ען.

ער איז ווידער אין שטוב אַוועק. דער מענש געהט איין.

ג ר ש ו ן

איהר האָט אַנגעקוקט דעם אידען ?

ווארום וואָס אַזעלכעס ?

א ש ר

דער מענש איז געפאַלען, אַ שטאַרקער מענש געווען. און געפאַלען.

ג ר ש ו ן

וואָס עפּיס צום וועג? איהר שעמט זיך?

ב ל ו מ ע

קומט דאַ נעבען סאַד.

ח ת ן

איך וויים דאָך, אז איהר קענט נישט.

א מ י י ד ע ל

מיר וועלען זיך שוין טאַקי ביי דיר לערנען. ער מיינט טאַקי אז די שטאָרטישע מיידלאך... קום צום סאַד.

מיידלאך שיסען אוים מיט אַ געלעכטער.

זיי געהען אַוועק אין הינטערגרונד. צוויי זינגען און די איבּריגע טאַנצען אַ לאַנסיי אוים.

א א י ד ע נ ע

מיידלאך, קיין עין הרע, א ברכה צו מאכען איבער זיי.

א צ ו ו י י ט ע

זעה נאָר ווי דיין רייזעלע טאַנצט עס.

ח ת ן

אזוי קען מען מיינען, אז זי קען נישט איבערצעהלען צוויי מיט צוויי.

א מ ו ט ע ר

דיר האָט נישט געפּאסט צו קלייבען אַ כלה פון אייגענעם דאָרף.

א צ ו ו י י ט ע

ס'האָט זיך איהם פארשמעקט אַ גרויסער נדן.

א מ ח ו ת ן

ביי אונז האָט פאר אַ פּאָר וואָכען דער האגעל אביסעל צוגעשלאָגען די תבואות.

צ ו ו י י ט ע ר

פונקט ווען ס'האָט אין רעכטען דערשטעהן געהאלטען.

ע ר ש ט ע ר

נישטיג די פעלדער היינטיגס יאָהר. גאָר נישטיג. צו ישראל נח'ן.

די מיידלאך

קייען געשמאַק. סוד'ן זיך. לאַכען פון צייט צו צייט אויס.

חתן

נו, מיידלאך, לחיים. אין גיכען באַנ'אייך!

אשר

אַ פיפיגער חתן.

אַ מחותן

קען די וועלט. נישטאָ אַ דאָרף, נישטאָ אַ שטעטיל אין דעם געגענד ער זאָל נישט האָבען געוועזן.

אַ אידענע

ס'איז דאָך עפּיס מיין זוהן. איהר וואָלט זעהן ווי ער שרייבט אַ בריף.

אשר

נישט אומזיסט געקליבען אַ כלה פון אַזוי ווייט.

חתן

איך נעהם אייך, מיידלאך, מיט אויף דער חתונה און זעהט איך זאָל זיך ניט בעדאַרפען שעמען פאַר דער כלה'ס צד.

אַ אידענע

כ'האָב מורא אַז זיי וועלען זיך בעדאַרפען שעמען פאַר אונז.

חתן

דאָרטען וועלען זיין שטאָט'עשע מיידלאך. איהר וועט נישט קענען מיטטאַנצען מיט זיי.

אַ אידענע

וועלען שטאָט'עשע קלעזמער אויך זיין?

אַ מיידעל

צו די אַנדערע מיידלאך.

קומט, ביז זיי וועלען פאַרטיג ווערען וועלען מיר טאַקי טאַנצען נאָך אַמאָל דעם לאַנסיי.

אַ צווייטע

לאָמיר געהן צום וועג.

א ישובניק

לחיים!... ס'גאַנצע געלט געבען?

אשר

אויף זיין חשבון, פון דעם פונדאַמענט ביז צום קוימען.

די ישובניקעס קנאַקען מיט די צינגער פאַר וואונדער.

א ישובניק

וואָס אַ איד קען ביי זיך פועל'ן!

אידענע

איהר הערט, באַבע, דער בעל הבית פון דאַנען בויט דאָך אַ שול פאַר זיין געלט.

באבע

האַ, יע... מיין זיידע זאָל זיין אין גן עדן ס'גאַנצע פאַרמעגען גע־פטר'ט. צדקה געגעבען.

ישראל נח

קומט אָן

א מחותן

אַט איז דער בעל הבית. וועט איהר מיט אונז נעהמען לחיים?

א צווייטער

פאַר וואָס עפּעס נישט?

חתן

וואָלט נישט געוועזן אַזוי ווייט וואָלט מען זיי פאַרבעטען מיט אונז אויף דער חתונה.

א מחותן

אַ קשיא אויף אַ מעשה. אַ איד קען זיך פאַרגינען.

ישראל נח

מאַכט אָוועק מיט דער האַנט.

נישט איצטער. געוועזן אַנדערע צייטען.

א מחותן

נו, אויב אַזוי, לחיים! זאָל גאָט געבען שמחות ביי אידען.

צוויי טער

כ׳וואלט עס וויסען אז דא זענען אזעלכע זעמד. געקענט נאך א פערד שפאנען.

בתיה פיינע

בעווייזט זיך. ווינקט אונרוהיג צו פערלען פון וויימענס.

פעריל

געהט צו איהר.׳ יענע רופט זי אין שטוב אריין.

בלומע

בעדינט דעם עולם.

א ישובניק

צו אשר און גרשון, וואס שטעהען פון וויימען מיט די ביימשען אונטער די ארעמס.

איהר זענט דאך אויך פרעמדע אידען. קומט לאמיר נעהמען לחיים. קומט אהער... אט אזוי... לחיים! זאל גאט געבען ישועות אויף אידען. וואו איז עס עפּים דער בעל הבית אליין?

גרשון

לחיים... דער בעל הבית... יא לחיים, אשר, אם ירצה השם ביי דיי־נע קינדער... לחיים, חתן! זאל זיין מיט גליק.

אשר

לחיים אידען, לחיים חתן, מארגען אין דער צייט כע, כע, ט׳קלעמען אונטער׳ן הארצען... לחיים!...

גרשון

אנ׳אפענע שטוב ביי דעם אידען וואו איהר זענט איצטער.

א ישובניק

געהערט, געהערט.

אשר

ער האט דאך גענגעבען געלט אויף א שול, איהר האט דאך מסתמא געהערט?

גרשון

יא, בדלות געווארען... לחיים...

ע ר ש ט ע

אי, אי, אי... א מומע, ער א פעטער? זיי מאכען עס דיך חתונה... איהר הערט א ביסעל... א יתומה מן הסתם?

ב ל ו מ ע

כ'האב זיך אויסגעהאָדעוועט ביי זיי.

א י ד ע נ ע

אי, וועה, זעהט נאָר א ביסעל. שעהנע מענשען זעהט אויס... איהר הערט באבעשו, דאָס איז דאָך זיינע א פלימיענעצע, ער מאכט עס איהר חתונה.

א מ י י ד ע ל

נדן גיט מען אייך?

ב ת י ה פ י י ג ע

איהר מעגט זיך ווינשען אייערע קינדער אזוי פיל צו געבען.

די ווייבער וואונדערען זיך.

פ ע ר י ל

קומט אָן מיט אַ קריגעל מילך.

וואו זענען עפּיס די מאנסלייט?

ב ת י ה פ י י ג ע

דאווענען מנחה. געהערט א קדושה.

פ ע ר י ל

א שאָד. אזא שאָד.

ב ת י ה פ י י ג ע

איך האָב דיך שוין אין זינען געהאט. איך וועל געהן ברענגען טע־פעלאך פאר די מילך וועגען.

געהט אַוועק.

די מאַנסבילען קומען אָן. אַנדערע ווישען די הענט אין די פּאָ־לעס. זעהט אויס געוואשען זיך אין שטוב. געהען צום טיש מאַכען אַ מוציא איבער די בייגעל.

א י ש ו ב נ י ק

מיין פערד האָט מיר אָנגעהויבען א ביסעל צוצוהינקען.

מען העלפט דער באבען זיך אויפשטעלען. זי שפרינגט „קדוש“.

א אידענע

ווארט, ווארט, ס'איז נאך צו פריה — נו אט איצטער.

פון שטוב דערטראָגט זיך „קדוש, קדוש“. די ווייבער שטעלען זיך און כאַפּען אונטער דעם קדוש. ביז עס ווערט אין גאַנצען שטיל.

א אידענע

אם ירצה השם א גוטען סימן. אזוי אומגעריכט צו אידען אריינגע־פאלען און נאך א קדושה הערען.

א מיידעל

אמת, באבעשו, ס'איז א גוטער סימן?

באבע

הא, יע... ס'איז צום גוטען.

א מיידעל

צו בלומען.

פון וואנען איז אייער חתן?

בלומע

א היגער.

א אידענע

נאך די מילך אויף די ליפּען.

צווייטע

איך אין איהרע יאהרען בין איך שוין געווען א מאמע פון צוויי קינדער. מיין סענדער איז דאך מיר געבוירען געוואָרען נאך איי־דער איך בין אפילו זעכצעהן יאהר אַלט געוואָרען.

ערשטע

וואס זשע קערען זיי זיך איך אן?

בלומע

זי איז מיינע א מומע.

צווייטע

אזוי, דאָס איז א מומע.

אַלע מענער געהען אין שטוב אַריין.

ד י  ב א ב ע

דאַווענט דאָרט כ'זאָל קענען הערען קדושה.

א  מ י י ד ע ל

ס'איז אייך אפשר קאַלט, באַבעשו, וועל איך אייך ברייגגען א פאַ־
טשיילע.

צ ו ו י י ט ע  מ י י ד ע ל

דאַ איז אַזוי שעהן, אַזאַ גרויסער סאַד, מען האָט דאַ געקענט פּראַווען
די חתונה.

ד ר י ט ע  מ י י ד ע ל

זעה נאַר ווי די בוימער זענען אָבגעשאָטען מיט עפּעל.

ב ל ו מ ע

קומט אַרויס.

אַזוי פיעל געסט, חתונה לייט. אויף מיין חתונה וועט אזוי פיעל
מענשען נישט זיין.

א  א י ד ע נ ע

איהר זענט א כַּלה?

ב ל ו מ ע

שוין א כלה.

א י ד ע נ ע

דאָך נאָך גאָר א ציג.

ב ל ו מ ע

מיין חתונה וועט זיין חנוכה.

א  מ י י ד ע ל

דאָס איז נאָר פון חתן'ס צד אַליין. הײנט וואו איז עפּעס כלה'ס
צד? מען זאָגט, אז דאָרט וועלען אפשר פינף מנינים מענשען זיין.

א י ד ע נ ע

שטעהט נאָר, שווייגט א ווײלע, דאַכט מיר שוין באַלד קדושה.

ב א ב ע

הא, קדושה, האַלט מיר אונטער כ'וויל זיך אויפהויבען.

אויפ'ן טיש.

ד ע ר ח ת ן

קומט אַן.

אַ, אַ, זיי קלייבען זיך דאַ מאכען א סעודה.

אַ מ ח ו ת ן

דאָס איז דער חתן. גאָר א שנעק. אָבער א לייט א בחור. קלאפּט דעם חתן איבער'ן פּלייצע. איז מפרנס א גאַנצע שטוב.

ד ע ר ח ת ן

נו, באבע, וואָס מאכט איהר?

ב א ב ע

הא, יע... ס'אי מיר גוט.

ד ע ר ח ת ן

איהר זענט שלעפעריג, באבע, מען קען אייך דאַ איבערלאָזען אויב איהר ווילט.

דער עולם לאַכט.

ב א ב ע

מאכט חוזק פון א באבען. ווי דען, אין דער היים בעדארפט בלייבען? ביי זיי איז דאָך רעכט געווען אַז איך זאָל בלייבען אין דער היים. כ'מאך חתונה ס'לעצטע אייניקעל זאָל איך בלייבען אין דער היים.

י ש ר א ל נ ח

אפשר ווילט איהר דאווגען מנחה, אידען? דאכט מיר א מנין פאר־האַן.

אַ מ ח ו ת ן

טא — טא — אנ'איינפאל, ווי איך בין א איד! נישט איינס, נישט צוויי, נישט דריי... פּונקט א מנין!

י ש ר א ל נ ח

אין שטוב אנ'עמוד אויך דאַ.

א ש ר

כא, כא, אנ'אנטיק אין דער וועלט. מאכען א הויכע קדושה. קומט אריין אין שטוב ביז די ווייבער וועלען דאַ צוגרייטען.

עס קומען אָן נאָך מחותנים, טראָגען טלומאקעס מיט זיך.

ב ת י ה   פ י י נ ע

וועט איהר גאָר אפשר אריינגעהן אין שטוב?

י ש ו ב נ י ק

נאכמאל אנטראגען מיסט אין שטוב אריין. מען וואָלט דאָ שטעלען א שטיקעל טיש.

א ש ר

קום, גרשון, וועלען מיר ארויסטראגען א טיש פאר די חתונה לייט.

געהען אוועק.

פ ע ר י ל

איך וועל לויפען אנמעלקען א קרוג מילך.

געהט אוועק.

א   י ש ו ב נ י ק

איך האָב גאָר נישט געוואוסט, אז דאָ וואוינט עס ישראל נח לפינעווער, וואָס בויט עס די שוהל אין שטאָדט. עפּיס איין מאָל איז אויסגעקומען דאָ דורכצופאָהרען, אבער קיין צייט נישט געהאט זיך אבצושטעלען. צוריק בין איך שוין געפאָהרען מיט אנ־אנדער וועג.

אשר, גרשון ברענגען א טיש.

פ ע ר י ל

קומט אָן מיט א טישטוך, פארשפרייט דעם טיש און געהט אוועק. טראָגט מיט זיך א קרוג.

א   א י ד ע נ ע

זעצט אנידער דער באבען נעבען טיש.

צ ו ו י י ט ע   א י ד ע נ ע

עס ברעכען מיר די ביינער גלייך איך וואָלט הונדערט פוד משא אויף די פלייצעס געבראכט. נו, מיידלאך, וואָס שטעהט איהר? נעהמט ארויס פון די פעקלאך וואָס ס'איז דאָרט פאראן און גרייט צום טיש.

מען פאַקט אויס בייגעל, קעז, פוטער, אייער. מען לעגט עס

וואס צו מאכען.

בתיה פייגע

די וועלט האט אונז נישט פערגונען.

גרשון

נישט דאס איז אין גאנצען. מען רעדט אמאל ארוים פון מויל אזא זאך און דער נאך, גוטער ברודער, האלט ווארט... איהר פארשטעהט? ס'ווענדט זיך ווען מען רעדט זיך ארוים. אמאל אזא מינוט און גאר נישט.

בתיה פייגע

וואס זאל איך זאגען? איך בין א נארישע אידענע. וואס פערשטעה איך מישטיינסגעזאגט? אויב נאר ארימקייט איז אונז באשערט וואלט איך עס שוין פאר ליעב אנגענומען. בעסער אין ארימקייט און פרייד איידער עשירות און לייד. אוי וועה איז מיר.

גרשון

ער האט זיך צופיעל אבגעלאזען. א מאך געטהאן מיט'ן האנט. דאס זעהט איהר געפעלט מיר שוין נישט.

בתיה פייגע

איך מאך קיין נאכט מיט קיין אויג נישט צו... כ'לעבען זיי געהען אלע אהער.

עס קומען אן די חתונה לייט. צוויי אייניקלאך, מיידלאך, פיהרען אונטער די הענט דער אלטיטשקער באבע. הינטען געהען ישוב'ניקעס, ווייבער מיט קינדער אויף די הענט און ביים זייט. די קליידער צעקנייטשט, מיט שטרוי בעדעקט.

באבע

הא, גוט. גאר די ביינער צעבראכען. כע, צו דער עלטער נאך חשק פארהאנען. גאט העלף.

א מיידעל

באבעשו, אפשר וועט איהר זיך זעצען?

באבע

ווי דען, א שעהנע וועלט הא, אומעטום אידען.

שטוב אריין.

פעריל

דאס זאג איך דאך. קום, מאמע, וועלען מיר זיי בעטען.

אשר

אין וואס וועט איהר נעהמען דעם האבער? וועל איך אייך געהן אפוועגען.

ישובניק

אין די טארבעס.

ישראל נח

טאמער וואלט איהר טאקי זיך לאזען איינרעדען? שפאנט אויס די פערד, מען וועט מאכען אנ׳עסען.

ישובניק

מען פיהרט פון אלדאס גוטס. דריי טעג געבאקען און געבראטען.

פעריל

איך וועל זיי געהן פארבעטען אין שטוב אריין.

ישובניק

עס פאהרט דעם חתן׳ס א באבע. א זקנה קיין עין הרע, אריבער ניינציג. האט נישט געוואלט בלייבען אין דער היים. „בא׳מיין אייניקעל איז חתונה, זאגט זי, ניין איך וועל נישט בלייבען אין דער היים“.

פעריל

קומט לאמיר זיי אראפנעהמען פון די וועגענער.

אלע געהן אוועק אויסער בתיה פייגע און גרשון בלייבען.

גרשון

ווייסט איהר וואס איך וועל אייך זאגען, אז ישראל נח האט בע־דארפט אריינציהען אין שטאט.

בתיה פייגע

דו זאלסט עס זאגען.

גרשון

ווארום אז עס קלעפט זיך נישט הייבט אן צו פאלען. איז נישטא

ישראל נח

שלום עליכם, איך בין עם ישראל נח.

ישובניק

דאס זענט איהר ישראל נח? מען האט געשמועסט אז א יונגער מאן זאל ער זיין.

אשר

ישראל נח איז נישט אלט. וויפיעל ביזטו אלט? אין איינע יאהרען מיט מיר. איין און דרייסיג יאהר.

ישובניק

הייסט עס האב איך א טעות געהאט. קריגט מען באנ׳אייך האבער פאר די פערד?

ישראל נח

א סך האבער בעדארפט איהר?

ישובניק

פינף פערד. דער וועג איז זעהר זאמדיג געמוזט צושפאנען א איבריגען פערד.

פעריל

וועט איהר דאך דא נעכטיגען?

ישובניק

חלילה. אזוי אנ׳האלבע שעה. די וועגענער אנשמירען. די פערד זאלען א ביסעל איבערכאפען.

גרשון

א מחותן מסתמא?

ישובניק

דעם חתן׳ס א פעטער. פון דער מאמעס צד א פעטער.

פעריל

טאמער וויל אימעצער פון אייערע לייט עסען, טרינקען זאלען מוחל זיין אריינגעהן אין שטוב.

בתיה פיינע

קומט ארויס.

דאס זענען דאך חתונה לייט. מען בעדארף זיי פארבעטען אין

מען הערט פון ווייטען אַ גערויש פון פוהרען וואָס פאָהרען מיט'ן וועג.

א ש ר

הא, הא — דאָס פאָהרען די חתונה לייט, וואָס מיר האָבען דאָרט געטראָפען נעבען קרעטשמע פאַשענדיג די פערד.

י ש ר א ל נ ח

לייזער זאָל עס זיין. ער איז ארויסגעפאָהרען איבער די שכנ'ישע דערפער.

א ש ר

דאָס זענען זיי. חתן'ס צד. כ'האָב גערעדט מיט זייער פוהרמאַן, זיי האָבען נאָך אַ קימא לן פון זעכצעהן מייל. די כלה איז פון פינטשעווע.

פ ע ר י ל

א בעלנות געווען פון אזא ווייטקייט א כלה צו זוכען.

ג ר ש ו ן

הא — הא, זיי האָבען זיך דאָ אָבגעשטעלט.

י ש ר א ל נ ח

אפשר וועלען זיי דאָ נעכטיגען.

פ ע ר י ל

מאָרגען ערשט איז דאָך מסתמא די חופה.

א ש ר

היינט קען דאָך שוין נישט געמאָלט זיין. האָסט אָנגעקוקט דעם חתן? נאָך גאָר אַ אינגעל.

עס קומט אַן אַ ישובניק.

י ש ו ב נ י ק

אַ גאָט העלף! דאכט מיר אז דאָ וואוינט ישראל נח לאפינעווער?

א ש ר

יא. שלום עליכם.

י ש ו ב נ י ק

עלים שלום! דאָס זענט איהר ישראל נח?

א ש ר

איי, דו רעדסט נארישקייטען. איך פארשטעה אין דעם גאַר נישט. בעדארף איך שווייגען. אַ מענש בעדארף לאַזען אַ קדיש, זאָג איך.

י ש ר א ל  נ ח

קומט אָן.

טהוט ווי איהר פארשטעהט. מיר הויבען זיך נישט די הענט מעהר.

ג ר ש ו ן

מיר ווילען איהם גאַר נישט פרעגען, מען וועט זעהן, אז אין שפייכלער זאָל זיין תבואה און ישראל נח וועט די אויגען עפענען.

י ש ר א ל  נ ח

איך זאָג אייך נאָך אמאָל, טהוט ווי איהר פארשטעהט.

א ש ר

קום, מיר ווילען אין זשאסיעק ארייגשיטען. די זעק בעדארף איך האָבען. און דאצו האָב איך מורא אראָפצושטעלען מיט די זעק, די מייז קענען זיי צועסען. אז ס'איז נישטאָ קיין תבואה ווערען די מייז בעלנים אויף די זעק.

פ ע ר י ל

קומט אָן.

אַ גוט יאָהר אויף אייך. מיר זענען נאָך חלילה קיין פארפאלענע נישט. איהר מעגט זיין זיכער, אז גאָט וועט אונז העלפען.

ג ר ש ו ן

ווער פרעגט באַנ'אייך געלט? אידענע וואָס איהר זענט.

פ ע ר י ל

איך וועל זעהן, אז פון אייערס זאָל חלילה גאַר נישט געמינערט ווערען.

ג ר ש ו ן

וואָס איז די נפקא מיניה. ביי מיר ווייסט מיין ווייב אַ פייג אין ראָסיל. ווארום ווער בעדארף זיי זאָלען זיך מישען אין אונזערע עסקים? זאָלען זיי שוין בעסער צוואגען די קינדער די קעפּלאָך, וועט זיין גלייכער.

ג ר ש ו ן

אבער א שוהל. ברודערקע... איינע אין גענענד וועט עס זיין!

א ש ר

זעהסטו איך האב דרך ארץ פאר איהם. א גראבער אינגעל געווען און זעהסטו אזוי זיך אויסגעאיידעלט.

ג ר ש ו ן

ס'איז מיר שוין שווער געווען צו זאגען איהם „דו“.

א ש ר

דער רב האט נאך איצטער אויך גרויס אבשיי פאר איהם.

ג ר ש ו ן

ער האט דאך איהם געמאכט פאר א קבצן.

א ש ר

און אלץ צוליעב איין שטיקעל קינד.

ג ר ש ו ן

איך זאג דיר אז דער מענש וועט נאך קומען צו זיך.

א ש ר

אז מען וועט איהם נישט ארויסהעלפען וועט ער פאלען.

ג ר ש ו ן

די שטאט, דאס זענען גזלנים. ווי צאפט מען עס אזוי פון א מענשען. איצטער האט מען א מאך געטהאן אויף איהם מיט דער האנט.

א ש ר

כא — כא — כא — א קלוגער איד דער רב. ווארום וואס? א מענש שטארבט אבער א שוהל בלייבט. ווי אזוי זענען דען אלע שוהלען געבויט געווארען? עפיס א רייכער ישובניק האט זיך אונטער גענומען.

ג ר ש ו ן

אבער גוטער ברודער מיט א לעבען שפילט מען זיך נישט. גיט א קנאק מיט דער בייטש. געלט גוטער ברודער וויפיל דו ווילסט. נדבות ביז'ן האלז, אבער א לעבען — דאס טאר מען נישט פארערען.

אַז ישראל נח זאָל ווערען הינטערשטעליג? נאַר, ס'אי גאַר נישט, ווען אַ מענש פאַלט בעדאַרף מען נישט לאָזען.

א ש ר

וואָס זשע זאָגסטו?

י ש ר א ל נ ח

כ'וועל מיר מישב זיין מיט מיין ווייב.

ג ר ש ו ן

כאַ, כאַ, כאַ, אַנ'איינפאַל אַביסעל.

א ש ר

האַסט זיך שטענדיג אין מסחר מישב געווען מיט פערלען?

ג ר ש ו ן

מיינע ווייסט ביי מיר אַ פייג. איך בעדאַרף איהר געבען אויף שבת הוצאות. וואו איך נעהם עס? דאָס איז שוין נישט איהר באַבעס דאגה.

א ש ר

נו, און וואָס פאַר אַ שפּייבלער זאָל מען עס אַראָפּשטעלען?

י ש ר א ל נ ח

איך מוז מיר מישב זיין פריהער.

געהט אין שטוב אַריין.

א ש ר

וואָס פון אַ מענש קען דאָס ווערען!

ג ר ש ו ן

עס ווילט זיך גאַר נישט גלויבען.

א ש ר

אַט אַזוי איז עס, אַז מען כאַפּט איבער די מאָס.

ג ר ש ו ן

טעוויען האַט ער דאָך זיינס אָבגעצאַהלט.

א ש ר

און אַליין אין איין העמד געבליבען.

י ש ר א ל  נ ח

איך האָב פריהער אזוי געטראכט, אבער איצטער האָב איך מיר ארומגעזעהן אז ס'איז נישטאָ וואָס אָפּצולעגען.

ס'הערט זיך אַ שטימע רופען: „בלומע", „פּעריל".

ב ל ו מ ע

די באבע רופט. איך געה שוין.

פּ ע ר י ל

קום דו אויך אין שטוב אריין.

י ש ר א ל  נ ח

כ'וועל באַלד אריינקומען. דאכט מיר אימעצער פאָהרט מיט'ן וועג.

די פרויען געהען אַוועק.

אשר און גרשון קומען אָן מיט די בייטשען אין די הענט.

י ש ר א ל  נ ח

אָ, ווער עס געהט! אזאַ צייט נישט געזעהן.

א ש ר

וואָס הערט מען עפּיס נייעס?

ג ר ש ו ן

מיר פיהרען אַ ביסעל תבואה.

י ש ר א ל  נ ח

אין שטאָט אריין מסתמא.

א ש ר

נישט געדרונגען. אויב דו ווילסט קענען מיר די תבואה צו דיר אראָפּשטעלען.

י ש ר א ל  נ ח

אַ שטיקעל מניעה פאַרהאַן. נישטאָ קיין מזומנים.

א ש ר

ווער בעט געלט ביי דיר. וועסט פארקויפען דאנאָך וועט מען זעהן. די וועלט געהט אונטער, וואָס?

ג ר ש ו ן

איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, ווער האָט עס געקענט טראכטען,

ב ל ו מ ע

פאר וואס ווילט איהר מיך אזוי פריה חתונה מאכען?

פ ע ר י ל

האסט פיינט לייזער'ן? איהר האט זיך דאך די קעפ אבגעדרעט.

ב ל ו מ ע

באשר פריהער. איצטער ווילט זיך מיר גאר נישט אזוי גיך חתונה האבען. צייט נאך די תנאים איז לייזער געווארען אנ'אלטער דזשאד.

י ש ר א ל נ ח

וועסט האבען א טרייען מאן.

פ ע ר י ל

לייזער וועט דיך אויף די הענט ארומטראגען.

י ש ר א ל נ ח

ווען נישט דער רב וואלט אונז עס גאר נישט ארויפגעקומען אויפ'ן זינען.

ב ל ו מ ע

פאר וואס איז ער נאך אזוי לאנג נישטא פון שטאט?

פ ע ר י ל

זעהסט, ווי זי בענקט שוין בעצייטענס.

ב ל ו מ ע

איי געהט, מומע, איהר מאכט פון מיר חוזק. האט איהר זיך נישט בעדארפט אזוי איילען.

פ ע ר י ל

וועסט נאך זעהן וואס פאר א חתונה מיר וועלען פראווען. דאס וואס עס ליגט פאר אייערט וועגען וועט קיינער נישט רירען.

י ש ר א ל נ ח

מארגען אם ירצה השם וועט מען פאהרען אין שטאט אריין, דו און לייזער.

ב ל ו מ ע

אבי לייזער האט געזאגט, אז די חתונה וועט זיין ערשט ארום חנוכה.

פּ ע ר י ל

באשר האָסט אויפגעהערט צו שיטען מיט געלט האָט מען אויפגע־הערט צו פיהרען תבואה. זאָל נאָר ווידער א בלישטש טהאָן, ווּעסטו זעהן ווי אַלע וועלען זיך צו דיר אראָפּלאָזען. די טירען אָבשלאָגען.

י ש ר א ל נ ח

איך האָב קיין חרטה נישט. זעהסטו איך קוק אויף דיר און טראַכט, דיר וועט נאָך אויסקומען אין אָרימקייט מיט א קינד זיך וואלגערען און פינסטערען און אפשר נאָך אָנקומען צו לייטען.

פּ ע ר י ל

איך בעט דיר, ישראל נח, הער אויף. ווארום איך וועל עס נישט אויסהאַלטען, אז דו הויבסט אָן צו רעדען...

י ש ר א ל נ ח

נו גוט, גוט. מאָרגען וועט מען פאָהרען אין שטאָט אריין און אָנ־נעהמען אויף חתונה קליידער. און אם ירצה השם שבת נחמו וועט מען פראווען א חתונה.

פּ ע ר י ל

כ'וואָלט נאָר נישט וועלען נעהמען אויף באָרג.

ב ל ו מ ע

קומט אַן.

פאר וואָס געהט איהר נישט אין שטוב אריין? ס'עסען ווערט קאַלט.

ז ל מ ן נ ח

מאָרגען, בלומע, וועט מען פאָהרען אָננעהמען פאר דיר חתונה קליי־דער.

ב ל ו מ ע

שוין אזוי גיך?

י ש ר א ל נ ח

שבת נחמו וועט מען פראווען די חתונה.

## צווייטער אַקט

ביי ישראל נח'ן. אין מיטען זומער. אין הינ־טער־גרונד אַ פרוכט גארטען. לינקס אַ ווינקעל פון שטוב, שפּייכלערס, פאַרנאַכט.

ישראל נח

קומט אָן פון גאָרטען, געעלטערט. ערגעץ הינטער'ן שטוב טהוט אַ האָן אַ פּאַטש מיט די פליגעל און קרעט אויס. ער דערשרעקט זיך, בלייבט שטעהן און קוקט זיך אַרום.

פּעריל

קומט אָן.

וואו ביזטו ישראל נח?

ישראל נח

אט בין איך. וואָס בעדאַרפסטו מיך האָבען?

פּעריל

וועסט אריינגעהן אין שטוב? וועסט נעהמען עפּים אין מויל.

ישראל נח

האסט מיך אָנגעהויבען צוצווזעהן. האָב בעסער זיך אין זינען.

פּעריל

זעהסט אויס שלעכט.

ישראל נח

אַ דאגה האָסטו.

פּעריל

פארוויסט געוואָרען אַלע וועגען. אימיצער זאָל זיך גאָר ווייזען. די שפּייכלערס לעדיג.

ישראל נח

אַלץ ווערט מקוים.

## ט ע ו ו י ע

איך וויל האָבען אַ דין תורה, רבי.

כע, כע, כע, אויף מאָרגען נאָך פּסח? אַזוי פריה. זוכט אין קעשענע און בעקומט זיין טאַבאַק פּושקעלע. קוקט צו טעוויען, קוקט אויף די שטוב־לייט. זעהט אויס ער מערקט, אַז אַ סיכסוך איז פאַרהאַן, און וואָס עס איז. כע, כע, כע... גענומען און געמאַכט מיך פאַר אַ רב... און מען רופט מיך „רבי“, אַלע גיבען מיר כבוד אָפּ... אַ דין תורה... נו, אידען דאַרפען זיך אויסגלייכען אליין... אַ סכסוך, געלט... כע, כע, וואָס איז דען דאָרט? נו אַ גוטען טאָג אידען, אַ גוטען טאָג...

געהט אַרויס פון שטוב. אַלע מאַנסלייט געהען איהם נאָך. בתיה פייגע און פּעריל קוקען זיךביידע אָן אָהן ווערטער און אַזוי שווייגענדיג געהן זיי צום פענסטער און קוקען נייגעריג אַרויס.

▽

פ ע ר י ל

איהר זענט א גזלן, איהר קוילעט איהם אוועק אהן א מעסער.

ט ע ו ו י ע

וואס האט איהר צו מיר? איך האב א ווייב מיט קליינע קינדער.

פ ע ר י ל

מען וועט איך בעצאהלען. זאל די וועלט דערפון נישט וויסען. איך אליין וואלט נישט דערלאזט צו טהאן אזא זאך ווען איך זאל וויסען, אז מען איז אונטערשטעליג.

ב ת י ה  פ י י נ ע

קומט ארויס.

ווייסטו וואס איך וועל דיר זאגען? זאל זיך דיר דאכטען, אז מיין איידעם איז געשטארבען. יא, גענומען און געשטארבען, און פאר דעם טויט האט ער דאס געלט פארקרענקט און די אלמנה און די אלטע מאמע קומען צו דיר און בעטען דו זאלסט זיי אין שטוב אריינעהמען.

ט ע ו ו י ע

אי, וואס איז דארט פארהאן מיט ווייבער צו רעדען.

עס קומען אריין דער רב, אשר און גרשון און הינטער זיי געהט ישראל נח.

ר ב

ווי שטעהט עס געשריבען? כע, כע, כע, ס'ניט די ערד איהר ברויט ארויס... נו ישראל נח, צייט פאר מיר א היים צו פאהרען.

א ש ר

ווי די פעלדער בעווייזען וועט, אם ירצה השם, זיין א זאט יאהר.

ל י י ז ע ר

קומט אריין.

שוין איינגעשפאנט. אויב מען וויל קען מען שוין פאהרען.

ר ב

הא, דאס איז טעוויע... כ'האב דיך גאר נישט בעמערקט.

ט ע ו ו י ע

ניין, איך האָב נישט וואָס צו רעדען מיט דיר.

י ש ר א ל נ ח

טאָ וואָס דען ווילסטו?

ט ע ו ו י ע

וואָס מיינסטו, איך וועל די ציגעל פון שול רייסען און חובות צאָהלען מיט זיי?

י ש ר א ל נ ח

צו מיין קאָפּ אליין וועט עס אויסגעהן. דו וועסט נישט לייד'ען דאפון.

ט ע ו ו י ע

אָבער קום, דער רב איז דאָ פאַרהאַנען, קום ארויס צו איהם...

פּ ע ר י ל

ישראל נח איך וויל נישט, אז מענשען זאָלען עס וויסען. מיר וועלען איהם באצאָהלען וויפיעל איהם קומט.

ט ע ו ו י ע

לאָז די וועלט וויסען, אז די שול בויט טעוויע באטישעווער און נישט ישראל נח. יעדער ציגעל איז מיין בלוט.

פּ ע ר י ל

איך וועל עס נישט איבערטראָגען.

י ש ר א ל נ ח

צו פּערלען.

האָב קיין יסורים נישט. טעוויע איז נאָך נישט אזוי שלעכט. פון דעסטוועגען אז ישראל נח וועט ליגען אויפ'ן טויט'ען בעט און מען וועט קומען צו טעוויען און זאָגען, אז זיין ווייב און קינד איז אין נויט, וועט ער זיך דערמאָנען אז מיט זלמן נח'ן האָט מען זיך געהאַדעוועט. אז מיט זלמן נח'ן האָט מען געפיהרט עסקים...

געהט ארויס פון שטוב.

ישראל נח

ביזט דאך דאביי געווען ווען מען האט פארקויפט.

טעוויע

נו?

ישראל נח

ווייסטו דאך, אז מען האט צוגעלעגט.

טעוויע

יא, צוגעלעגט, אבער דער קרן, מיין פארמעגען בעדארף דאך זיין... קום צום רב; קום לאמיר זיך פאר איהם אויס'טענה'ן.

ישראל נח

ווי איך זעה ביזטו מיר חושד, אז איך האב נישט ארענטליך געהאנדעלט.

טעוויע

אפשר בין איך דיר חושד.

ישראל נח

האב איך דאך נישט וואס צו רעדען.

טעוויע

די שול בויט מען פאר מיין בלוט.

ישראל נח

זאל זיין אזוי.

טעוויע

דאס זאל אבער די גאנצע וועלט וויסען.

ישראל נח

ווילסטו? זאל זיין אזוי.

פעריל

ישראל נח, וואס רעדסטו?

ישראל נח

נישט פאר קיין כבוד וועגען האב איך עס געטהאן. דער צדיק האט בעפוילען.

אין דער גאנצער וועלט איז אזעלכעס נישט געהערט געווארען.

פ ע ר י ל

מיר האבען דאך ווי ברידער געלעבט. געהאנדעלט אין פרידען.

ט ע ו ו י ע

דאס האט מיך אומגליקליך געמאכט. פון דעם ערשטען טאג אן נישט טרויען און א סוף זאל עס נעהמען. ביזטו א צדיק אין פעלץ — זיי זיך! אבער וואס האסטו צו מיר? ! איך בין א טאטע פון נייז קינדער. און איצטער כאטש נעהם און געה אוועק מיט דער טארבע.

פ ע ר י ל

אייער חלק וועט דאך גאנץ זיין. אייער געלט האט דאך קיינער נישט גערירט.

ט ע ו ו י ע

איהר ווייסט א סך.

י ש ר א ל נ ח

קומט ארויס.

הער זיך איין, טעוויע. אפשר ביזטו גערעכט.ווארט, לאז רעדען. דו האסט מיר אנגעטרויט איך זאל קויפען און פארקויפען. דער קאפ איז מיר צודרעט די לעצטע פאר חדשים. ווייסט דאך, אז מען האט צוגעלעגט געלט. נו, נעהם איך עס פאר מיין שולד. אט, זעהסטו די שטוב איז נאך עפעס ווערט, קוק זי אן. נא דיר א צעטעל, אז די שטוב איז נישט מיינע. נעהם זי דיר. נאך פון היינטיגען טאג אן.

ט ע ו ו י ע

וואו זענען די שליסלען פון שפייכלער? כ'וויל זעהן וואס דארט איז פארהאן.

י ש ר א ל נ ח

רעדסט ווי א קינד. מען האט דאך פאר דעם לעצטען חודש קיין נייע תבואה נישט צוגעקויפט.

ט ע ו ו י ע

אבער דארט איז דאך געווען תבואה אין די זשאשעקעס? !

עס גאר נישט ארויסרעדען.

ב ת י ה  פ י י ג ע

אין זעקס חדשים ארום, מיין קינד, וועסטו ווערען א מאמע, וואס וועט דיר יעמאלט פעלען?

פ ע ר י ל

א, ווען עס זאל טאקי אזוי זיין.

ב ת י ה  פ י י ג ע

פאר וואס זאל עפעס זיין נישט אזוי? ס'איז נאר שווער ביז מען ווערט א מאמע. איז מען שוין געווארען יעמאלט איז שוין קיין זאך נישט שווער. ארימקייט, דלות... עט, מיט קינדער קומט מען שוין ווי ס'איז איבער. זעהסטו ישראל נח איז שוין גרוי. ס'איז פון דאגה. איצטער וועט ער אויפהערען צו דאגה'ן.

עס דערטראגען זיך קולות פון צווייטען צימער.

ב ת י ה  פ י י ג ע

וואס איז עס דארט?

פ ע ר י ל

דאס איז דער אנהויב.

ב ת י ה  פ י י ג ע

טעוויע און ישראל נח?... וואס אי, זיי קריגען זיך?

פ ע ר י ל

ווארגט זיך מיט די טרערען.

ב ת י ה  פ י י ג ע

טהו עס נישט מיין קינד... ס'עוף'עלע אין די געדערעם איז נישט שולדיג... וואס קריגען זיי זיך דארט?...

געהט אריין אין צווייטען צימער.

פ ע ר י ל

ברעכט די הענט.

איך וועל עס נישט אויסהאלטען...

ט ע ו ו י ע

קומט ארויס אויפגעבראכט.

י ש ר א ל נ ח

קום אין דער אנדערער שטוב, וועלן מיר האבן א חשבון.

פ ע ר י ל

צאהל איהם ארויס וואס איהם קומט און...

ט ע ו ו י ע

א גרויסער בעל חשבון אייער מאן. א חשבון, און אנ'עק זאל עס נעהמען.

געהען אב אין צווייטען צימער.

פ ע ר י ל

וואס איז דא געשעהן? רבונו של עולם, עפעס אנ'אומגליק געהט אויף אונזער שטוב.

ב ת י ה פ י י ג ע

קומט אריין.

אזא מענש. ממש די שכינה רוהט אויף איהם. פעריל שיט זיך פון זיין מויל, אוועק געגאנגען מיט אשר'ן און גרשון'ען ווייט אין די פעלדער... וואס איז עס, מיין קינד? וואו איז דער, טעוויע און... שא וואס איז?

פ ע ר י ל

ברעכט אויס אין געוויין.

אנ'אומגליק געהט אויף אונזער שטוב, אנ'אומגליק... אין א שלעכ־טער שעה האט מיר דער רבונו של עולם אויפגעריכט.

י ש ר א ל נ ח

אין טיר.

וואס פאר א תשעה באב איז עס דארט? דער מוח שפאלט זיך מיר.

פערשווינדט.

ב ת י ה פ י י ג ע

נו, שא, קינד מיינס. איך פארשטעה גאר נישט וואס דא קומט פאר. פראסט, דער קאפ האט זיך מיר פארדרעט.

פ ע ר י ל

ניין, מאמע, ס'איז עפעס אנדערש, גאר עפעס אנדערש. איך קען

ט ע ו ו י ע

פאר ווערמעס געלט בויט מען די שול?

פ ע ר י ל

ענטפער איהם נישט. גיב איהם אפ וואס איהם קומט.

י ש ר א ל נ ח

לאז מיר זיך איבערלעגען, וואס רעדט ער? איך פארשטעה דאך נישט.

ט ע ו ו י ע

די שול בויט מען אויף דיין חשבון?

י ש ר א ל נ ח

יא. אויף מיין חשבון.

ט ע ו ו י ע

פארמאגסט אזוי פיעל?

י ש ר א ל נ ח

ווילסט זיך מיט מיר קריגען?

ט ע ו ו י ע

איך קריג זיך נישט מיט דיר. איך וויל נאר וויסען פאר ווערמעס געלט בויט מען די שול?

י ש ר א ל נ ח

דער רב האט געהייסען איך זאל זי בויען. איז עס מיין מצוה.

ט ע ו ו י ע

שיסט אוים מיט א געלעכטער.

י ש ר א ל נ ח

וואס לאכסטו אזוי?

ט ע ו ו י ע

האט דער רב געוואוסט פון ווערמעס קעשענע דו וועסט נעהמען דאס געלט?

פ ע ר י ל

איהר בעדארפט זיך שעמען אזעלכע ווערטער צו רעדען.

י ש ר א ל נ ח

אסתר זאגט אז מען האט זי ארויסגעטריבען.

פ ע ר י ל

חלילה, ווער זאגט עס?

ט ע ו ו י ע

דאס האב איך איהר פוגע בכבוד געווען.

י ש ר א ל נ ח

וואס האט עס צו דיר, ווען זי קומט אהער בארגען אויף א זעקעל מעל?

ט ע ו ו י ע

איך וויל מיט דיר האבען א חשבון. איך וויל וויסען וואו איך האלט אין דער וועלט.

י ש ר א ל נ ח

ביז ראש־השנה איז נאך ווייט. מען האט דאך חנוכה געהאט א חשבון.

ט ע ו ו י ע

כ'האב קיין צייט נישט צו ווארטען ביז ראש־השנה; ערער ביז חנוכה דארטען.

י ש ר א ל נ ח

וואס עפעס אזוי מיט אמאל?

פ ע ר י ל

ער זאגט, אז דו גיסט צדקה אויף זיין חשבון.

י ש ר א ל נ ח

שווייגט. קוקט איהם אן.

ט ע ו ו י ע

יא. נו. וואס קוקסטו מיך אזוי אן. איך וויל האבען מיט דיר א חשבון און טאקי איצטער, באלד. קיין תבואה אין די שפייכלערס איז נישטא. וויל איך וויסען וואו דאס געלט איז.

י ש ר א ל נ ח

איך פארשטעה נישט, טעוויע.

איך ווייס נישט, אפשר וועט מען גאר די שול בויען פאר מיינע געלט און נישט פאר ישראל נח'ס!

פעריל

ווישט די טרערען.

אסתר

נעהם זיך נישט אזוי צום הארצען, פעריל. שעמען האט ער זיך בעדארפט צו פארצאפען אזוי א מענשען ס'בלוט.

טעוויע

איין מאל פאר אלע מאל, זאל ער וויסען, אז ער האט נישט פון וואנען צו שיטען מיט נדבות. צו אסתר'ן. זאגט, וואס ווילט איהר?!

אסתר

אזא גראבער יונג! איהר וועט נאךווארטען ביז איך וועל צונ'אייך אריינקומען נאך א נדבה. האט זיך א גוטען טאג.

פעריל

געהט געזונדטערהייט, איך וועל זאגען ישראל נח'ן ער וועט צו אייך ארייגגעהן ווען ער וועט זיין אין שטאדט.

אסתר

ווישענדיג די טרערען געהט זי ארויס פון שטוב.

פעריל

וואס האט איהר געהאט צו דער אלמנה נעביך? מען ווייסט נאך נישט ווער צו וועמען. עס קען נאך בעדארפען אנקומען.

טעוויע

דאס קענט איהר נאך בעדארפען צונ'איהר אנקומען מיט אזא פיה־רונג. איך האב קיין מורא נישט.

ישראל נח

קומט אריין.

וואס איז דא אזעלכעס אין שטוב?

פעריל

גאר נישט.

מישט איהר זיך אין פרעמדע עסקים ?

פ ע ר י ל

ער גיט דאך נישט פון אייערע.

ט ע װ י ע

אפשר גיט ער יא פון מײנע !

פ ע ר י ל

איהר זאָלט עס זאָגען.

א ס ת ר

אז מען האָט א מנה ומשא מיט גראבע יונגען.

ט ע װ י ע

מיר װעלען זעהן װער ס'װעט שעהנער אויספיהרען זײן װעלטיל.

א ס ת ר

ס'איז טאַקי א גרויס װאונדער, װי אזוי ישראל נח קומט צונ' אזא שותף.

ט ע װ י ע

צונ'אײך האָב איך גאָר נישט. איהר זענט אנ'אלמנה מיט יתומים און בעדאַרפט חיונה.

א ס ת ר

איך בין דערװײל נאָך קײנעם נישט שולדיג.

ט ע װ י ע

מען האָט געקענט א טאָכטער חתונה מאַכען װיפיעל איהר זענט ישראל נח'ן שולדיג. פון װעמעס מעל באַקט איהר דעם גאַנצען יאָהר ?

א ס ת ר

שעמען בעדאַרפט איהר זיך. אנ'אלמנה מיט יתומים ; פאַר־צאַפּט איהר ס'בלוט.

ט ע װ י ע

אויפ'ן הויכען קול.

די תבואה אין די שפײכלערס דאָ געהער צו מיר פונקט אזוי װי צו איהם. און אפשר האָט ישראל נח אין דעם גאָר קײן חלק נישט.

ט ע ו ו י ע

ווארום וואס?

א ס ת ר

איך וועל מיט אייך פאהרען צוריק אין שטאדט אריין. איהר פאהרט באלד?

ט ע ו ו י ע

איך ווייס נישט.

פ ע ר י ל

וואס היילט איהר זיך, אסתר? מען וועט אייך מיט אונזער פוהר אבפיהרען א היים.

א ס ת ר

כ'האב עפּעס געוואלט בעטען פון ישראל נח'ן.

ט ע ו ו י ע

א גמילת־חסד מתמא? ער וועט אייך שוין ברענגען אין שטוב אריין.

א ס ת ר

כ'האב נישט געווארט אזעלכעס פון אייך צו הערען.

ט ע ו ו י ע

איך זאג וואס איך טראכט. ישראל נח איז מיין שותף.

א ס ת ר

איך מיין, אז ישראל נח ווייסט אליין וואס ער טהוט.

פ ע ר י ל

איך פארשטעה נישט וואס איהר רעדט, רב טעוויע.

ט ע ו ו י ע

איהר ווייסט אז איך בין זיינער א שותף?

א ס ת ר

טא איז וואס?

ט ע ו ו י ע

גראָב.

ער וועט אייך ברענגען דעם גמילת חסד אין שטוב אריין. וואס

בלומע

כ'בעט אייך דערצעהלט נישט.

פעריל

ס'איז נאך אזא מענש אויף דער וועלט נישטא. נישטא זאג איך אייך.

טעוויע

קומט אריין.

אסתר

די גאנצע שטאדט וועט זיך אהער ארויפלאזען.

פעריל

א גאסט, א גאסט.

טעוויע

א גאנצער יריד איז דא.

אסתר

דער רב איז דאך פארהאנען.

טעוויע

כ'האב שוין געזעהן.

אסתר

וואס זשע ביזטו אזוי אנגעבלאזען? פארגינסט נישט דיין שותף דעם כבוד?

טעוויע

איך פארגין איהם דעם כבוד פון גאנצען הארצען.

פעריל

זיצט, רב טעוויע.

טעוויע

דרעט זיך אום אונרוהיג.

אסתר

עפעס איז ער היינט אנגעבלאזען. איהר זענט דא מיט אייער אייגענער פוהר?

פ ע ר י ל

מיט וואס ?

א ס ת ר

מיט ישראל'ס נדבה. עפעס א קליינינקייט.

פ ע ר י ל

ס'איז געווען דער ווילען פון דעם רב זאל לעבען.

א ס ת ר

קוקט אן פערלען.

שיינסט דאך. מיינסט די שטאדט וויים נישט דערפון ? מען ווייסט.

פ ע ר י ל

פארשעמט.

גאט האט מיין צער אנגענומען.

א ס ת ר

גאט ווייסט וואס ער טהוט. וועט נאך זיין א אינגעל און אפשר א גרויסער צדיק.

ב ל ו מ ע

קומט אריין.

ער האט אויסגעריסען א גראז מיט א ווייץ און האט עס אלעמען געוויזען. מענשען, זאגט ער, געהן אום אויף דער ערד און ווייסען נישט וואס אין דער ערד טהוט זיך. איהר זעהט, זאגט ער, ווי דער ווייץ איז אנגעקוואלען ?

א ס ת ר

זעהט נאר, זעהט נאר סארא מויד ס'איז אויסגעוואקסען !

פ ע ר י ל

דער רב רעדט איהר א שידוך.

ב ל ו מ ע

איך בעט אייך דערצעהלט נישט.

א ס ת ר

מיט וועמען ?

ישראל נח

ער האט זיך אליין אויסגערופען, אז ער וויל זיין ביי מיר.

פעריל

זעהסט אוים אזוי שלעכט.

זלמן נח

כ'ווייס נישט וואו כ'בין אין דער וועלט. אפשר א שעה צייט האט ער מיט מיר גערעדט. אליין מיט איהם אין זיין חדר געווען. כ'האב איהם געזאגט, אז אויף אלץ בין איך מסכים.

פעריל

מיין לעבען... וואס איז מיין לעבען...

ישראל נח

ס'הארץ איז מיר עפעס אזוי פול... דאכט מיר כ'בין מיט הונדערט יאהר עלטער געווארען.

פעריל

ווי וועסטו עס אזוי פיעל נעהמען? איז עס פאר דיינע כחות?

ישראל נח

נו, איז אין איין העמד בלייבען. וואס געווען איז געווען... יא, כ'האב זיי אליין געלאזען.

הוילט ארויסצוגעהן.

פעריל

געהט אום א צעטראָגענע. ווייסט נישט פאר וואס זיך צו נעהמען. וויל אָפּראַמען פון טיש און לאָזט אין מיטען די אַרבייט. לויפט אויך צום טיר נאָר אין טיר טרעפט זי זיך מיט אסתר'ן.

אסתר

א גאט העלף דיר, פעריל'שו.

קושען זיך.

ווי קומט איהר איצטער אהער, אסתר'שו?

אסתר

ס'האט מיך פון ארט געהויבען. עפעס א קליינינקייט. די גאנצע שטאדט קלינגט דאך מיט דעם.

ר ב

נישט געדרונגען. בעסערע רבנים פערהאנגען. גרעסערע אידען פאר־האנען. געזעהן היינט צוויי אידען פון שכנישע מקומות? וואס בין איך אנטקעגען זיי? האסטו עפים קינדער?

א ש ר

קיין עין הרע פינף. דריי אינגלאך און צוויי מיידלאך.

ר ב

דאכט זיך גדליה שמחה'ס א טאכטער האסטו?

א ש ר

יא, רבי.

ר ב

נו, און פרנסה?

א ש ר

מען קאלאטשעט זיך. ישראל נח זעהט צו, גיט געלד פאראוים.

ר ב

אלץ ישראל נח. כע, כע, קומט, אידען, ט'איהר מיר די געגענד בע־וויזען. ס'גרינט שוין דער גראז אזוי פריה. קום, דו, אשר און גרשון.

א ש ר

מיט'ן גרעסטען כבוד.

ר ב

קום, דו, לייזער, אזוי זשעדנע גאטס וועלט צו בעטראכטען.

פ ע ר י ל

געה מאמע, דו אויך אביסעל.

ר ב

אזוי זשעדנע גאטס וועלט צו בעטראכטען.

אלע, אויסער ישראל נח און פעריל, געהן ארויס.

פ ע ר י ל

אזא זכיה!

האַלטען? קום אהער און מאך א ברכה.

ישראל נח

קום נאָהנטער צום טיש, לייזער.

לייזער

דערנאהנטערט זיך. מאַכט אַ ברכה איבער'ן ווייז. אַביסעל צע־טומעלט.

רב

וואָס בעדאַרף מען עס זוכען ווען ס'איז פאַרהאַן אין דער היים?

אשר

גיט אַ פּאַטש מיט די הענט.

געזונד און שטארק זאָל זיין דער רבי!

אַ ווײַילע שטיל. די ווייבער ווינקען זיך דורך, בלומע פאַר־שעמט.

רב

יא, יא, מען בעדאַרף ניִשט זוכען ווייט, ווען נדן איז פאַרהאַנען... נישט איין מאָל דיך אַנגעדרעט ביים אויער. כ'האָב געקענט דיין טאַטען. געוועזן אַנ'עהרליכער איד.

לייזער

איך געדענק, רבי; נישט געהאַט יעמאָלט קיין שכל.

רב

געוועזן אַנ'עהרליך אינגעל. איך געדענק... יא, מען בעדאַרף זיין אַנ'אבי יתומים. אַ גרויסע זאַך האָט היינט ישראל נח געטהאָן. אַ פּאַרמעגען אוועקגעגעבען, און אפשר נאָך מעהר ווי אַ פאַרמע־גען. איך האָב צער געהאַט. געמיינט שוועער זיין די שול אויפצו־בויען.

אשר

אז מען האָט אַזאַ רב אין אַ שטאָדט מעג מען אַזאַ זאַך טהאָן. וואָלט מיר גאָט העלפען, וואָלט איך אַ גילדערנעם שטוהל געהייסען אוועק־שטעלען פּאַר'ן רבי'ס ווענגען.

מעשים טובים. איינס קען ס'צווייטע פארבייטען. אזוי שוין איינגעטיילט געווארען. ער קלאפט ישראל נח'ן אין פלייצע. א גרויסע זאך האסטו היינט געטהאן. צו די פרויען וואס שטעהן אין א זייט. ישראל נח האט היינט זעהר א גרויסע זאך געטהאן.

אשר

לייזער האט שוין היינט דערצעהלט. ס'איז מיר גאר פון קאפ ארוים. נישט זוכה געווען דאביי צו זיין.

רב

טרדת פרנסה איז אלץ דוחה. נו, לחיים, אידען.

ישראל נח

נעהם, אשר, גרשון, מאכט א ברכה.

בלומע

קומט אריין, ברענגט א פושקעלע טאבאק, גיט עס זלמן נח'ן און יענער גיט עס דעם רב.

רב

הא, זיך אפגעפונען! ס'איז דיינע א שוועסטערס א מיידעל?

פעריל

יא, רבי.

רב

מען בעדארף שוין באלד האבען א חתן פאר איהר.

בלומע

פארשטעקט זיך אהינטער דער אלטערס פלייצע פארשעמט.

זלמן נח

ווען דער רבי וועט נאר עפעס רעכטס אויפזוכען. אין קיין נדן וועט קיין מניעה נישט זיין.

אשר

פיין, ישראל נח! זעהר פיין!

רב

וואס בעדארף מען ווייט זוכען? מען בעדארף נישט ווייט זוכען. צו לייזער'ן, וואס שטעהט פון ווייטען. קום, וואס האסטו זיך בע־

א ש ר

פרישער טאבאק, רבי, כיד המלך. היינט ערשט אנגעשאטען.

ר ב

פרובט דעם טאבאק.

ג ר ש ו ן

הא, שארף, שארף. שוין אביסעל צו שארף. און דו, גרשון, שמעקסט אויך אזא שארפען טאבאק?

איך? אמאל שבת נעהם איך א שמעק טאבאק פון יענעמס פוש־קעלע. כ'בין נישט קיין גרויסער איבערקלייבער.

ר ב

כע, כע, אידען רחמנים בני רחמנים, וואס פאר א קיום וואלט דען די וועלט געהאט אהן א אידען?

ר ח ל

קומט אריין פון צווייטען צימער, בלאס, טראגט אויף א טאץ וויין מיט פארבייסאכץ.

י ש ר א ל נ ח

וועט מען עפעס נעהמען אין מויל אריין.

ב ת י ה פ י י ג ע

נאך פסח'דיגען וויין.

י ש ר א ל נ ח

דער רבי וועט זיך זעצען נאהנטער צום טיש.

ר ב

דיך, אשר, געדענק איך נאך ווען ביזט א קליין אינגעל געווען. דיין טאטע פלעגט דיך ברענגען צו מיר.

א ש ר

איך געדענק, רבי, וואס קומט ארויס, אז כ'האב נישט געוואלט לערנען.

ג ר ש ו ן

כא — כא — איצטער האט ער זיך ארומגעזעהן.

ר ב

זעצט זיך אידען. ס'איז פאראן תורה און ס'אי פאראן מצוות,

זיי געהען אין שטוב אריין. ער האָט מיר דוקא געוואָלט העלפען אראָפּנעהמען דעם זאַק תבואה פון וואגען, אז ער האָט מיר אָנגענו־מען פאר'ן האַנט האָט עס מיר אזש א ברען געטהאָן און כ'האָב גאָר דעם כח פון האַנט פארלארען.

דער רב און ישראל נח קומען אַריין. דער רב האַלט זיך זעהר פשוט, וואָכעדיג, איינפאַך געקליידט.

ישראל נח

איהר וועט מוחל זיין זיצען, רבי.

רב

אָט דאָס איז עס דיין שטוב, ישראל נח?

ישראל נח

אליין געבויט, רבי.

בתיה פייגע

דער רבי האָט אונז אזא כבוד אָנגעטהאָן.

ישראל נח

דאָס איז מיין שוויגער, מיין ווייבס מוטער.

רב

אוי וואַ, כ'האָב מיין טאבאַק־פּושקעלע ערגיץ אין וואגען פארגעסען.

ישראל נח

לויף, בלומע, און זוך עס אויף.

רב

כ'וועל אליין געהן.

בלומע

גערהט אַרויס.

ישראל נח

אָט איז זי שוין געגאַנגען.

אשר און גרשון קומען אָן.

רב

ס'איז שוין גאָר נישט נויטיג. דו מוזט דאָך, אשר, האָבען א שמעק טאַבאַק. כ'האָב ס'פּושקעלע אין וואגען פארגעסען.

ב ת י ה  פ י י נ ע

זעהסטו ווי אלץ קומט צונויז. אבי דו האסט איהם שוין געוואלט פארוואָרפען אויפ'ן בוידעם.

פ ע ר י ל

נעהם, בלומע, פארשפרייט עפּיס; דעק איהם איבער מיט א ריינעם סערוועט.

ב ל ו מ ע

אט אזוי, דא זאל ער שטעהן. ער וועט זיך זעצען אויף איהם.

פ ע ר י ל

קוקט אין פענסטער.

זעהסט, מאמע, הער העלפט דאך זיי אראפּנעהמען די תבואה פון וואגען.

ב ת י ה  פ י י נ ע

געוויס מיין קינד, א איד טאר נישט פארביי געהן און נישט העל־פען ווען אימיצער טהוט א שווערע מלאכה.

ב ל ו מ ע

לייזער נעהמט אליין אויפ'ן פּלייצע אזא גרויסען זאק!

פ ע ר י ל

דער רב בייזערט זיך אויף איהם. זעהט, ער העלפט איהם אונטער.

ב ת י ה  פ י י נ ע

אין פענסטער קוקענדיג.

נאר צוליעב דעם זכות פון אזעלכע אידען לעבען מיר אויף דער וועלט. צוליעב זיין זכות, מיין קינד, ביזטו אויפגעריכט געווארען.

פ ע ר י ל

פארדעקט דעם פּנים.

אוי מאמע, רעדט נישט דערפון, אוי, כ'וועל אפשר באלד פאלען... עס שווינדעלט מיר דער קאפּ.

מיט שוואכע טריט געהט זי אב אין צווייטען צימער.

ל י י ז ע ר

קומט אריין.

געהען ארויס.

ל י י ז ע ר

דער רב, אודאי דער רב! אי, אנ'אלטיטשקער!

געהט ארויס.

ב ל ו מ ע

עס ציטערען מיר אזש די הענט. מומעשע וואס זאל איך איצטער טהאן?

פ ע ר י ל

לעג אן א פייער. ווהע איז מיר, א פולע שטוב מיט שטרוי.

ב ת י ה  פ י י ג ע

ביים אויווען.

קלייב צונויף די שטרוי און גיב אהער וועט בעסער ברענען.

ב ל ו מ ע

מאמעלאך מיינע, איך אנטלויף פון שטוב.

ב ת י ה  פ י י ג ע

האב קיין מורא נישט. דער רב זאל געזונד זיין, קוקט נישט אויף קיין נשים.

פ ע ר י ל

ס'הארץ שפרינגט מיר ארויס. כ'וועל אפשר באלד חלש'ן. אוי מאמע, קום צו מיר.

ב ת י ה  פ י י ג ע

וואס איז דיר מיין קינד?

פ ע ר י ל

פאר וואס האבען מיר אזא זכיה?

ב ת י ה  פ י י ג ע

די וועלט שם'ט דאך מיט איהם. עפעס א קליינינקייט, זיין גוטס־קייט!

ב ל ו מ ע

כ'וועל אריינברענגען פון אנדערען חדר דעם גרויסען שטוהל.

ג ר ש ו ן

א גרויסער שטיין געווען?

ל י י ז ע ר

ווי מיין קאָפּ.

א ש ר

אוי וואַ; אוי וואַ...

ג ר ש ו ן

ווי אַ קאָפּ, אַ שרעק! צו דער אַלטער. איין איידעם האָט איהר, אָבער עפּעס רעכטס. ווער בעדאַרף תורה? אַ מענש זאָל מען זיין! הערסט, אשר, אַ מענש זאָל מען זיין...

א ש ר

אוי וואַ, ס'קריכט מיר גאָר פון קאָפּ נישט ארויס... ווײסט, לייזער, אראָפּוואַרפען פאר די פערד אביסעל היי. איך וועל איהם זאָגען, ישראל נח'ן, אז ער איז אַ איד ווי איך פאר־שטעה. כאָטש קינדווייז געווען אַזאַ דאָרפיש אינגעל ווי איך, נאָר וואָס איז דאָ פאַרהאַן צו זאָגען? איך מוז מיר מודה זיין, אַז נישט יעדער איד איז ווערט וואָס ער לעבט אויף דער וועלט. קום, אשר, וועלען מיר געהן אראָפּשטעלען די תבואה אין שפּייכלער.

ג ר ש ו ן

אָבער נישט בעשערט. כ'האָב נאָך נעכטען ביינאַכט געוואָלט פאָה־רען, האָט זיך עפּעס די אַלטע מיינע פאַרריבען.

ל י י ז ע ר

קוקט אין פענסטער.

מען פאָהרט.

פ ע ר י ל

דער מאָן פאָהרט.

ל י י ז ע ר

דאַכט מיר דער רב אויך.

ג ר ש ו ן

קום, אשר, גיכער לאָמיר אראָפּנעהמען די תבואה.

אידען.

ג ר ש ו ן

אוי וואַ, אוי וואַ.

ב ל ו מ ע

דער רב וועט דאַ באַלד זיין.

ג ר ש ו ן

ביזטו לייזער אליין דאבייע געוועזן, טאַ וואָס זשע שווייגסטו? דער־צעהל, ווי אַזוי איז עס צוגעגאנגען? ווען פארלויפט עס אַזאַ זאַך?

ל י י ז ע ר

ישראל נח האָט געלעגט דעם ערשטען שטיין.

ג ר ש ו ן

דעם ערשטען שטיין!

ל י י ז ע ר

ווייסט איהר אָבער וויפיעל עס קאָסט?

ב ת י ה   פ י י ג ע

איהר האָט עס שוין ביידע געמעגט פאַרדינען אַלע יאָהר.

א ש ר

וויפיעל, וויפיעל?

ל י י ז ע ר

וויפיעל דער שטיין וועגט אַזאַ וואָג גאָלד בעדאַרף ישראל נח געבען.

א ש ר

גיט אַ קנאַק מיט דער בייטש פאר התפעלות.

אין דער האַלבער וועלט פארלויפט נישט אַזאַ זאַך!

ג ר ש ו ן

וואו וועט ער עס נעהמען? פארמאגט גאָר אַזוי פיעל ישראל נח?

פ ע ר י ל

מיינט איהר איך וויים?

א ש ר

מסתמא נישט מיט אמאָל: מסתמא אויסצאָהלען.

רבנים בעדארפט זיין.

ל י י ז ע ר

קומט אריין.

איהר זענט גאר נישט געפאהרען אין שטאדט אריין? נישט געזעהן ווי מען האט דעם ערשטען שטיין געלעגט.

א ש ר

כ'האב מיר אזש פאר'ן קאפ געכאפט. ווען פאלט עם אוים אזא זאך. אוי ווא, אוי ווא.

ג ר ש ו ן

נע, איך געה נאך איצטער א כאפ טהאן זיך אין שטאדט אריין.

ל י י ז ע ר

איך קום דאך איצטער פון דארט.

א ש ר

אזוי גאר! דערצעהל, וואס איז געווען?

ל י י ז ע ר

מען האט תהילים געזאגט.

ג ר ש ו ן

אוי ווא, אוי וואו...

א ש ר

אלץ די פינסטערע פרנסה.

פ ע ר י ל

איהר האט דאך די תבואה געקענט ברענגען מיט א פאר טעג שפעטער.

ג ר ש ו ן

פארשטעהט איהר מיר, כ'האב גאר בעדארפט זיין אין שטאדט מכח אנ'עסק. טראכט איך מיר: לאמיר שוין די ווייץ ארויפווארפען.

א ש ר

הערסטו, ווי דו זעהסט מיך לעבען, איך בין דאך עפים א איד אנ'ארימאן, נאר איך וואלט געגעבען, — ס'אי דען עפים פארהאן א שיעור וויפיעל ס'איז ווערט א זאך צו זעהן... מען איז דאך עפים

בתיה פייגע

אפשר בעדארפען זיי געלט בעקומען.

אשר

נאך מיט צוויי חדשים צוריק דאס געלד אבגענומען.

גרשון

כ׳וואלט שוין ישראל נח׳ן אנגעטרויט מעהר ווי צוויי פוהרען ווייץ. איז אבער א צרה, ער האט פיינד מען זאל איהם געטרויען. ער צאהלט פאראוים.

לאכט אויפ׳ן הויכען קול.

אשר

וואו איז ער עס טאקי אזוי פריה?

פעריל

ער איז געפאהרען אין שטאדט אריין. מען לעגט היינט דעם ערשטען שטיין פאר דער נייער שול, וואס מען וועט בויען.

אשר

אוי וואי! גאר פארגעסען.

גרשון

פון קאפ איז עס מיר גאר ארוים.

בתיה פייגע

ווי פארגעסט מען עס אזא זאך. מיילא מיר זענען דאך זינדיגע וייבער, מישטיינס געזאגט, אבער איהר?...

אשר

וואס זאגסטו, גרשון, אפשר זאלען מיר נאך איצטער א פאהר טהאן.

גרשון

כ׳וואלט מיין האלז געגעבען, ווי דו זעהסט מיך לעבען. אלץ די פינסטערע פרנסה, אוי ווא; אוי ווא.

אשר

און איך זאג, מיר זאלען אראפווארפען די תבואה און פאהרען — אפשר וועלען מיר נאך עפעס פארכאפען. ס׳האבען דאך נאך

פעריל

נעהם, מאמע, לעג אַן אַ פייער און שטעל צו וואסער. אפשר וועט מען עפּעס דארפען פארקאכען. אין שטוב איז דאָך נאָך אלץ פּסח'דיג. איך וועל מיר געהן איבערטהאָן.

געהט אין צווייטען צימער.

בלומע

די אַלטע זאָל ניט הערען.

צוליעב דיר האָב איך היינט אַזוי פיעל כלים צעבראָכען. כ'האָב דיר דערזעהן דורכ'ן פענסטער פון בוידעם.

רחל

אין מיר.

דאַכט מיר אימעצער פאָהרט אהער!

בלומע

ניכער, ניכער, לייזער. זי לעגט לייזער'ן אַן כלים אויף די הענט. איך הער אויך, אַז אימעצער פאָהרט. קום שוין ניכער.

געהען אַרויס.

אשר און גרשון קומען אַן מיט די בייטשען אין די הענט.

פעריל

קומט אַרויס.

אַ גוטער מאָרגען! כ'האָב דורכ'ן פענסטער געזעהן, אַז איהר פאָהרט.

אשר

נישטאָ ישראל נח?

גרשון

מיר האָבען געבראכט ווייץ.

פעריל

די שליסלען פון שפייכלער זענען פארהאַן. איהר קענט די תבואה אַראָפּשטעלען.

פ ע ר י ל

דער רב וועט באלד קומען. מען בעדארף די כלים ארויסטראגען. און די שטרוי פון שטוב ארויסקערען... עפּעס גלויבט זיך מיר נישט די גאנצע זאך.

ל י י ז ע ר

איך דערצעהל דאך אייך. דער רב האט אזוי געזאגט צום עולם: דא איז פארהאן א איד, וואס וועט געבען אזא וואג גאלד וויפיעל דער ערשטער שטיין וועט וועגען. לאמיר אידען איהם די מצוה אבגעבען.

ב ת י ה פ י י ג ע

טאכטער מיינע, הערסט?

פ ע ר י ל

איך גלויב עס מיינע אויערען נישט. מענשען דאביי געשטאנען?

ל י י ז ע ר

די גאנצע שטאדט.

פ ע ר י ל

וואו וועט ער עס נעהמען? צו פארמעגען מיר דען אזוי פיעל?

ב ל ו מ ע

ס'איז שוין איינמאל א סך געלד!

ב ת י ה פ י י ג ע

געה, מיין קינד, פעריל. טהו אן אנ'אנדער קלייד.

ב ל ו מ ע

עס קלעפּען זיך מיר נישט די הענט.

ל י י ז ע ר

קערט די שטרוי פון שטוב.

שטעה נישט, בלומע, טראג די כלים ארויס.

ב ל ו מ ע

גיב מיר דעם בעזים און די כלים זיי מוחל טראג אליין. כ'האב מיר שוין געננוג אנגעדרשוויגעט.

ל י י ז ע ר

איך קום דאַך איצטער פון דאָרט. אַט וועל איך העלפען די כלים ארויסטראגען.

פּ ע ר י ל

העלף איהר טאקי. זי האָט שוין באלד אַלע כלים צעבראָכען.

ל י י ז ע ר

ווער, בלומע?

ב ל ו מ ע

קומט אַריין.

זייט נישט אין כעס אויף מיר, מומע, איך בין געפאלען. כ'האָב זיך אויסגעגליטשט.

פּ ע ר י ל

כאָטש עפּעס איבערגעבליבען גאַנץ?

ב ל ו מ ע

צוויי כוסות צעבראכען.

פּ ע ר י ל

מיט די גילדערנע ראנדען?

ב ל ו מ ע

ווי איהר זאָלט זיין דאבייי.

פּ ע ר י ל

שוין מעהר נישט ווי פינף געבליבען.

ב ת י ה פ י י נ ע

זאָל שוין זיין א כפרה פאר אַלע זינד. בעסער שטעהט נישט; ראַממ אויף אין שטוב.

ל י י ז ע ר

צו בלומען.

געסט בעדארפען קומען. טהו אָן ,ײַ שיך.

ב ל ו מ ע

זאָגסט א ליגען.

אויפ׳ן בוידעם הערט זיך אַ שווערער פאַל און אַ קלאַנג פון צע־בראָכענע כלים.

בתיה פייגע

וואָס האָב איך געזאָגט?

פעריל

אין הארצען האָט זיך מיר אזש אָפּגעריסען! נאָך קיין מאָל אזוי פיעל גלאָז נישט צעבראכען געוואָרען אין שטוב ווי היינטיגען פסח.

לייזער

קומט אַן.

פעריל

וואו איז ישראל מאיר?

לייזער

מען האָט מיך געשיקט זאָגען, אז איהר זאָלט זיך דאָ צוגרייטען. געסט וועלען קומען.

פעריל

וואָס פאר א געסט?

לייזער

דער רב און נאָך אידען.

פעריל

וואָס רעדסטו?! בלומע, בלומע! וואו ביזטו דאָרט? קום אראָפּ פון בוידעם, מען בעדאַרף אין שטוב אויפראַמען.

לייזער

ר׳ ישראל נח האָט געלעגט דעם ערשטען שטיין. ער האָט צו־געזאָגט צו געבען אזוי פיעל געלט וויפיעל דער שטיין וועגט.

בתיה פייגע

מאַמעלאָך מיינע!

פעריל

האָסט אליין געזעהן?

פ ע ר י ל

מיר פארדריסט זעהר וואס כ'בין נישט מיטגעפאהרען מיט ישראל נח'ן.

ב ת י ה פ י י ג ע

עס וועלען דארט נאך רבנים זיין. עפעס א קליינינקייט לעגען דעם ערשטען שטיין פאר גאטס א שול.

פ ע ר י ל

אפשר וועט מען ישראל נח'ן דעם כבוד געבען. דער רב האט איהם אזוי ליעב.

ב ת י ה פ י י ג ע

דער רב וואלט פאר איהם זיין האלז געגעבען.

פ ע ר י ל

וועה מיר ווינד, ער איז פאר דער לעצטער צייט גרוי און אלט געווארען.

ווישט די טרערען.

ב ת י ה פ י י ג ע

קינד מיינס, איך זאג דיר נאך א מאל, שלאג דיר זיך עס ארויס פון קאפ.

פ ע ר י ל

פארדעקט מיט די הענט איהר געזיכט.

איך מיין א מאל, אז דער מוח קערט זיך מיר איבער אין קאפ. איך האב עס נישט בעדארפט. מענשען לעבען אפ שעהן זייער לעבען אהן קינדער, אזא נדר, אזא נדר.

ב ת י ה פ י י ג ע

אזא לעבען איז עס שוין. וואס איז א מענש אהן א קינד? א שטיין!

פ ע ר י ל

ווען גאט וואלט מיר נאר בעשטראפען מיט ארימקייט. כ'וואלט שוין מעהר נישט געוואלט. ס'גליק האט זיך שוין אזוי אויך אפ־געטהאן פון אונזער שטוב.

ב ל ו מ ע

קומט אריין.

פ ע ר י ל

וואס ביזטו אזוי ארומגעשפרונגען אויפ'ן בוידעם?

ב ל ו מ ע

שוועלבעלאך זענען שוין פארהאן. מאכען א נעסט אויפ'ן בוידעם. כ'האב איינס געוואלט כאפען.

ב ת י ה פ י י נ ע

זעהסט די גאנצע קאלך האסטו פון סטעליע אראפגעווארפען.

ב ל ו מ ע

א גרויסע דאגה. כ'וועל אויף שבועות ווידער קאלכען.

זי נעהמט אן כלים אוועקצוטראגען.

ב ת י ה פ י י נ ע

ניטע, מיין קינד, קענסט זיך נאך חלילה איינרייסען. נעהמסט אן צופיעל.

ב ל ו מ ע

א גרויסע זאך... כ'וואלט נאך אמאל אזוי פיעל געקענט טראגען. טהוט מיר, מומע, אן דעם גרויסען טאפ אויפ'ן קאפ וועל איך פאר איין וועגס שוין מיטנעהמען.

פ ע ר י ל

דיר ווילט זיך היינט עפים אויפשפילען.

ב ל ו מ ע

מיר איז גוט אויפ'ן הארצען. טהוט מיר, באבע, אן דעם טאפ אויפ'ן קאפ.

ב ת י ה פ י י נ ע

געה שוין דו שטיפערקע. אט זעהסטו, ער וועט דאך דיר זיין איבער די אויערען. ווי א קליין קינד איז זי צעלאזען. זעה צעברעך נישט די כלים.

ב ל ו מ ע

געהט ארויס.

בתיה פייגע

טאָקי אַ שאָד. נישט צו קריגען אַזעלכעס. אַזוי אַלט און ס'גאָלד קריכט נישט אַראָפּ. אַט, זעהסטו, ס'איינע שוין אויסגעשטערבעט.

פּעריל

דער אַלטער אורח האָט עס פון האַנט אַרויסגעלאָזען. ס'האָט זיך מיר אַזש אין האַרצען אָבגעריסען.

בתיה פייגע

זאָל עס שוין זיין אַ כפּרה פאַר אונזערע זינד... און דיר זאָג איך, טאָכטעריל, אַז דיין ווײנען איז איבריג. מענשען טהוען אמאָל אַ שווערען נדר אין האַרצען אַבי גאָט זאָל זיי אויפריכטען. דער וואָס אין הימעל אָבער בעדאַרף נישט מעהר ווי דעם גוטען ווילען. און אַזוי וועט עס זיין, מיין קינד. איך וואָלט דיר גאַר זאָגען, אַז דו זאָלסט נעהמען עפּעס אין מויל אַריין.

פּעריל

איך וועל שוין וואַרטען ביז ישראל נח וועט קומען צוריק פון שטאָדט. אויבען, אויף דער סטעליע הערט זיך טריט. זאָלסטו מיר געזונד זיין, זי וועט די גאַנצע קאַלך פון סטעליע אַראָפּטרייסלען.

בתיה פייגע

שרייט צום סטעליע.

וואָס בריקעוועסטו, נארישע ציג? כע, כע, יונג בריקעוועט עס. וועט נאָך די כלים צעברעכען.

פּעריל

קיין עין־הרע אויסגעוואַקסען פאַר דעם יאָהר. איז שוין באַלד אַזוי גרויס ווי איך.

בתיה פייגע

איהר מאַמע זאָל זיין אין גן־עדן, אוי וועה איז מיר; ווי אַ סאָסנע איז זי דאָך געווען. אין איהר געראָטען, ווי צוויי טראָפּען וואַסער.

## ערשטער אַקט.

ביי ישראל נח'ן. אויף מאָרגען נאָך פסח, אַרום האַלבען טאָג. אַ גרויסע שטוב ווייס אויסגעקאַלכט. געגנוג פענסטער און ליכט. אין מזרח וואנט אַ קליין ארון־קודש'ל און ביים זייט אַנ'עמוד.

בתיה פייגע

זיצט אויף אַ פוסבענקעלע און לעגט איבער מיט שטרוי פסח'־ריגע כלים, וואָס ליגען אויף דער ערד. נעהמט אָן אַ פעקעל טעלער און געהט מיט דעם אַרויס.

פעריל

קומט אַריין. יוגענדליך, אָבער בלאס און טרויעריג. זי פאַרנעהמט דער אַלטערס פּלאַץ. די הענט אָבער קלעפּען זיך נישט צו דער אַרבייט. ווישט די טרערען. ביסלאכווייז געהט זי איבער אין אַנ'־איינגעהאַלטענעם שלוכצען. וואַרגט זיך מיט די טרערען. שטערט זיך ניט ווען די אַלטע קומט אַריין.

בתיה פייגע

קומט אַריין.

פעריל, הא, וואָס שוין ווידער? טהו דער אַלטער מאמען קיין יסורים נישט אָן.

פעריל

אפשר וויין איך עס פאר גליק. אפשר. ווער ווייסט?

בתיה פייגע

טאַ, ניטע, נישט וויין. ווי קליין דאָס עופ'עלע זאָל נישט זיין אונטער'ן הארצען פיהלט עס. טאַ, ניטע, נישט וויין.

פעריל

אַלע יאהר ווערט צעבראכען איין כוס פון די מיט די גילדערנע ראנדען. געהאט זיי גאנצע צוועלף און איצטער, זיבען איבער־געבליבען.

# פערזאָנען:

**ישראל נח**, וואוינט אויפ'ן ישוב.

**פעריל**, זיין ווייב.

**בתיה פייגע**, איהר מוטער.

**בלומע**, זיין שוועסטער'ס אַ מיידעל, אַ יתומה.

**טעוויע**, זיין שותף.

**אשר**
**גרשון** } ישובניקעס. האַנדלען מיט איהם.

**לייזער**, אַ מענש ביי איהם.

**אסתר**
**אידען**
**פרויען**
**מיידלאך** | דורכפאָהרער

# אַ לעבען פאר אַ לעבען

דראמע

1915

פון שרעק. דורכ'ן אָפּענעם פענסטער טראָגט זיך פון גאָרטען נחמיה'ס
ון רבקה'ס געזאַנג, זיי זינגען אין צוויי שטימען:

עס שלאָגט פון באַרג אַ זילבער־קוואַל
פער—פלייצט דעם טאָל, פער—פלייצט דעם טאָל
פער—פלייצט דעם טאָל!
וועלטען שענע בע—גראַבט דער מענש
מיט זיי—נע הענד, מיט זיי—נע הענד,
מיט זיי—נע הענד!...

זיך צווישען די געדיכטע עפּעל־בוימער בעהאלטען. נעהם די בלומען מיט.

נ ח מ י ה

קום, מיר וועלען דאָרט פרישע בלומען רייסען.

קריכען אַרויס דורכ'ן פענסטער.

א ל ח נ ן

קומט אַריין.

נחמיה! נחמיה! ער איז ניטאָ?

ב ע ל א

קומט אַריין. וואַרפט זיך דעם אַלטען אין די אָרעמס.

זיידע! זיידע! בעשיץ מיך. שוואַרצע פליגעל לאָזען זיך אַראָב איבער אונזער שטוב. איך האָב איהם געזעהען נעבען אונזער שטוב... ער געהט אום און זיינע גלידער קנאַקען א ביין אין א ביין. זיידע, וואָס שווייגסטו? זאָג כאָטש איין וואָרט. איך שטאַרב פון שרעק.

א ל ח נ ן

שעפּטשעט.

מען קלאַפּט.

ב ע ל א

רבקה! וואו איז רבקה? ווער האָט דאָ בלומען געבראַכט?

א ל ח נ ן

ס'ברעכט זיך מיין הארץ, אלץ ברעכט זיך דאָרטען. דער שטורם האָט זיך אהין אַריינגעריסען. ווער קלאַפּט עס אין מיינע ווענד?

ב ע ל א

טוליעט זיך צום אַלטען אין שרעק.

אָט געהט ער... אָט געהט ער...

ס'ווערט פינסטער. זיי בלייבען בײדע שטעהן געאָרעמט. ציטערן

נ ח מ י ה

גיב מיר דיינע אויגען.

ר ב ק ה

ווערסט מיר וואס דערצעהלען?

נ ח מ י ה

איך וויל אין זיי יענעם טאל געפינען.

ר ב ק ה

אין די צוויי נשמה'לעך?

נ ח מ י ה

יענעם פרישען קוואל.

ר ב ק ה

גיב מיר דיינע אויגען.

נ ח מ י ה

דו ווילסט וואס דערצעהלען?

ר ב ק ה

איך וויל יענעם לאנד געפינען.

נ ח מ י ה

ווילסט דארט יענע מענשען זעהן?

ר ב ק ה

איך וויל דארט יענע הערצער געפינען... ש־ש־ש! מען געהט!

נ ח מ י ה

זיי לאזען זיך שוין מיט'ן טרויער זייערן.

ר ב ק ה

בעלא'ס קול הער איך, דאס איז זי.

נ ח מ י ה

לאמיר אוועקגעהן פון דאנען.

נ ח מ י ה

לאמיר דורכ'ן פענסטער ארויסקריכען.

ר ב ק ה

לאמיר ארויסגעהן דורכ'ן פענסטער, אין גארטען אריין. מיר וועלען

ר ב ק ה

איך וויל דיר וואס דערצעהלען.

נ ח מ י ה

פון ליעבע און גלויבען?

ר ב ק ה

אט וועל איך באלד בעטראכטען... פון בלומען — גוט? אמאל איז געווען א שטאדט. ניין — א דארף איז עס גאר געווען! און נעבען דארף א הויכער בארג, און נעבען בארג א טיפער טאל — גאר א טיפער טאל! ניט קיין מענש און ניט קיין פויגעל האבען געוואוסט פון יענעם טאל... ניין, פויגעל האבען יא געוואוסט! און פון הויכען בארג האט א קוואל געשאסען און פלעגט אין טאל זיך אראבקלייבען. און פון טאל פלעגט זיך דאס טייכעל שטיל ארויסשלענגלען און לויפען ווייט ווייט, אזש ביז דעם וועג אין דארף אריין. אמאל, ביינאכט, איז דורכגעפלויגען א מלאך אין לופטען, און ער איז געווען בעהאנגען מיט קליינע ריינע נשמה'לעך פון קליינע ריינע קינדערלעך. דאס האט ער זיי אויפגעקליבען פון אלע, אלע וויגעלעך. געטראגען האט ער זיי אין בלאהען הימעל אריין אויף איבערנאכט. און ווען דער מלאך איז געווען איבער יענעם שטילען טאל, זענען צוויי קליינינקע פערשלאפענע נשמה'לעך פון דעם מלאך'ס פליגעלעך אראבגעפאלען גלייך, גלייך אין טאל אריין. און דער מלאך האט עס גאר ניט געשפירט; ער איז גלייך צום הימעל אוועקגעפלויגען און אין טאל ביים טייכעל זענען געוואקסען צוויי ווייסע, שנע־ווייסע, שלאנקע ליליען. זענען די צוויי נשמה'לעך אין די בעכער פון די צוויי ליליען אריינגעפאלען. די נאכט האט זיי פערשלעפערט. בעגינען, ווען די זון איז אויפגעגאנגען איז אויף זיי שטראהלענליכט געפאלען און זיי האבען זיך אויפגעוואכט. און איין נשמה האט ניט ווייט פון זיך א צווייטע דערשפירט. און ווען ס'איז געווארען א ווינטעל האט זיך געבויגען איין ליליע צו דער צווייטער און איין נשמה האט די צווייטע געקושט.

ש ט י ל

נ ח מ י ה

יא.

ר ב ק ה

נו, כ׳וועל שוין מעהר ניט פרעגען!

נ ח מ י ה

און יענע מענשען האָט גאָר אַן אַנדער גאָט בעשאַפען — ליבע און גלויבען זענען דאָרט די מושלים. אנשטאָט א הארץ האָט דאָרט יע־נער גאָט די מענשען א זון געגעבען, וואָס שיט ליעבע, גלויבען אויף אַלע וועגען, אויף אַלע שטעגען, וואו נאָר דער מענש זאָל א פוס ניט שטעלען. יענער גאָט האָט דאָרט ביי די מענשען אין די אויגען איינגעפּאַסט פלאַמען הייסע, ווי די ליעבע אליין. און די זונענהער־צער בלאַנזשען אום אין דעם וואונדערשעהנעם לאַנד. און ווען דורך ליעבע און הייסען גלויבען פּרעסען, שליסען זיך ברוסט צו ברוסט און הארץ צו הארץ, ווערט ערשט דאָרטען דאָפּעלט ליכטיג. עס שימערט עס פינקעלט דער גאַנצער געגענד ארום. שטראַהלען שיסען אויף טויזענדער מיילען. און די מענשען פערשטעהן דאָ־מאָלסט דאָרט, אַז דאָס האָט א הארץ א הארץ געפונען. און עס טרעפט, אַז די שטראַהלען שלאָגען דורך יעם הארטען הימעל, זיי רייסען דורך די שווערע וואָלקען און טראָגען זיך אין די לופטען, ווי הייסע פיילען...

ר ב ק ה

פאַלען זיי אַמאָל צו אונז אויף דער ערד אויך אראָב?

נ ח מ י ה

עס טרעפט.

ש ט י ל.

ר ב ק ה

איך וויל אין דיינע אויגען קוקען.

נ ח מ י ה

ווילסט וואָס פון מיין הארץ שעפען?

ר ב ק ה

זעה, מיר זיצען אין בלומען.

נ ח מ י ה

דו האסט עס זיי געבראכט.

ר ב ק ה

אויפ׳ן בית־עולם געריסען.

נ ח מ י ה

געדאנקען געריסען. הייליג איז דאס, וואס ווערט אונשולדיג גע־טהאן.

ר ב ק ה

ווּעסטו מיר דערצעהלען?

נ ח מ י ה

עפען ברייט דיינע אויגען.

ר ב ק ה

גיב מיר דיין קאפּ.

נ ח מ י ה

איז דיר ווּעניג מיין הארץ?

ר ב ק ה

לאכסט?

נ ח מ י ה

ווייט, גאר ווייט — דארט, וואו דער הימעל לאזט זיך אינגאנצען אראב, דארט וואו די שטראהלען פון אונזער זון קומען גאר ניט צו, איז פאראן דאס לאנד פון ליעבע און גלויבען.

ר ב ק ה

איז דארט פינסטער?

נ ח מ יה

און דא איז פינסטער?

ר ב ק ה

ביי אונז אין שטוב?

ר ב ק ה

פערטראכט זיך.

אך, מיין שוועסטער מוז אויך קיין הארץ ניט האבען. געשטארבען איהר הארץ. שווארצע פליגעל — זאגט זי, הענגען איבער'ן שטוב.

נ ח מ י ה

דו פלוידערסט אויך?

ר ב ק ה

ווען איך וואלט וויסען, וואס פאר א געדאנק עס ליגט אין יעדען בלימעלע. זאג, נחמיה, וואס קען איצטער טראכטען אט דאס בלויע בלימעל? שיט נחמיה'ן אפ מיט בלומען. אט האב איך דיך מיט שענע געדאנקען אבגעשאטען.

נ ח מ י ה

גיב, איך וועל אין דיינע אויגען קוקען און דיר א מעשה דערצעהלען.

ר ב ק ה

וועסט עס פון מיינע אויגען לעזען?

נ ח מ י ה

איך וועל זי פון דיין הארץ שעפען.

ר ב ק ה

קיינער איז ניטא?

נ ח מ י ה

קיינער איז ניטא!

ר ב ק ה

און טאמער וועט ווער קומען?

נ ח מ י ה

ווער קען קומען?

ר ב ק ה

נו, איך וועל שוין מעהר ניט פרעגען.

ס'ווערט פינסטערער.

נ ח מ י ה

לעגט זיין קאפ אויף איהר שולטער.

רבקה

נארעלע ! איך קלייב דאָרט נאָר די בלומען. די שענסטע בלומען וואַקסען אויפ'ן בית־עולם. זאג מיר, נחמיה, ווער פערזעט עס דאָרט אזוי פיעל בלומען ?

נחמיה

דאָס זענען שענע געדאנקען, וואָס מען האָט דאָרט לעבעדיגערהייד בעגראָבען — איז פון זיי שענע בלומען אויסגעוואַקסען.

רבקה

אַך, ווי וואונדערליך ! כ'האָב עס גאָר קיין מאָל ניט געוואוסט. קוסט איהם. אַלעס דערצעהלסטו מיר, אַלעס דערצעהלסטו מיר... רויזען רויטע וואַקסען דאָרט אויך.

נחמיה

און גאנצע בלומען־שטרויסען האָסטו געזעהען ?

רבקה

ניין.

נחמיה

אויף אנ'אנדער אָרט וואַקסט אויס אַ גרויסער שטרויס מיט אַלערליי בלומען.

רבקה

כ'האָב עס יאָ געזעהן — און אפשר האָב איך עס ניט געזעהן — וואָס בעדייט עס ?

נחמיה

דאָס איז אַ צייכען, אז אויף יענעם אָרט האָט מען בעגראָבען אַ הארץ, וואָס איז פול מיט ליעבע געווען, מיט לעבען געשאַפען — איז אויף דעם אָרט אַ שטרויס בלומען אויסגעוואַקסען.

רבקה

פערוואונדערט.

קען מען אַ לעבעדיג הארץ אויך בעגראָבען ?

נחמיה

יאָ, עס טרעפט.

ר ב ק ה

כ׳האב מורא פאר דער שוועסטער. זי וועט זעהן ביי מיר בלומען אויפ׳ן קאפ. זי וועט פערשטעהן, אז כ׳האב זיי אויפ׳ן בית־עולם צווישען די קברים געריסען... הערסט, נחמיה, וואס ביינאכט איז געווען? די מאמע האט זיך אויך אויפגעכאפט פון שלאף. איך האב געדרעמעלט, נאר די אויגען זענען ביי מיר געווען אפען. איינגאנ־צען אפען. און איך הער: עס עפענט זיך די טיר, ; און דערנאך שטילע, גאר שטילע טריט, קינדערשע טריט. און איך זעה, מיין פופע, וואס כ׳פלעג זיך מיט איהר שטענדיג שפילען, געהט אום אי־בער׳ן שטוב. אבער אזוי שען! די בלאנדע לאקען איהרע צעוואר־פען אויפ׳ן שטערען. כ׳האב זיך שטארק צעלאכט, — אבער שטארק געלאכט!

ר ב ק ה

וואס האסטו געלאכט?

ר ב ק ה

ס׳האט ווי א קליין מלאכ׳ל אויסגעזעהן. כ׳האב אויסגעצויגען די הענד און געוואלט עס א כאפ טהאן און אויפ׳ן געלעגער ארויפנעה־מען. און כ׳האב זיך פאר מיין אייגענער נאז געכאפט, כ׳האב אזוי פיעל געלאכט, אז כ׳האב שוין ניט געקענט אויסהאלטען, איצטער ביזטו דא — אט האסטו דיר!

שיט איהם אן מיט בלומען.

נ ח מ י ה

וואו האסטו זיי געריסען?

ר ב ק ה

כ׳זאג דאך דיר, אז כ׳האב זיי אויפ׳ן בית עולם געריסען. כ׳האב מורא: זיי קענען זיך נאך אין שטוב דערוויסען, אז כ׳האב זיי אויפ׳ן בית־עולם געריסען.

נ ח מ י ה

געהסט אויך אויפ׳ן בית־עולם?

נ ח מ י ה

כ'האָב מיט'ן אַלטען פערבראַכט. זיינע אויגען בלאַנזשען אַרום דערשראָקען.

ר ב ק ה

בעלאַ איז אויך ניטאָ?

נ ח מ י ה

ניטאָ.

ר ב ק ה

זי ווייס גאָר ניט, אַז דו ביזט דאָ?

נ ח מ י ה

זיי מוזען אַלע אין גאָרטען זיין.

ר ב ק ה

דער זיידע איז אויך ניטאָ?

נ ח מ י ה

ניטאָ.

ר ב ק ה

און די מוטער?

נ ח מ י ה

זי מוז היטען בעלאַ'ן, זי זאָל זיך ניט שרעקען.

ר ב ק ה

שיט אויס פון שירץ אַ באַרג פערשיעדענע בלומען.

זעה, וואָס בלומען איך האָב געבראַכט! איך בין הינטערען שטאָדט געווען. דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביזט שוין דאָ. כ'האָב זיי אַלע פאַר דיר געריסען. די גאַנצע נאַכט האָב איך ניט געקענט אַן אויג פערמאַכען. כ'האָב זיך קוים ביז פריהמאָרגען דערוואַרט, איך זאָל קענען פאַר דיר פרישע בלומען קלייבען. די מוטער האָט מיך ניט געלאָזט געהן, איך האָב זיך אַרויסגעגנב'עט — זעה, ווי שען דאָס איז!

נ ח מ י ה

ווייז, איך וועל דיר זיי אין דיינע לאָקען איינפלעכטען.

נ ח מ י ה

איך זאג, אז איהר זענט נאך מונטער און פריש, ווי אין דער יוגענד.

א ל ח נ ן

מערקווירדיג! מיינע מיטעלע יאהרען זענען פון מיר איננאנצען פערשוואונדען געווארען און קינדערשע נארישקייטען שווימען פאר מיר ארוים. איך בין קינדווייז א בעל־פחדן געווען. אונזער שטוב איז אויף א הויכען ארט געשטאנען, ס'פלעגט זיך זעהן די גאנצע געגענד ארום. דער טייך, וואס איז ניט ווייט דורכגעגאנגען, האט זיך יעדע וויעסנע צוגאסען, און די גאנצע געגענד איז געשטאנען אין וואסער. און שווארצע, אהן בלעטער, פלעגען שטעהן די בוימער ביז העלפט אין וואסער, און פאכען מיט די נאקעטע צווייגען... האב איך מורא געהאט ביינאכט אליין צו שלאפען. מיר פלעגט זיך אויס־דוכטען, אז די בוימער הויבען זיך אן ביינאכט צו בעוועגען און וואנדערען אום איבער די בלאטעס... ס'ווערט פינסטער. כ'וועל מיי־נע קינדער געהן זוכען. קינדער מיינע, קינדער מיינע! וואס האט איהר מיך איבערגעלאזען?

נ ח מ י ה

איהר זענט ניט אליין.

א ל ח נ ן

כ'האב זיך גאר פערפלוידערט. כ'האב זיך גאר פערפלוידערט. איך וועל געהן צו מיינע קינדער.

געהט ארוים פון שטוב.

נ ח מ י ה

בלייבט אליין זיצען אויפ'ן זאפע.

ר ב ק ה

קומט אריין, ווארפט זיך נחמיה'ן אויפ'ן האלז.

ביזט דא! זאג, וואס האסטו זיך אזוי געשפעטיגט? כ'האב שוין קיין כח ניט געהאט צו ווארטען אויף דיר איך וויל לעבען — און דא — אמת'ע טויט־שרעק. קיינער ניטא?

נ ח מ י ה

איך האָב ליעב צו זיין אין פעלד אין אַ הייסען זומערטאָג. די שנ־טער און שניטערינס קלייבען זיך צונויף אין איין בינטעל און זינגען. און שטיפען.

א ל ח נ ן

ווער קלאַפּט עס אין מיין וואַנד!? מען קלאַפּט... וואָס קוקט איהר מיר אַזוי אָן, נחמיה?

נ ח מ י ה

איך קוק, ווי עס שפּיעלט נאָך די יוגענד אין אייערע אויגען.

א ל ח נ ן

זיין קול ציטערט.

שטיל און רוהיג בין איך ביי מיין מאַמען אין שוים געזעסען: געלעגט מיין קאָפּ אויף איהר ברוסט. פון אָפענעם פענסטער האָט אַ ווינד געטראָגען און געגלעט מיין געזיכט. יאָ, דאָס האָט דער שטורם־ווינד זיין אינגערן ברודער, צו מיר געשיקט. דאָס הארץ מיינס האָט געציטערט. שטאַרק געציטערט. יאָ, נחמיה. איך האָב גע־הערט אַז איהר רעכענט אין וועג אריין זיך לאָזען?

נ ח מ י ה

ס'ווילט זיך ניט שלאָפען דעם גאַנצען לעבען אויף דעם אָרט, וואו מיין קבר דאַרף זיין. אַ מענש דאַרף יעדען טאָג אויף דאָס ניי גע־בוירען ווערען?

א ל ח נ ן

אַ שטורב האָט זיך אין מיין שטוב אַרוונגעריסען. ס'ברעכט זיך. ס'ברעכט זיך אַלעס וואָס ס'איז פערפלאַנצט געווען... — ס'קלייבט זיך ניט אויף אַ רעגען?

נ ח מ י ה

די זון שיינט.

א ל ח נ ן

וואָס, דו זאָגסט עפּעס?

נחמיה'ן איבער'ן פלייצע. נו, דערצעהלט מיר וואס!

נחמיה

וואס קען איך אזוינס דערצעהלען, אז ס'זאל זיין פאסענד פאר אייך?

אלחנן

אלץ איז פאסענד פאר מיר... כהאב אלץ אין מיין לעבען איבער־געלעבט. — נאר שווער איז צו טראגען יוגענד אין קבר אריין... זעצט זיך אויפ'ן דיוואן, קלערט א ווײַלע. יא, איהר זענט נאך יונג — זאגט מיר, וואס פיהלט א יונג הארץ?

נחמיה

עס האפט, עס לעבט — אויב האפנונג און לעבען איז אין דעם פאַ־ראַן.

אלחנן

אויב לעבען איז אין דעם פאראן. מהום... אין מיין שטוב איז גע־שעהן, אייגענטליך, א גאנץ געוועהנליכע זאך: מיין זון איז ביי מיר נעשטארבען. ס'האט געמוזט אזוי זיין: נאר הינטער ארום האט זיך ווער אין מיין שטוב אריינגע'גנב'עט. ניט גאנץ רוהיג איז דא ארום. יא, נחמיה; שווער צו טראגען מיט זיך סודות אין קבר אריין.

נחמיה

רבקה איז שוין לאנג אוועקגעגאנגען?

אלחנן

די פעלדער זענען שוין אבגעשניטען, יא? די גארבען אויך אראב־געפיהרט? עס גיסט רעגענס, און די פעלדער מוזען שוין געוויס זיין שווארץ. שווארץ געווארען. געוויס האט געמוזט בלייבען גאר־בען אונטערן רעגען. שטעהן שווארץ. וועלען שוין צופוילט ווערען.

נחמיה

עס נעהט גאר קיין רעגען ניט. היינט איז זעהר שען.

אלחנן

צווישען די שווארצע פעלדער קריכען ארום שווארצע קראהען און שרייען.

היגקייט געשענקט?

נ ע מ י

אונטער איין הארצען האב איך אייךביידען אויסגעטראגען: פון איין מילך האט איהר ביידע געזויגען... קום, מיין קינד.

ב ע ל א

איך קען דעם זיידען אליין ניט לאזען.

נ ע מ י

קום מיט מיר.

געהען ארויס.

נ ח מ י ה

קומט אריין. קלאפט אין טיר אנטקעגען.

א ל ח נ ן

עפענט די טהיר.

ווער קלאפט עס? אך, נחמיה! איהר זענט עס. כ'האב שוין היינט געטראכט וועגען אייך. איז גאר קיינער אין שטוב ניט געוועזן? איך האב געמיינט, אז רבקה איז אין שטוב. כ'האב געמיינט, אז זי שטעהט הינטער דער טיר און הערט זיך צו... אלץ געהט איבער בירושה: קינדווייז פלעג איך האלט האבען שטעהן הינטער דער טיר און צוהערען זיך, וואס מען רעדט... איז גאר קיינער ניטא?

נ ח מ י ה

פון וויטען, דאכט מיר, האב איך געזעהען בעלא'ן מיט איהר מו־טער. זיי זענען אין גארטען געגאנגען.

א ל ח נ ן

זעהר גוט. איך היט זיך פון זיי. ווייבער מאכען דעם טרויער נאך גרעסער. זיי האבען מיר מיין קאפ מיט טרערען נאס געמאכט. — וואו איז רבקה?

נ ח מ י ה

איך האב זי ניט געזעהען.

א ל ח נ ן

דאס איז נאך דער איינציגער קוואל פון אונזער לעבען. קלאפט

האָט מיך שוין דער, וואָס איז הימעל, בעשטראָפט. איך האָב שוין ניט קיין טרערען צו בעוויינען דאָס אונגליק.

ב ע ל א

וואו איז רבקה? וואָס זעהט מען זי ניט דעם גאַנצען טאָג? זי געהט אום אַליין הינטער'ן שטאָדט. ס'איז שוין באַלד נאַכט — און זי איז נאָך נישטאָ.

נ ע מ י

פאַר איהר שרעקט מיר גאָר דאָס האַרץ. ביי נאַכט האָב איך גע־הערט, ווי זי האָט געלאַכט פון שלאָף — אָבער שטאַרק געלאַכט, כ'האָב זיך דערשראָקען.

ב ע ל א

קוקט זיך אַרום צושטרייט.

ביי נאַכט האָט זי געלאַכט. זי לאַכט שטענדיג. איהר פּנים לאַכט אַליין, איהרע אויגען לאַכען אויך.

נ ע מ י

קום, טאָכטער מיינע, אין גאָרטען. וועסט זיך אַביסעל אָבפרישען.

ב ע ל א

נחמיה איז גאָר היינט ניט געוועזען? האָסט איהם גאָר ניט... נחמיה איז... זעץ זיך נעהענטער צו מיר, מאַמע. כ'האָב געמיינט, אַז ער וועט קומען. עס שוועבט וואָס אַרום אין אַלע ווינקעלאַך. ווען איך געה אַרום, ווען איך ליג און האַלט אפילו פעסט פערמאַכט די אויגען, זעה איך שטענדיג איינעם. דער זיידע געהט זיכער אום, און נאָך איהם שפּאַצירט נאָך עפּעס איינער מיט טויזענדער אויגען, און זיינע גלידער קנאַקען אַ ביין אין אַ ביין.

נ ע מ י

וואָס איז מיט דיר, טאָכטער מיינע?! וואָס זעהסטו?

ב ע ל א

מיר דוכט זיך, אַז יעדע נאַכט לאָזט זיך אַראָב אַ גרויסער, שוואַר־צער פליגעל איבער אונזער שטוב... איך זעה יעדע נאַכט... מאַמע! וואו איז מיין שוועסטער? פאַר וואָס האָסטו מיין שוועסטער רו־

א גרויסער צימער שען געמעבלירט. לינקס צוויי פענסטער, קוקען אריין אין א גארטען. נעבען זיי א זאפע. אנטקעגען א טיר אין א צווייטען צימער.

פארנאכט

באלא

ליגט אויף דער זאפע קוקט זיך אום יעדער ווײַלע אונרוהיג.

נעמי

עפענט די טיר, קומט אריין.

באלא

שפרינגט אויף דערשראָקען.

ווער איז עס? ! דאס ביזטו מאמע?

נעמי

ווידער ביזטו אליין; וואס בלייבסטו רק אליין אין שטוב?...

באלא

כ'האב זיך אזוי דערשראקען.

נעמי

אבער וואס בלייבסטו רק אליין? וואו איז רבקה?

באלא

איך בין ניט אליין; איך בין ניט אליין. בעווייזט צו דער טיר אנט־קעגען. איך הער זיך צו צו יעדער טריט אין יענעם צימער... ווען איך הער נאר זיינע טריט, שפיר איך זיך שוין ניט אליין.

נעמי

פערזארגט.

דער זיידע איז דארט?

באלא

דער זיידע איז דארט. איך הער, ווי זיכער און שטאלץ איז זיין טריט, ער שפירט גאר ניט, וואס ארום איהם איז.

נעמי

טאכטער מיינע, ניט מאך מיר גרעסער דעם טרויער מיינעם. געגונ

פערזאנען:

אלחנן

נעמי

בעלא, עלטערע טאָכטער.

רבקה, יונגערע טאָכטער.

נחמיה

# קברים בלומען

1906

ג ד ל י ה

געהט צו, בעטראַכט זי.

איך וועל געהן מענשען רופען.

ס ע נ ד ע ר

נעהמט מאָטעלען אויפ'ן האַנד און הויבט אָן וויינען אויפ'ן הויכען קול.

פ ע ר י ל

גראָבט איין איהר קאָפּ אויפ'ן טויטענס געלעגער. איהר גאַנצער קערפּער ציטערט פון געוויין.

ס ע נ ד ע ר

איך בין שולדיג, איך.

מ ל כ ה

דו אויך נישט. איהר מעגט. כ׳ווייס, איהר ווילט לעבען... איהר מעגט....

ג ד ל י ה

קריכט אראָב פון געלעגער, רייבט די אויגען.

ווער איז עס? מלכה? ביזט שוין געזונד געוואָרען?

פ ע ר י ל

זייט מיר מוחל, מלכה. איין גאָט אין הימעל ווייסט, אז איך בין נישט שולדיג. אָט, זעהט, אויף מיר איז דער מאַנטעל, וואָס אוזר האָט נאָך גענעהט. מיין הארץ איז ריין.

מ ל כ ה

כ׳ווייס... כ׳ווייס... נישט וויין, כ׳ווייס...

ס ע נ ד ע ר

געהט צו מלכה׳ן. ער נעהמט זי אַרום און דריקט איהר קאָפּ צו זיין ברוסט. וויל זי פון שוועל צונעהמען.

מ ל כ ה

שטרעקט אויס איהרע הענד, ווי זי וואָלט איהם וועלען פעסט אַרומנעהמען. איהרע כוחות פערלאָזען זי אָבער. איהרע פיס ברעכען זיך אונטער, און זי הויבט זיך אָן אַראָבלאָזען אויף דער ערד.

ס ע נ ד ע ר

מלכה...

פ ע ר י ל

פאַלט צו איהרע פיס.

זייט מיר מוחל !... מאַטעלע, קום צו מיר... האָט רחמנות אויף מיין קינד !

ס ע נ ד ע ר

לעגט מלכה׳ן אויפ׳ן געלעגער.

ס ע נ ד ע ר

ניין, איהר זענט ניט פערשאַלטען. איך בין עלענד, אבער ניט איהר.

ער קושט לאַנג איהרע הענד. זי ווערט זיך ניט.

אין דער צייט הויבען זיך אָן צו הערען שוואַכע טריט הינטער דער טיר.ביידע גלייכען זיך אויס, אויפ'ן בעט זיצענדיג, און קוקען צום טיר, ווי עפּעס אונהיימליכעס וואָלטען זיי דערוואַרטען. די טיר עפענט זיך, און ס'בעווייזט זיך מלכה. איהר יונג פּנים איז האַלב טויט. די האָר אין אונאָרדנונג, אַ טוך אויף די אַקסלען, און אויף די פיס שטעק־שיך. זי בלייבט אויפ'ן שוועל מיעד, אָנגעשפּאַרט אָן ביי־שטידעל. זי קוקט שטום צו סענדער'ן און פּערלען, וועלכע בלייבען אַ ווייִלע איינגאַנצען ערשטוינט.

פ ע ר י ל

לויפט פּלוצלונג צום געלעגער, וואו דער אַלטער גדליה שלאָפט, און הויבט איהם אָן וועקען.

שטעהט אויף, שווער, איך האָב מורא!

ג ד ל י ה

הא, וואָס?

מ ל כ ה

קוים וואָס זי רעדט.

האָב קיין מורא נישט, פּעריל....

ג ד ל י ה

זעצט זיך.

וואָס איז דאָ?

פ ע ר י ל

גאַטעניו, איך האָב מורא! וועקט מאַמלען. מאַמעלע, שטעה אויף...

ס ע נ ד ע ר

מלכה, ווי קומסטו אהער?...

מ ל כ ה

ביזט נישט שולדיג, פּעריל... כ'ווייס.

איך וויל, אז איהר זאָלט מיר כאָטש איין צייכען געבען, אז איהר וועט ווארטען אויף מיר. איך וועל מעהר נישט רעדען פון דעם. איך וויל מעהר נישט, אז ווען איך אַרבייט, זאָל איך וויסען, אז פאר א לעבעדיגען מענשען טהו איך עס. וועל איך כח האָבען אזא יאָך אויף מיינע פּלייצעס צו טראָגען. פעריל, איך בעט אייך.

פ ע ר י ל

גערהט איבער צום קינד און בעהאַלט נעבען איהם איהר קאָפּ.

ס ע נ ד ע ר

איהר פערשטעהט דאָך מיך. איהר ווייסט אַלץ. און אויב איך בע־געה א זינד — ווייסט גאָט אין הימעל, אז איך בין נישט שולדיג.

פ ע ר י ל

הויבט אויף איהר קאָפּ און קוקט איהם שטום אָן.

ס ע נ ד ע ר

זעצט זיך נעבען איהר.

איך בין געזונד און שטארק. איהר זענט געזונד און שעהן. אַט בעקוקט מיינע הענד. שטארקע הענד, און אַזוי עלענד בין איך. דורך טרערען. איך בין עלענד, ווי איהר, ווי אייער קינד. האָט אויף איהם רחמנות און...

זיין קאָפּ פאַלט אויף איהר ברוסט.

פ ע ר י ל

הילפלאָז. ווערט זיך ניט. קוקט זיך אַרום פערווירט, ווי פון די שטומע ווענט וואָלט זי הילף זוכען. זי הויבט אָן פלוצלונג וויינען אויפ'ן הויכען קול.

ס ע נ ד ע ר

נייז, טהוט עס נישט. כ'בעט אייך, פעריל, הערט אויף. ס'איז איבער מיינע כחות.

ער קושט איהר אויפ'ן קאָפּ. זי ווערט זיך ניט.

פ ע ר י ל

כליפּעט.

עלענד און פון גאָט פערשאָלטען....

סענדער

איהר ווייסט דאָך, פּעריל, אז איך האָב זי ווי ס'לעבען ליעב געהאַט. אָבער איך קען שוין נישט מעהר... איך קאָן דאָך איהר געזונד צוריק נישט אומקעהרען. אַט ווי איהר קאַנט עוזר'ן פון דער ערד צוריק נישט ברענגען א לעבעדיגען... וואָס קוקט איהר מיך אָן אזוי מיט חשד?... איך וויל האָרעווען פאר א געזונטען מענשען. איך פּער־לאַנג פון אייך גאָרנישט. לאָזט מיר פאר אייך מיט אייער קינד פּראַצעווען.... איהר הונגערט דאָ אַלע; איך בין דאָך א מענש מיט א האַרץ. ווען איך קאָן מאַכען, איהר זאָלט נישט הונגערן.... .

פּעריל

דאָס וועט נישט זיין. פּערדעקט דאָס געזיכט. איך טאָר נישט, איך טאָר נישט. איז מיר בעשערט אויסצוגעהן מיט מיין קינד פון הונ־גער — וועל איך. געהט א היים... אייער ווייב איז אַליין. צום קינד, וואָס איז איינגעשלאָפען אויף איהר האַנד. שלאָפסט און ווילסט גאָר נישט וויסען, ווי דיין מאַמע פּלאָגט זיך. נו, סענדער, איהר זענט נאָך אַלץ דאָ? אויב נישט אויף זיך — טאָ האָט אויף מיר מיט קיין קינד רחמנות.

לעגט דאָס קינד אויפ'ן בעט.

סענדער

געהט צו איהר, נעהמט איהר האַנד.

פּעריל

טהוט עס נישט.

סענדער

מיר זענען דאָך דערוואַקסענע מענשען.

פּעריל

שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין.

סענדער

מיר זענען שכנים. אפשר האָט עס בעדאַרפט אזוי זיין, אפשר איז אונזער ביידענס מזל אזוי געווען, אז עוזר זאָל שטאַרבען. אַט, טהוט אויס דעם מאַנטעל מיט די פּאַרסטריגעס. רעדט איין וואָרט!

פ ע ר י ל

פערלירט זיך.

קינד מיינס, נעהם שטארקער ארום דיין מאמען... איך וועל אפשר פון זינען אראב!

ס ע נ ד ע ר

געהט צו איהר. רעדט מיט א ציטערדיגער שטים.

הערט מיך אויס, איך...

פ ע ר י ל

אין שרעק.

אייער ווייב לעבט נאך...

ס ע נ ד ע ר

איהר בעדארפט עס נישט זאגען. איהר ווילט אזוי לעבען, גלייך ווי איך. פונקט ווי עוזר האט געוואלט לעבען.

פ ע ר י ל

ניין, ניין...

ס ע נ ד ע ר

איהר ווייסט אליין, אז איך בין אין איהר קרענק נישט שולדיג.

פ ע ר י ל

זי לעבט דאך אבער. און אפשר געהט זי איצטער אויס, און קיי־נער שטעהט ביי איהר בעט נישט... לאמיר בעסערביידע צו איהר געהן... איך וועל בעסער צו איהר געהן...

ס ע נ ד ע ר

איהר וועט עס נישט טהאן, פעריל!... איך וויל נישט. איהר זאלט זי זעהן... ניין, איהר וועט נישט געהן. שוין באלד א יאהר, אז איך שטעה נעבען איהר טויט'ען בעט. אויף מיר איז א שרעק אנגע־פאלען. איך ווייס שוין אליין נישט, ווער עס בעדארף שטארבען, אויף וועמען דער טויט ווארט.

פ ע ר י ל

איהר האט דאך זי ליעב געהאט.

פּ ע ר י ל

שווייגט א ווײלע. מאכט אויף א רגע צו די אויגען, וועט איהר נאך דא הערען זיין קול... דא אין שטוב איז נאך זיין קול געבליבען. און איהר האט גאט אין הארצען! איהר האט אויף א רגע פון אייער שוועל נישט געדארפט אריבערטרעטען.

ס ע נ ד ע ר

איך בין געקומען אייך זאגען, אז איהר בעדארפט פון דער שטוב ארויס. איהר זאלט וואוינען ערגעץ אנדערש.

פּ ע ר י ל

זי נעהמט מאטלען אויפ'ן האנד, ווי זי וואלט זיך וועלען בעשי־צען.

ס ע נ ד ע ר

וואס קוקט איהר מיך אזוי דערשראקען אן? איך בין פריהער צו אייך נישט געגאנגען, וויל... אבער צוליעב וואס זאל איך עס זא־גען? איהר זענט דאך קיין קינד נישט...

פּ ע ר י ל

האט גאט אין הארצען! אייער ווייב ליגט אויפ'ן טויטען בעט. עס קעהרט זיך מיר דער מח אין קאפּ איבער. וואס ט'איהר געטהאן? ווי ט'איהר גאר מיין שוועל איבערגעטראטען?

מ א ט ע ל ע

הויבט אן וויינען ביי דער מוטער אויפ'ן האנד.

פּ ע ר י ל

איהר זעהט, ס'קינד פערשטעהט אויך וואס איהר האט געטהאן.

ס ע נ ד ע ר

איך פערלאנג פון אייך גארנישט.

פּ ע ר י ל

איך בעט אייך, געהט איצט ארויס פון דאנען.

ס ע נ ד ע ר

איך וועל עס נישט טהאן.

ס ע נ ד ע ר

מיר זענען שכנים. איהר ווייסט עס. איך וויל א לעבעדיגען מענשען זעהן. וואס קומט מיר דערפאר?

פ ע ר י ל

און אויף יענער זייט וואנט.... — האט גאט אין הארצען!

ס ע נ ד ע ר

זעהט, וואס איהר מאכט פון זיך! ווי א שאטען זעהט איהר דאך אויס.

פ ע ר י ל

איך ווייס אליין נישט, וואס מיט מיר איז. ערשט איצטער האב איך דערפיהלט, אז איך בין נאך עלענדער ווי מאטעלע. איך בין דאך נאך אפילו קיין צוויי און צוואנציג יאהר נישט אלט.

ס ע נ ד ע ר

טהוט אויס פון זיך דעם מאנטעל. איך וועל אבגעבען צו א שניידער, ער זאל עס ענדיגען.

פ ע ר י ל

ניין, ניין!

ס ע נ ד ע ר

וואס האט איהר זיך אזוי דערשראקען?

פ ע ר י ל

צו פריה. ער שטעהט נאך פאר מיינע אויגען. צי קאן איך גאר פון אזעלכעס טראכטען? איך וועל עס היינט אוועקטראגען פער־זעצען.

ס ע נ ד ע ר

איהר פערשטעהט....

פ ע ר י ל

רעדט נישט, רעדט נישט. איך זעה אלץ, וואס אויף יענער זייט וואנט טוט זיך. איהר זענט פריהער קיינמאל אזוי נישט געקומען.

ס ע נ ד ע ר

יא, טאקע אמת, אבער...

אַ טייל פון דעם די ברוסט. אַ ווײלע בלייבט זי אַזוי שטעהן אין מיטען שטוב. זעהסט, מיין קינד? אזוי האָט געוואָלט דיין טאַטע די מאַמען אויספוצען און שבת מיט איהר געהן שפּאַצירען, און איצטער...

ס ע נ ד ע ר

קומט אַרײן.

פּ ע ר י ל

בלייבט אין פערלעגענהייט.

מ אַ ט ע ל ע

לויפט איהם אַנטקעגען.

טאַקע דער טאַטע געגעהט.

ס ע נ ד ע ר

וואָס קוקט איהר מיך אָן אזוי פערוואונדערט?... ווי איהר וואָלט מיך צום ערשטען מאָל זעהן.

פּ ע ר י ל

געהט צום פענסטער, ווענדט אָב איהר געזיכט, שווייגט.

ס ע נ ד ע ר

נעהמט מאָטלען אויפ׳ן האַנד.

דו האָסט עס געמאכט, דיין מאַמע זאָל ווײנען, יונגאַטש אײנער?

ער קושט איהם.

מ אַ ט ע ל ע

איך נייש׳ געמאכט די מאַמע ווײנען.

ס ע נ ד ע ר

ווער דען?

מ אַ ט ע ל ע

זי וויינט, דער טאַטע געשטאַרבען טאַקע.

ס ע נ ד ע ר

פּעריל....

פּ ע ר י ל

איהר האָט נישט געטאָרט קומען אהער.

פ ע ר י ל

וואס איך קאכען?... קום, מיין קינד, לאמיר זעהן, וואס אין קו־פערט איז פארהאנען... וואס איך וועל קאכען, מיין קינד...

זי עפענט אויף א קופערט, וואס שטעהט ניט ווייט פון איהר געלעגער.

מ א ט ע ל ע

איך באלד ארײנקריכען אין קופערט, און דו פערמאך.

פ ע ר י ל

זעהסט, מיין קינד? ס'איז דיין טאטענס נייער אנצוג. קיינמאל וועט ער עס שוין נישט אנטהאן.

מ א ט ע ל ע

איך ווערען גרויס, איך אנטהאן.

פ ע ר י ל

גאט ווייס, גאט ווייס. זי בינדט עס איין אין לײלאך. פאר דעם וועט די מאמע עסען קריגען פאר איהר קינד. זי נעהמט ארויס פון קופערט א לאנגען דאמען־מאנטעל פון שווארצען שטאף, ניט פער־ענדיגט, נאך מיט די ווייסע פארסטריגעס.

מ א ט ע ל ע

וואס אי' דאס, מאמע?

פ ע ר י ל

דיין טאטע פאר דער מאמען א מאנטעל גענעהט אליין מיט זיינע הענד שפעט אין דער נאכט, פון שלאף געפאלען, און פאר דער מאמען א מאנטעל גענעהט. בעקוקט די ווייסע פארסטריגעס. זיינע גילדערנע הענד... איצטער פוילען זיי ערגעץ. זי מעסט אן דעם מאנטעל, ער גרייכט ביז צו איהרע טריט. זי בעקוקט פערוויקעלט סא־מעט, וואס איז געווען אויף א קראגען גרייט, און מעסט אן אויף איהרע אקסלען. נעהמט ארויס פון קופערט שווארצע געשטיקטע בע־פוצונג און שפילעט צו אויף די ארבעל מאנזשעטען. זי בעפוצט מיט

מ אַ ט ע ל ע

מיין טאַטען רופט מען עוזר.

פ ע ר י ל

ווײַנט אין דער שטיל.

עוזר האָט מען גערופען דײַן טאַטען. איצטער... וואָס איז מײַן לעבען ווערט אָהן דיר?

מ אַ ט ע ל ע

פערדעקט זײַן געזיכט.

ווײַנסט אויף מײַן פּנים, מאַמע.

פ ע ר י ל

קינד מײַנס, ליכט מײַנס... נו שאַ — דײַן מאַמע וועט שוין מעהר נישט ווײַנען. נאַרעלע, דו ווײַן נישט. דײַן מאַמע וועט דאָך פאַר דיר איהר גאַנץ לעבען אָבגעבען. זי ווײַנט, אַז דער וואָס אין הימעל זאָל זי נעבען איהר שוועלבעלע לאָזען.

מ אַ ט ע ל ע

איך נאָר געלאַכט. איך טאַקע ניש' געוואָלט ווײַנען. גיב, איך דיר קעמען דײַן קאָפּ.

פ ע ר י ל

קינד מײַנס, ליכט מײַנס, ס'איז שוין באַלד נישטאָ וואָס צו קעמען. אַלץ איז אַוועק מיט'ן רויך.

מ אַ ט ע ל ע

איך וויל עסען.

פ ע ר י ל

ווילסט עסען?... ווילסט עסען — באַלד וועט די מאַמע קאָכען פאַר איהר קינד צום עסען.

מ אַ ט ע ל ע

וואָס דו קאָכען?

אַ בוידעם־שטיבעל. די סטעליע אין הינטערגרונד צו די פענסטער אַראָבגעבויגען. צווישען די פענסטער אַ נייה־מאַשין, איבערגעדעקט. רעכטס און לינקס געלעגערס. זו־מער פארנאכט. אויף איין געלעגער ליגט דער אַלטער ג ד ל י ה, שלאָפט. געגענאיבער, אויף אַ געלעגער זיצט פ ע ר י ל. נעבען איהר ליגט איהר דריי־יאָהריגער מ אַ־ ט ע ל ע; זיין קעפעל אויף איהר שויס.

פון איהר אויסגעמאַטערט, אויסגעוויינט געזיכט קוקט אַרויס שעהנקייט און יוגענד. זי ענדיגט פלעכטען איהרע לאַנגע גאָלדיג־בלאָנדע האָר. פון צייט צו צייט בויגט זי זיך איבער'ן קינד און קושט איהם אויפ'ן קעפעלע. זי רעדט מעהר פאר זיך, ווי צום קינד.

קינד מיינס, ליכט מיינס... ווען דער טאַטע דיינער זאָל איצטער לעבען! קינד מיינס, ליכט מיינס!

קושט איהם לאַנג און שטיל.

מ אַ ט ע ל ע

דער טאַטע ט'היינט ניש' קומען?

פ ע ר י ל

ניין, מיין קינד.

מ אַ ט ע ל ע

דו ס'ניש' געהן צו איהם?

פ ע ר י ל

דיין מאַמע דאַרף איהר שוועלבעלע היטען. אויף דיין מאַמען וועט גאָט רחמנות האָבען. צוליעב דיר, מיין ליכט, וועט ער דיין מאַמען אויף דער ערד לאָזען.

מ אַ ט ע ל ע

הויבט זיך אונטער און קושט די מוטער.

האָב איך דיך טאַקע ליעב.

פ ע ר י ל

ווי ט'מען גערופען דיין טאַטען?

## פערזאנען:

פעריל

מאטעלע, איהר קינד.

גדליה, איהר געשטארבענעם מאנ'ס פאטער.

סענדער, וואוינט די צווייטע טיר, אויף דעם איינענעם בוידעם.

מלכה, זיין ווייב.

# פונקען

א פּאָר שטריכען.

1913

פ י י נ ע

וואס, מיין קינד?

פ ע ש ק ע

אז דאָס לעבען ווערט גרינגער און ליכטיגער.

וואַרפט זיך דער אַלטער אויפ'ן האַלז.

פ י י נ ע

דו ציטערסט, מיין קינד.

פ ע ש ק ע

קושט די אַלטע.

מיר חלומ'ט זיך, באָבע.

פ י י נ ע

קושט פעשקע'ן.

וואס, מיין קינד?

פ ע ש ק ע

אז נישט אייביג וועט זיך די יוגענד אזוי פּלאָגען.

בלייבען ביידע שטעהן אַרומגענומען.

שטיל.

פ י י נ ע

פאַרוואָס קלאַפּט אזוי שטאַרק דיין האַרץ, מיין קינד?... שטאַרק אָבער אונרוהיג.

פ ע ש ק ע

פאַר שמחה, באָבע...

שטיל.

פ ע ש ק ע

בעפרייט זיך פון דער אַלטער. זי געהט צו שטיל צום טיש און הויבט אָן לאַנגזאַם אַראָבלאָזען דעם פייער פון לאָמפּ, בעמיהענדיג זיך, די אַלטע זאָל נים מערקען.

פ י י נ ע

שטעהענדיג אין מיטען שטוב רעדט, ווי צו זיך אַליין.

דאָס ליכט לעשט זיך... דאָס ליכט לעשט זיך...

פ י י ו ו ע

שטעלט זיך פּלוצלונג, שרייט אויס, מיט גרויס שמערצען אויפ׳ן געזיכט.

מאַ־מע !מאַ־מע !

פ י י ג ע

רעד נאָך, רעד נאָך...

פ י י ו ו ע

נ־ניין, כ׳קען נישט...

ער געהט אַרויס פון שטוב.

פ י י ג ע

וואוהין טראָגסטו דיין ביטער הארץ, מיין קינד ! ?

בלייבט שטעהן אין מיטען שטוב.

פּ ע ש ק ע

געהט אַרויס אויף דער גאַס און קומט שנעל אַריין צוריק.

פ י י ג ע

ווער איז עס ?

פּ ע ש ק ע

דאָס בין איך.

שטיל.

פּ ע ש ק ע

געפינט אַ שטריק, און ווערענד די אַלטע רעדט, ציהט זי איהם דורך איבער׳ן רעהר פון אייוועז, נעבען טיר פון צווייטען צימער. זי אָרדענט איין אַ שלייף. די הענד איהרע ציטערען.

פ י י ג ע

דער ברויט ליגט אויפ׳ן טיש פער׳יתום׳ט. אויף איהם האָט זיך אויסגעגאָסען דער ים יסורים. ווער קען איהם צום מויל נעהמען ? ווער זאָל א מויל עפענען ?... כ׳שפיר, ווי דער באַלקען בויגט זיך נידריגער אראָב איבער מיין קאָפּ... וואָס טהוסטו, פּעשקע ?

פּ ע ש ק ע

מיר חלומ׳ט, באָבע.

פ י י ו ו ע

סם מיר נישט מיין בלוט, מאמע!

פ י י ג ע

עס ליגט דער ברויט אויפ'ן טיש — פארוואס עסט מען איהם נישט?

*זי געהט צו צו פייווע'ן און פירט איהרע הענד איבער זיינע אקסעל.*

שווייגסט, פאר דעם האב איך שוין גאר מורא. וואס שווייגט איהר? א שטוב מיט מענשען, און עס איז שטיל... וואו מענשען זענען, דארט איז שווער די שטילקייט צו פערטראגען. מאך א פרעהליכען פנים, זיי נישט מביש דעם ברויט. א טיש איז א מזבח און דער ברויט — זיין הייליגער קרבן, זיי איהם נישט מביש.

פ י י ו ו ע

*קוקט אן די אלטע מיט אויפגערעגטע אויגען.*

פ י י ג ע

שווייגסטו גאר; ווייס איך שוין גאר נישט וואס צו רעדען צו דיר. ווייס איך שוין גאר נישט וואס ביי דיר אויפ'ן הארצען איז. שרייסטו, ווייס איך; שלאגסטו, פיהל איך; אבער דיין שווייגען... נאר אויף דיין קינד'ס קאפ זאלסטו דיינע יסורים נישט אויסגיסען... ס'איז איהר גענוג. פעשקע! וואו ביזטו? אויף מיר גיס דיין צארן אויס, דיין ביטער הארץ, אויף מיר.

פ י י ו ו ע

*בעהאלט זיין קאפ אויפ'ן ארעם.*

פ י י ג ע

איצטער איז מעהר, ווי שטענדיג, פערביטערט דיין הארץ—שאן דיין קינד. זאל זי געהן איהר וועג... פייווע, רעד זיך אויס פאר מיר. כ'בין דאך דיינע א מאמע, געדענקסט, דו ביזט א קינד געוועזן, כ'האב דיך אויף מיין שויס געכאוועט, כ'האב דיך אין מיינע טרערען געבאדען. האסט געוויינט און געלאכט, אלץ ביי מיר אויפ'ן שויס. רעד איצטער אויף פאר מיר—כ'וועל נאך הערען, און אויב איך וועל קענען, וועלען נאך מיינע בלינדע אויגען וויינען.

פ י י ו ו ע

שווייגט. ער זעצט זיך ביים טיש, אנגעשפארט דעם קאפ אויפ'ן האנד.

פ ע ש ק ע

קוקט איהם אן, שטעהענדיג ביים אייווען.

פ י י ג ע

הויבט זיך אויף פון איהר ארט.

פייוועֿ, דו ביזט דאך געקומען, הא? פעשע, דער טאטע איז געקומען?

פ ע ש ק ע

יא.

פ י י ג ע

לעג אן א פייער, פעשע. האסט וואס געבראכט, פייווע? ביזט אודאי הונגעריג. זי זיצט אויף אומגעגעסען.

פ י י ו ו ע

ברויט ליגט אויפ'ן טיש.

פ י י ג ע

דער ברויט, דער ברויט. איז דען א פעולה, אז דו ביזט... ברויט קען געגוג זיין, אבער...

פ י י ו ו ע

לאז, מאמע, צורוה.

פ י י ג ע

דער מאמע'ס בלינדע אויגען טהוען וועה. דער מאמע'ס אלט הארץ טהוט וועה. דאס יונגע בלוט גיסט זיך; ס'געהט איין.

פ ע ש ק ע

פאר מיר דאגה נישט, באבע.

פ י י ג ע

האסט געבראכט ברויט, האסטו,—א פרעהליכען פנים צו איהם וואלסטו געבראכט. א פאר ווערטער גוט־הארציגע וואלסטו געבראכט. — ברויט אהן דעם — סם איז עס.

א ב ר ה מ ׳ ט ש י ק

ווינקט וואָס צו פּעשקע׳ן.

א גוטע נאכט! כ׳וועל נאָך היינט אפשר נאָך אמאָל קומען.

בלייבט נאָך אַ ווײַלע בײַם טיר.

פ י י נ ע

געה געזונד, מיין קינד!

פּ ע ש ק ע

שטעהט נעבען אייווען צוטראָגען.

א ב ר ה מ ׳ ט ש י ק

געהט אַרויס מיט אַראָבגעהמענדיג די אויגען פון פּעשקע׳ן.

ש ט י ל

פ י י נ ע

הו־הו־הו. — די יוגענד, די יוגענד, די שעהנע, ליכטיגע יוגענד! אין אַ ווײַלע אַרום. מיין קינד, דו ביזט הונגעריג, מאַך פייער אין אייווען.

פּ ע ש ק ע

ניין, באַבע, איך בין נישט הונגעריג.

פ י י נ ע

אין דיין קול ליגט עס, מיין קינד; עס ציטערט.

פּ ע ש ק ע

ניין, באַבע, כ׳בין נישט הונגעריג.

פ י י נ ע

שעהנע, ליכטיגע יוגענד...

אַ שווערע שטילקייט.

פ י י ו ו ע

קומט אַריין. ער איז אויפגעדרעהט פון קעלט. לעגט אויפ׳ן טיש אַ קליינעם טייל פון אַ לאַבען שווארץ ברויט. דרעהט זיך אַרום אין שטוב.

פ י י נ ע

פייווע?

אפילו געגען אן אייגענעם טאטען וואלט איך אויפגעשטאנען.

פעשקע

דריקט איהם צו זיך און קושט איהם שטיל.

ניין, ניין, ניין. ביזט ניט גערעכט. מיין מאמע האט מיך געלאזען. גאנץ רוהיג איבערגעלאזען. זי האט געדארפט שוין מיט די שאר־בענס אויף די אויגען פון קבר צוריק ארויסשפרינגען און מיך ניט פערלאזען.

וויינט. בלייבען ביידע געארעמט.

אברהמ׳טשיק

ווישט די טרערען.

פייגע

וויינט נישט, וויינט נישט. מענשען, וואס האבען ליכטיגע אויגען טארען נישט וויינען. געזעהען מאמעס, די באקען געל געווארען פון צופיעל וויינען אין דער יוגענד. געבליבען פלעקען. שוין אויפ׳ן גאנצען לעבען געבליבען...

פעשקע

ביי מיר, באבע, וועלען קיין געלע פלעקען נישט בלייבען אויף די באקען...

פייגע

אברהמ׳טשיק! ביזט מפרנס דיין מאמען. דיין מאמע האט דיך ליעב. אז מען האט א מאמען, וואס זאל ליעב האבען, איז שוין גענוג. אז מען שפארט אן דעם קאפ ביי א מאמען אויפ׳ן הארצען איז שוין גענוג. ביידען ווערט גרינגער. אפילו אין דער ערד ליגענדיג, ליידען די מאמעס, האבען קיין רוה נישט, ס׳טהוט זיי וועה...

פעשקע

קושט און האלזט אברהמ׳טשיקען. זי מאכט איהם א צייכען, ער זאל אוועקגעהן. רעדט הויך. דער טאטע וועט באלד קומען!

פייגע

ווער וויינט עס אין דער שטיל? ווער וויינט?

פ י י נ ע

אברהמ׳טשיק איז שוין אוועקגעגאנגען?

א ב ר ה מ ׳ט ש י ק

איך בין דאָ.

ער רעדט איהר וואָס אויפ׳ן אויער.

פּ ע ש ק ע

שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, ווי אַ צייכען אויף ניין. רעדט הויך אויף דער אַלטער׳ס זייט.

ווי ליכט האָבען זיי זיך געשמאָלצען ענטקעגען פייער, און פון טאָג צו טאָג איינגעגאנגען... כ׳האָב נישט געוואָלט פאר דער צייט אין דער ערד אריינגעהן. מיין יונג־בלוט וויל נאָך לעבען, מיין יונג הארץ וויל נאָך אויפבליהען. בין איך אויפגעשטאנען פון שלאָף און דערזעהען, אז מיינע קליידער זענען צופוילט געוואָרען, אויפ׳ן וואנד הענגענדיג.

זי בעגראָבט איהר קאָפּ אויף זיין ברוסט, און איהר קערפּער ציטערט פון געוויין.

פ י י נ ע

קינדער, דער טאטע וועט קומען.

פּ ע ש ק ע

איידער דאס אויג זאָל נאָך דער צייט אנהויבען צו זעהען אַלץ, וואָס ארום טהוט זיך, איז שוין גלייכער...

פ י י נ ע

שלאָגט זי איבער.

שילט זיך נישט, מיין קינד! ביזט נאָך יונג. מיר וועט שוין קיינמאָל גוט נישט זיין. כ׳האָב נאָר מורא, פּייווע וועט קומען.

פּ ע ש ק ע

זאָל ער קומען, זאָל ער קומען, זאָל ער מיין לייב מיט זיינע פיס טרעטען.

א ב ר ה מ ׳ט ש י ק

קיין מענש אין דער וועלט דארף זיך ניט לאָזען מיט די פיס טרעטען.

שפור פון פרעהליכקייט. מיר האָבען זיך געוואָרעמט. אוי, ביזטו שוואַרץ! וואַש אַב דעם פּנים ביי אונז.

זי דריקט זיין האַנד.

א ב ר ה מ'ט ש י ק

ער קוקט זי אַ צייט אָן אין די אויגען. וואַשט זיך.

פ י י ג ע

פונדעסטוועגען, מיין קינד, מאַך פייער. אפשר וועט ער וואָס ברענגען פון גאַס, וועט מען פּערקאָכען.

א ב ר ה מ'ט ש י ק

נו, איצטער בין איך שוין וויים?

פּ ע ש ק ע

ביזט נאָך אַלץ אין סאַזשע פערשמירט.

זי פּאַלט איהם אויפ'ן האַלז. אַ ווײַלע שטיל.

פ י י ג ע

מאַכסטו פייער?

פּ ע ש ק ע

סוד'עט איהם וואָס אויפ'ן אויער. זי קוקט אויף דער אַלטער, רעדט הויך.

איז אַ שטאַרקער פראָסט, זאָגסטו?

א ב ר ה מ'ט ש י ק

אַ פראָסט און אַ ווינד.

פ י י ג ע

שטעלסטו וואָס צום פייער. דער טאַטע וועט קומען. זאָל ער נישט זיין אין כעס.

פּ ע ש ק ע

זי זאָגט אברהמ'טשיקען וואָס. ער ציטערט אויף, זי בעפרייט זיך פון איהם און בלייבט שטעהן צעשטרויט.

אַ לעדיגע שטוב, אַ לעדיגע שטוב...

א ב ר ה מ'ט ש י ק

ער געהט צו צו פּעשקע'ן, נעהמט איהר האַנד.

א ב ר ה מ׳ט ש י ק

אין דער פינסטער זעהט מען נישט, ווי מיין פנים איז אין שאָשע פערשמירט.

פ ע ש ק ע

ס׳איז קאַלט אויף דער גאַס?

א ב ר ה מ׳ט ש י ק

אַ פראָסט אַ שטאַרקער. שטעהענדיג אין דער הויף אויף די קוימענס, איז נאָך קעלטער. דער ווינד בלאָזט פון אַלע זייטען.

פ ע ש ק ע

מען קען נאָך אמאָל פון אויבען אראָבפאַלען אויף. דער ווינד קען אַ טרייב טהאָן.

פ י י ג ע

אויפ׳ן גלייכען וועג ווערט מען נאָך גיכער געשטראָפט.

א ב ר ה מ׳ט ש י ק

ס׳איז גוט צו שטעהן אויפ׳ן שפּיץ דאַך און קוקען אין גאַס אַראָב, זעהען, ווי די מענשען קנורען זיך. זיי דרעהען זיך איין אין דרייען און לויפען פונקט, ווי עמיצער וואָלט זיי מיט אַ לאַנגער בייטש טרייבען.

פ ע ש ק ע

אַט צינד אָן דאָס לעמפּעל.אויפ׳ן טיש שטעהט עס. מיר איז קאַלט אין די פיס, כ׳געה באָרפוס.

א ב ר ה מ׳ט ש י ק

ער צינדט אָן אַ קליין לעמפּעל און לאָזט עס שטעהן אויפ׳ן טיש. דעם קעלער הילען שאָטענס איין.

פ י י ג ע

שוין ליכטיג?

א ב ר ה מ׳ט ש י ק

וואָס האָט איהר זיך אזוי איינגעקנורעט אינאיינעם?

פ ע ש ק ע

בעפרייט זיך פון דער אַלטער; איהר געזיכט איז בלאַס אָהן אַ

עס ווערט אומעטיג. אוי, ווי אומעטיג! אז א ליכט געהט אויס און שמעלצט זיך. און אז מענשען שמעלצען זיך, געהען אויס; בויגען זיך און פאלען אין גאנצען אום — פאלט אן אימה אן. זאג, זיך, פלאצט דאס הארץ. ס'איז אויף מיר א פחד אנגעפאלען. באבע! באבע! צי בין איך אומגערעכט, אז איך ענטלויף פון פייער, איך זאל זיך ווי א ליכט נישט צושמעלצען?... אז איך זעה, ווי א פנים ווערט געל, ווי א בלעטעל אין אסיען, האב איך מורא. ווערט מיר ביז צום שטארבען. מיר דאכט, אז מיט איינמאל איז מיין פנים צוקנייטשט געווארען. און די אויגען... אוי, באבע, כ'האב עס גאר מורא ארויסצורעדען פון מיין מויל. און דא איז נאך ערגער... זאג, באבע, צי פיהלסטו גארנישט, זיצענדיג אין קעלער, אז דער גרויסער מויער ליגט אויף דיר, אויפ'ן קאפ, ליגט און דריקט דעם שארבען מיט'ן מארך אינאיינעם?

פ י י ג ע

קושט פעשגע'ן.

אך, די יוגענד! ווי עס פיהלט, ווי עס שפירט דעם ווהעטאג! בין איך יונג געווען, מיין קינד, מיט אויגען, אין דיינע יאהרען, האט מיין לייב אלץ געשפירט. ווען האט געטהאן — אונערבארעמדיגע יסורים, מען האט מיר מיינע גליעדער געבראכען. כ'האב די ליפען פערביסען — ביז בלוט, פאר יסורים פערביסען און געשוויגען. כח איז געווען מעהר, צום שווייגען — גבורה געווען. די גבורה איז ביי היינטיגע קינדער נישטא... הו־הו־הו—יסורים, יסורים און קיין גבורה איז נישטא.

א ב ר ה מ ' ט ש י ק

קומט אריין.

גאר אין דער פינסטער זיצט איהר. איז ווער דא?

פ ע ש ק ע

קום אהער, אברהמ'טשיק.

פ י י ג ע

מיר האבען זיך פארדערט און קיין פייער נישט אנגעצונדען.

## פ י י נ ע

זי האָט זיך אַליין ס'האַרץ געריסען. כ'ווייס, מיין קינד, ווי זי האָט דיך ליעב געהאַט, נאָר די יסורים. דיין מאַמע איז פון הונגער געשטאָרבען. דיך האָט זי מיט קאַרטאָפעל געקאָרמעט, און אַליין די שפּייעכץ געשלונגען, די טרערען געשלונגען... שווייגט אַ ווײַלע. באַלד וועט דער טאַטע קומען הונגעריג און דו האָסט פאַר איהם גאָרנישט צוגעגרייט, מיט וואָס זיך צו קוויקען, וועט ער באַלד זיין אין כעס... אַ מאַמע קען אַלץ, אַ טאַטע — נישט. אַ מאַמע קען פאַר דער צייט אין דער ערד אריינגעהן — אפילו לעבעדיגערהייד, און ווען דיין מאַמע האָט געוויינט איבער דיר, ווען דו האָסט, נישט היינט געדאַכט, געפּאַקט און געמאַזעלט און ווען די צרה האָט זיך אין האַלז אריינגעקליבען, האָסטו שוין נישט געהערט... דאָס, מיין קינד, האָב איך געהערט... מיט מיינע בלינדע אויגען, און מיין לייב האָט געברענט: טרערען האָבען געשרפ'עט. אַ בלינדער קען נישט וויינען. ניין, ער קען נישט. איז דען דיין מאַמע מיין טאָכטער נישט געווען?... איין שטיק ליכט. און מיט מיינע בלינדע אויגען האָב איך געשפּירט, ווי עס געהט איין, געהט אויס ווי אַ ליכט... הו־הו־הו — דיר איז אומעטיג, פאַרוואָס דען נישט? איך זעה נישט. וואָלטען זיך מיר מיינע אויגען געעפענט — ווי אַ קליין קינד וואָלט איך געכליפּעט. כ'וואָלט דיין טאַטען דערזעהען — און נישט דערקענט. דער פּנים מוז זיין פערענדערט... אז מען שלאָגט אַנ'עלטער קינד, בעדאַרף שוין דער פּנים זיין שוואַרץ פאַר יסורים. אז מען רייסט אַ בת־יחידה פאַר די האָר. מיין קינד, פאַר יסורים טהוט ער דאָס.

שטיל.

## פ ע ש ק ע

כ'בין אין פאַבריק געגאַנגען און געפוילט אין דער ביטערניש, און פון אַלע זייטען זיצען: פערגעלטע, פערגרינטע פּנים'ער און שווייגען: שווייגען און פוילען. און איך שווייג אויך. און אין מיר רייסט

פ ע ש ק ע

די ביטערניש וועט זיך שוין הערען פון מיר, צייט איך וועל לעבען. זאָג מיר, באָבע, פאַרוואָס איז אַזאַ יונג־בלוט, ווי איך, אַזוי אומעטיג?... באָבע, מיר איז אומעטיג, מיך דריקט! כ'וועל אפשר אויסגעהן פאַר אומעט? זאָל דער טאַטע קומען און מיר דאָס לייב מיט אַ שטריק צופּאַסעווען, וועט מיר אפשר גרינגער ווערען.

פ י י נ ע

ביזט, מיין קינד, זיבצעהן יאָהר אַלט — און איך זיבציג. שווער איז צו פערמאַכען די אויגען. פערמאַכט מען זיי שוין יאָ — פאַלט פון הארצען אַ שטיין אראָב. דיר איז אומעטיג, און מיר איז פינס־טער.

פ ע ש ק ע

מיינסט, באָבע, כ'פויל זיך צו אַרבייטען. כ'בין נישט פויל, באָבע! אַלץ אין דער וועלט וואָלט איך געטהאָן, אַבי מיר זאָל גרינגער ווערען.

פ י י נ ע

מאַך זיך מיין קינד, אַ וועג, ווי אַזוי פון דאַנען אַרויסצוגעהן. כ'האָב פריהער געזינדיגט. מיר האָט זיך געדוכט, מען רעדט, מען שושקעט זיך... מסתמא אַברהמ'טשיק געוועזן. אפשר וועט ער דיך פון דאַנען אַרויספיהרען. כ'האָב פאַר ביינישען גערעדט, כ'האָב עס נישט געטאָרט...

פ ע ש ק ע

אַך, באָבע! ווען דו זאָלסט וויסען, ווי אָט דאָ קלעמט מיר; עס רייסט מיר מיט אייזערנע קאָמען. דאָס גאַנצע לייב ווערט מיר קאַלט און ווידער הייס. אין די אויגען ווערט מיט אַמאָל נאָך פינס־טערער, ווי דיר איז... די מאַמע פלעגט מיך פאַר די האָר רייסען. איך בין קליין געוועזן. כ'האָב נישט פערשטאַנען, פאַר וואָס. און זי האָט מיך פאַר די האָר געריסען. זאָג, צי איז איהר דען גרינגער געוואָרען, אַז מיר האָט וועה געטהאָן?

אפילו אַ שטרייעלע אין איהם שווער אויף זיך צו האלטען. וואו ביזטו, מיין קינד?

פ ע ש ק ע

אַט בין איך.

זי צינדט אָן אַ שוועבעלע.

פ י י ג ע

אַז דו מאכסט פייער, דוכט זיך מיר, אַז איך זעה דעם גאנצען קעלער.

פ ע ש ק ע

זעהסט נישט, באָבע; אַז קיינער פון אונזערע זעהט איהם נישט.

ס'ווערט ווידער פינסטער.

פ י י ג ע

אַט, זעהסטו, האָב איך געמערקט, אַז עס איז ווידער פינסטער געוואָרען.

פ ע ש ק ע

כ'וועל דיר מאכען באַלד ווידער ליכטיג.

רייבט אַ שוועבעלע.

פ י י ג ע

אַ שאַד, אַ שאַד. געוויס מערק איך. אַלץ מערק איך. אפילו דיך מערק איך אויך. אין אַ ווייַלע אַרום. די שטוב לעדיג. כאַטש וואַרעמע וואסער; ער וועט קומען פון גאַס אַ צופראָרענער...

פ ע ש ק ע

וואָס וועט פון'ם ביסעל וואסער אַרויסקומען? זאָל שוין זיין, וואָס עס וויל. איך האָב נישט געקענט. באָבע, איך האָב מעהר נישט געקענט! פון הונגער שטאַרבען, אבי נישט לעבעדיג פער־פוילט ווערען. אַך, באָבע, באָבע, באָבע!

זי וואַרפט זיך צו דער אַלטער אויפ'ן האַלז.

פ י י ג ע

דו ביזט שוין אזוי לאַנג פון פאַבריק און דער טוטון האָט נאָך נישט אויסגעוועבט.

שען און וויינען... ביי מיר איז ווארעמער — א גוטע נאכט!
געהט ארויס.

פעשקע

ער האט אפילו קיין שכל נישט א געלעכטער צו מאכען. בונטעוועט דעם טאטען.

פייגע

דער טאטע איז איצטער אויך נישט שלעכט. צרות, מיין קינד, מאַכען שלעכט. מען ווערט בייז אויף זיך אליין — שילט מען זיך אליין. א קינד איז דען נישט א שטיק פון'ם אייגען לייב?

פעשקע

ער קען דאך נישט זעהען אפילו, אז איך הויב אויף דעם קאפ.

פייגע

אז זיין קאפ, מיין קינד, ליגט איהם צעהן איילען אין דער ערד. צי לאכט ער אמאל, — כ'הער נישט. קיין מאל נישט. צרות נאַגען. מען לעבט אין קבר. דוכט זיך, כ'זעה נישט, אין די אויגען פינסטער: איז דען א חילוק וואו כ'זיץ, אויבען, צי אונטען? אלץ איינס, דוכט זיך—ניין! אבער ניין. שפיר איך מיט מיינע בלינדע אויגען, אז כ'ליעג אין גרוב. קענסט זיך נישט אויפהויבען, וואס קומט פון דעם ארויס?... הו־הו־הו—ביזט גערעכט, מיין קינד, ביזט גערעכט. מיט מיינע בלינדע אויגען שפיר איך, אז דו ביזט גערעכט; כ'וועל דיך מיט מיינע הענד בעשירמען. דער טאטע וועט דיך נישט טשעפען. כ'וועל איהם נישט לאזען שלאגען. כ'וועל איהם זאגען —

פעשקע

וואס האסטו דען איהם צו זאגען? כ'וויים נישט, צי ער שלאגט מיך פאר ליעבשאפט, צי פאר יסורים.

פייגע

כ'וועל איהם זאגען, מיין קינד, אנ'עלטער קינד בעדארף מען שאַנעווען, מען דארף פאר דעם דרך ארץ האבען. ער קען נישט זעהן, מיין לעבען, אז דו געהסט אום לעדיג. א מענש, אז ער טרינקט זיך,

פ ע ש ק ע

כ׳קען אין דער פינסטער אויך זיצען. זי צינדט אָן אַ שוועבעלע. איהר וואָלט האבען אייגענע קינדער, וואָלט איהר שוין גאר אַנ־דערש גערעדט. איז אין כעס און ווייסט אפילו ניט, וואָס אַ קינד איז.

ב י י נ י ש

איך וואָלט זיי נישט געשאָנעוועט. פאר צינדען שוועבעלעך אומ־זיסט, וואָלט איך די פינגער געבראכען... איך לאַך, נאר!

פּ ע ש ק ע

ס׳איז מיר אַלץ איינס: יא געלאַכט, נישט געלאַכט. מיינע קליי־דער זענען אויפ׳ן וואַנד צופוילט געוואָרען פון שימעל. ווי לאַנג נאָך וועל איך דאָ זיצען? ביז מיינע זייטען וועלען אָנהויבען צו פוילען? לעבעדיגערהייט פוילען וויל איך נישט. און — כ׳וועל נישט!

זי רייבט אָן אַ שוועבעלע.

פ י י ג ע

נישט צינד אומזיסט, נישט צינד... איז עס יונג, איז עס אָהן שכל: ס׳וויל קלוג זיין. נאַריש קינד! וואו מען ווערט געבוירען דאָרט ווערט מען פערלוירען. אין קעלער האָט דיך דיין מאַמע געבוירען, וואָס נישט? נאָך נאָסער ווי אין דעם געוועזן. די ווענט מיט שימעל בעדעקט. פאר׳ן בעט מיט זעק פערהאַנגען. די זעק צו־פוילט געוואָרען. דו האָסט געלאַכט, געקלאַפּט מיט די פיסלעך און געלאַכט. אנדערע קינדער הויבען גאר פריה אָן צו לאַכען; אויף דער אנדערער וואָך; נאָך גאר אין קינד־בעט... הויבט עס נאָר אָן צו רעדען, לאַכט עס שוין נישט מעהר, וויינט עס...

פּ ע ש ק ע

איך וועל איצטער מעהר נישט וויינען... וויינען — מעהר נישט!

ב י י נ י ש

ווערסט נאָך וויינען אין די פויסטען: בעגראבען דעם קאָפּ אין קי־

פ י י ג ע

כ'האב געמיינט, ביזט ערגעץ וואו געגאנגען. מאך פייער, מיין קינד.

פ ע ש ק ע

וואוהין זאל איך געהן בארפוס אין א פראסט?

ב י י נ י ש

אונטער'ן טיש האט זי זיך בעהאלטען מסתמא. אומעדום געזוכט. הא—הא—הא אלץ האט זי געהערט. אבי אנ'אמת גערעדט. דער טאטע זשאלעוועט אביסעל.

פ ע ש ק ע

ער זשאלעוועט, ער זשאלעוועט.

ב י י נ י ש

איז ער א נאר. קינדער מוז מען שלאגען. נאר געפאסעוועט אויפ'ן הוילען לייב.

פ ע ש ק ע

ווי גוט איז אייך, ביינישׁ!

ב י י נ י ש

נו, נו, איך האב חוזק געמאכט. גלויב מיר, איך האב חוזק געמאכט.

פ י י ג ע

האסט גאר נישט חוזק געמאכט, ביינישׁ, ס'רעדט זיך א מאל ארויס און מען מיינט אליין, אז דאס איז א נארישקייט.

ב י י נ י ש

אויף א טאטען דארף מען זיך נישט אנלעגען, א טאטע דארף שלא־גען, אז א קינד לעגט זיך אן אויף זיינע פלייצעס.

פ ע ש ק ע

כ'ווייס נישט, מיינט איהר, אז איהר האט גערעדט מיט'ן טאטען? ביינישׁ מיינט, אז מיט זיינע שטריק וועט ער קענען העלפען דעם טאטען מיך צובינדען.

פ י י ג ע

צינד בעסער אן א ליכט.

דארף מען אביסעל אונטערטרייבען. כ'וועל איהם בארגען מיין שטריק.

פ י י ג ע

ער האט זיין אייגענע שטריק. הו־הו־הו... אט אזוי זיצט מען אין דער פינסטער. בלינד און עס גלוסט זיך, פייער זאל ברענען. הו־הו־הו עלטערע קינדער שלאגען; ס'הייסט זיך אליין מיט די פויסטען. געקענט א מאמען, האט אנגעהויבען שלאגען איהרע קינדער נאך אין די גדערעם. זיך איבער'ן בויך מיט די פויסטען. דאס ביטער לעבען נישט פערטראגען. דער מאן האט גענאגט. נישט געווען, צו ווע־מען אויסצולאזען דעם כעס...א גאל פלאצט. וואס איז א קינד שול־דיג? א יונג קינד? ס'וויל שטיפען, ס'וויל זיך קעהרען קאזאלקעס.

ב י י נ י ש

אי, וואלט איך פאר דעם מיט'ן שטריק פאסען גערימען!

פ י י ג ע

און ווער האט פייוועון דאס לייב געריסען? א שטיפער געבוירען געווארען, נאך ווי א שטיפער! א שווער טראגען געהאט מיט איהם. געוואלט פאר דער צייט פון די גדערעם ארויסשפרינגען. אויפ'ן קאפ זיך געשטעלט און מיט די פיסלעך אין הארצען געטראסקעט. גאר א שווער טראגען! געבוירען געווארען — און מיט זיך דעם יאך מיטגעשלעפט. אין מיינע גדערעם אליין דעם יאך געכאוועט.

אין צווייטען צימער ווערט מיט אמאל ליכטיג.

פ ע ש ק ע

קומט מיט אן אנגעצונדענער שוועבעלע.

ב י י נ י ש

גאר! דא איז זי, גאר ניט געוואוסט.

פ ע ש ק ע

בעווייזט מיר נאר, ביינייש, אייער שטריק, אין וויפיעל איז זי גע־דרעט? איהר ווילט בארגען דעם טאטען אייער שטריק — איהר קענט דאך איהם אפילו פון זיך ניט אפבינדען.

פ י י ג ע

דארטען ליגען זיי א מאָל... ס'וויל אין שטוב נישט איינזיצען. אפשר שלאָפט זי ערגעץ — זיי מוחל, טהו א קוק.

ב י י נ י ש

ווער?

פ י י ג ע

פעשקע. זי זיצט אין שטוב. געהט אהן שיך.

ב י י נ י ש

קיינעם נישט צו זעהן, פינסטער — א טורמע.

פ י י ג ע

בין איך, הייסט עס, לאנג געשלאָפען. ס'שלאָפט זיך שוין. די ברעמען לאָזען זיך אראָב בעצייטען. נישט געפונען?

ב י י נ י ש

כ'ווייס נישט, וואו צו זוכען. א מורא'דיגער פראָסט געווען. אז זי פערדינט נישט, כאַפּט שוין גאָר פאר'ן הארצען.

פ י י ג ע

נישטאָ. קען אין שטוב נישט זיצען. ביי טאג איז דאָ געווען ווער אין שטוב. מען האָט זיך געשושקעט... זאָל עס אברמטשיק זיין? נישט צו דערגעהן געווען.

ב י י נ י ש

אי, וואָלט איך ביי איהר דערגאנגען! וואָס זאגט פייווע? און די שטריק? וואָס זשאלעוועט מען די שטריק?

פ י י ג ע

אויף א יונג לייב די שטריק איינדרעהען, טהוט וועה. צו יונג איהר לייב פאר'ן שטריק. ס'וויל דעם יאָך אויף זיך נישט שלעפען. זאָל איך איהר דעם יאָך אנהענגען? נישט צו זעהן, וואָס אויף דער ווייסער וועלט טהוט זיך. באלד דרייסיג יאָהר. אפשר זעהט שוין אפילו די גאס גאָר אנדערש אויס...

ב י י נ י ש

אבער ווי לאָזט עס א מויד די באָבען אין דער פינסטער? פייוועז

ב י י נ י ש

שטארק פינסטער. סע באנ'אייך קאלט. געמיינט די ביינער אבי־סעל אנווארעמען.

פ י י נ ע

א שטארקע קעלט. וואס זאגסטו?

ב י י נ י ש

א מורא'דיגע קעלט: גאר נישט איינצושטעהן.

פ י י נ ע

פערדינט וואס?

ב י י נ י ש

אפילו דעם שטריק פון זיך נישט אבגעבונדען... קאלט. מסתמא נישט געהייצט היינט?

פ י י נ ע

געהייצט, ווי דען?

ב י י נ י ש

מיט שפענער מסתמא?

פ י י נ ע

מיט גראבע שייטער האלץ. אליין זיי מיט מיינע הענד געזעהן.

ב י י נ י ש

גאר א מורא'דיגע פראסט!

פ י י נ ע

איז נישט פינסטער?

ב י י נ י ש

פינסטער, חושך!

פ י י נ ע

דארט אויפ'ן טיש דארף שטעהן א לאמפ.

זיי געהען ביידע אין צווייטען צימער.

ב י י נ י ש

אויפ'ן קוימען?

ווינטער־אָבענד. ביי פייוועלן: צוויי שמאָל־לאַנגע חדרים'לעך אין אַ טיעפען קעלער. ווען עס ווערט ליכטיג זעהט מען אין פאָדערגרונד־צימער, רעכטס, אַ באַק־אויוועןאון אַ קיך. אויף דער ערד טעפּלעך שוואַרצע. פענסטער, טיעף אין דער וואנד פערגראָבען. שטיקלעך צובראָכענע מעבעל. אין הינטער־גרונד אַ צווייטער צימער. פון אַנ'אייזערנעם אייוועלע ציהען זיך שוואַרצע רעהרען ביז צום קוימען אין דעם פאָדערשטען צימער. פון צווייטען צימער הויבט זיך אָן צו הערען דער אַלטער פייגע'ס טריט בעגלייט מיט קרעכצען און זיפצען.

פ י י ג ע

טאַפּט און זוכט.

ארויס, ווייזט אויס, פון שטוב. נאַר אנדרעמעלט געוואָרען און דאָס איז שוין אַרויס... קאַלט דער אויוועז. נישט דערלעבט זיך אַנצואוואַרעמען... פינסטער. נישט צו מערקען, מ'זאָל וואָס ברעגען. פּלאָנטערט זיך אַרום אין דער פינסטער. פּעשקע! הא?... ארויס. האָט זי נישט געלאָזט אָפען די טיר? ס'אלעבען, ס'אלעבען! הו־הו־הו... אבי נישט אין גאנצען אין דער ערד. די טיר עפענט זיך עמיצער קומט אַריין. ווער געהט? הא, ווער געהט? ביינישׂ?

ב י י נ י ש

גוט נ'אווענד! דאָס בין איך.

פ י י ג ע

ביינישׂ?

ב י י נ י ש

איך בין עס. גאָר אין דער פינסטער?

פ י י ג ע

בעדאַרף איך דען ליכט? איך זוך, פּעשקע איז נאָר וואָס געווען אין שטוב. אנדרעמעלט געוואָרען. שטאַרק פינסטער, וואָס?

פ ע ר ז א נ ע ן:

פ י י ו ו ע, אַ גאַס־מענש.

פ ע ש ק ע, זיין טאָכטער.

פ י י ג ע, פייוועס מוטער, בלינד.

א ב ר ם ' ל, אַ יונגער קוימען־קעהרער.

ב י י נ י ש, אַנ'אַלטער טרעגער.

# אין דער פינסטער

1906

מ א י ר  פ י י ו ו ע ל

כי, כי, כא, שערבלאך...

אַלע קוקען צו דעם ערשטווינט.

ה ע נ י  פ י י ג ע ל

קומט אויף. קראַצט זיך אין קאָפּ.

אוי; האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט, אז די קאץ האָט קעצעלאך געהאט, און די קליינע קעצעלאך האָבען נאָך קעצעלאך געהאט. א פולע שטוב איז געוואָרען מיט קליינע קעצעלאך.

לאַכט.

ח י י ם  ד ו ד

זוכט נערוועז צווישען די שערבלעך, אפשר וועט ער כאָטש נאָך איין רענדעל געפינען. ניטאָ.

מ א י ר  פ י י ו ו ע ל

כי, כי, כא. מען קען די שערבלאך אויף דרויסען ארויסשיטען.

כ א ש ע  ד א ב ע

אויסגעגאָסען דעם וויין, האָט מען גאָט׳ס חסד ארויסגעגאָסען...

ח י י ם  ד ו ד

קוקט אין די לעדיגע כלים. קראצט זיך אין קאָפּ און רעדט קיין וואָרט.

ה ע נ י  פ י י ג ע ל

האַלט זיך אָזש ביים בויך לאַכענדיג.

ה ע נ י  פ י י נ ע ל

לאכט זיך פאנאנדער אויפ׳ן הויכען קול.

ח י י ם  ד ו ד

פערשטאפט איהר איהר ס׳מויל, זאל זי נישט לאכען אזוי הויך.

כ א ש ע  ד א ב ע

שמע ישראל! וואס איז מיט דיר, מיין קינד?

צ י פ ע  ח נ ה

כ׳וועל איהר געבען נאך א קניפ, וועט זי שוין באלד אנהויבען צו וויינען...

ה ע נ י  פ י י נ ע ל

לאכט אויפ׳ן הויכען קול.

כ א ש ע  ד א ב ע

צינדט אן ליכט, ווארום כ׳האב מורא צו זיצען אין דער פינסטער.

ח י י ם  ד ו ד

שטילער זאל זיין. איך וועל זי באלד דערשטיקען דארט טאמער הערט זי נישט אויף צו לאכען.

כ א ש ע  ד א ב ע

כ׳בעט אייך, קינדער, צינדט אן א ליכט. מען הערט דאך קיינעם נישט. מען זעהט דאך קיינעם נישט.

ב ע נ י  ל י י ב

כ׳האב פאר קיינעם קיין מורא נישט... לאמיר זעהן, וואס זי לאכט אזוי...

מאכט ליכטיג מיט א מאל.

ח י י ם  ד ו ד

פון זינען קען מען אראפ. וואס איז דאס?... וואו ס׳געלד... וואו ס׳גאלד? ס׳אי דאך...

ער נעמט אן א הויפען רענדלעך. עס לאזט זיך גאר אויס, אז שווארצע שערבלאך ליגען אין די כלים... ער נעמט אן א הויפען פון זאק — דאס איגענע.

ח י י ם ד ו ד

שא, שווייגט... פערשפּארט די טיר...

כ א ש ע ד אָ ב ע

וועקט העני פּייגלען.

שטעה אויף, קינד מיינס... שטעה אויף, קינד מיינס...

ח י י ם ד ו ד

איהר וועט ניט שווייגען צו זיין!... וואָרען איך...

מ א י ר פּ י י ו ו ע ל

ששש...

אַלע שווייגען מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטהעם.

ב ע נ י ל י י ב

איך הער קיינעם נישט.

כ א ש ע ד אָ ב ע

איך הער אויך קיינעם נישט.

צ י פּ ע ח נ ה

איך הער אויך קיינעם נישט. קום, בעני, לאָמיר ארויסגעהן אויף דער גאַס.

כ א ש ע ד אָ ב ע

זיצט אין שטוב. מען טאָר איצטער נישט ארויסגעהן... שטעה אויף, העני פייגעל... שטעה אויף, קינד מיינס...

ח י י ם ד ו ד

קיינער געהט נישט? איהר הערט נישט?

ב ע נ י ל י י ב

ס'האָט זיך מיר אפשר נאָר אויסגעדראכט.

כ א ש ע ד אָ ב ע

גאָט מיין גאָט, וואָס איז מיט איהר? שטעה אויף!...

צ י פּ ע ח נ ה

לאָז, איך וועל איהר געבען א קניפּ.

קינד מיינס, קום אראָפּ פון אייוועז...

ח י י ם ד ו ד

העלפט מיר עס אריינשיטען צוריק אין זעקעל אריין. אימיצער קען נאָך אריינקומען... געה ארויס, בעני לייב, און זעה, אויב אימיצער געהט נישט אהער, און איהר העלפט מיר עס צוריק אין זעקעל ארייג־שיטען.

מיט ציטערענדע הענט הייבט ער אָן צו שיטען פון די פערשיידענע כלים די רענדלעך צוריק אין זאַק אריין.

כ אַ ש ע ד אַ ב ע

וועקט העני פייגלען אויפ'ן אייוועז.

וואס איז מיט דעם קינד היינט?

ב ע נ י ל י י ב

געהט אַרויס אויף דער גאַס.

ח י י ם ד ו ד

קומט בעסער אהער! גאָלד וואלגערט זיך אויף דער ערד. אימי־צער קען אריינקומען, זענען מיר פערפאלענע.

כאַשע דאַבע און ציפע חנה נעמען אַראָפּ פון אייוועז העני פייגלען.

מ א י ר פ י י ו ו ע ל

לעגט די רענדלעך אין זאַק אריין און זינגט.

אליהו הנביא, אליהו התשבי... אליהו הגלעדי... כי, כי, כא...

ב ע נ י ל י י ב

קומט אריין.

דאכט זיך, אימיצער געהט אהער!

ח י י ם ד ו ד

פערשפּארט די טיר און לעשט אויס די ליכט!

ער שפּרינגט אויף פון אָרט און לעשט אויס די ליכט.

מ א י ר פ י י ו ו ע ל

ווער געהט, הא?

צ י פ ע ח נ ה

איך הער ווי עס סקריפּעט דער שנע... אימיצער געהט אהער...

מאיר פייוועל

וואס איז מיט דיר, מיין זוהן? איך דערקען דאך דיר נישט. בעסער זעה וואס דו טהוסט. קענסט נאך חלילה דאס אויך אנווערען.

כאשע דאבע

פלוצלונג.

וואו איז דאס קינד? וואו איז העני פייגעל?! וועה איז מיר, וואו איז דאס קינד?

אלע קוקען זיך ארום צושראקען.

בעני לייב

איך ווייס נישט פאר וואס און פאר ווען עס קומט מיר צו שלאגען...

מאיר פייוועל

זי איז דאך נאר־וואס געווען.

ציפע חנה

זעהט, זי איז דאך אויפ'ן אייווען... שטעה אויף, פייגעלע... קום אראפ פון אייווען. זעה, וואס מיר האבען.

חיים דוד

איידער אזעלכע קינדער, איז שוין בעסער גארנישט.

ציפה חנה

קריך אראפ פון אייווען; וועסטו זעהן וויפיעל רענדלעך מיר האבען...

כאשע דאבע

זעה נאר, פונקט ווי א שטיין וואלט זי איינגעשלאפען. קום אראפ, קינד מיינס, קום אראפ...

מאיר פייוועל

צו חיים דוד'ען.

דו, קינד מיינס, זינדיגסט; א מענש בעדארף זיין צופרידען.

בעני לייב

און איך בין נישט צופרידען. איך האב קינדער העלצער און בין נישט צופרידען. איך וועל זיי פון שטוב ארויסיאגען!

כאשע דאבע

וועקט העני פייגלען.

ער בויגט אוים די פלעשעל. עס טריפט נאך א פאר טראפענס פון איהר און הערט אויף.

בעני לייב

קיין וויין אויך מעהר נישטא! איך וועל זיך זעצען רייטענדיג און איך וועל איהם נאכיאגען.

חיים דוד

אז מען האט קינדער העלצער! האט איהר נישט געקענט נאך כלים אריינברענגען?... עס שטעהען דאך נאך אויף דער גאס אפשר צעהן טעפלאך לימענע... ער פערמעסט זיך צו ציפע חנה'ן. ווער האט דיר געבעטען דו זאלסט געהן מעלקען דער קוה און די כלים פערנעמען?!

מאיר פייוועל

שריי נישט; בייזער זיך נישט. זיי צופריעדען מיט דעם, וואס דו האסט. וועסט די קינדער קענען אויסגעבען צו לייטען. וועסט אין שטאדט אריין קענען ארויסציהען. דעם וויין האט מען נישט בעדארפט אויסגיסען... ס'איז געווען פאר קידוש וועגען.

בעני לייב

קום, טאטע, מיר וועלען זיך אויפזעצען רייטענדיג. מיר וועלען איהם דעריאגען.

חיים דוד

דערלאנגט איהם א פאטש.

ביזט קראנק געווען דעם עמער אריינברענגען?! ער הענגט אויפ'ן ברונעם. א גאנצער עמער רענדליך האט דאך נאך געקענט זיין.

בעני לייב

וואס ווילסטו פון מיר? וואס בין איך שולדיג? ווען איך וואלט דעם זעקעל נישט געבראכט, וואלט דאך גאר נישט געווען.

חיים דוד

וויינענד.

איך וועל אייך אלעמען די ביינער צוברעכען. הארעווען אויף אייך — איך קען שוין מעהר נישט!

חיים דוד

גיסט דעם וויין ארויס! לעדיגט אויס די פאס. איך בעדארף קיין וויין נישט. א פאס איצטער פערנעמען מיט וויין — גיסט אויס!

מאיר פייוועל

גיסט דעם וויין נישט אויס. גיסט נישט אויס אינגאנצען. אזא וויין קריגט מען נישט אזוי גיך; אזא וויין קריגט מען נישט פאר געלד. איך היים ס׳פעסעל נישט ריהרען. וויין איז וויין. פון איהם הבדלה געמאכט.

חיים דוד

איך בעדארף קיין וויין נישט! קום, בעני, העלף מיר ארויסקאטשען ס׳פעסעל אויף דרויסען.

כאשע דאבע

פאלג מיר, חיים דוד, טשעפע נישט דעם וויין. ס׳איז דאך גאט׳ס מתנה.

חיים דוד

מאטערט זיך ארויסצובערענגען אויף דער גאס די פאס. בעני לייב העלפט איהם. אין א ווײלע ארום קומען זיי אריין מיט דער לעדיגער פאס און נעמען זיך צום זעקעל, אבער דער זעקעל ווערט מיט אמאל לעדיג. די לעצטע רענדלעך פאלען פון איהם ארויס, ווי נאר מען קעהרט דעם זעקעל אויס. דער עולם ענטוישט. אן אלגעמיינער אויס־געשריי: „נישטא מעהר“...

כאשע דאבע

געזאגט, מען זאל דעם וויין נישט אויסגיסען. אפשר האט מען איהם גאר בעדארפט היטען. אוי, ווער, פערזינדיגט.

מאיר פייוועל

ס׳איז אויף קידוש און אויף הבדלה דער וויין געווען. בעדארפט איהם שאנעווען.

חיים דוד

נעמט דאס פלעשעל און בעטראכט עס.

עס וועט זיך נאך גיסען. ס׳איז דארט נאך פאראן.

פליוצע. אַלע לאָזען זיך צו איהם, זעהן וואָס אינוועניג איז, ציפּע חנה שטעקט אַריין די האַנט און כאַפּט אַרויס צוריק מיט שרעק.

חיים דוד

לאָז מיר. וואָס איז דאָרט אזעלכעס?

ער שטעקט ריין די האַנט אין זאַק און נעמט אַרויס אַ הויפען רענדלעך. ס'ווערט אַ געטומעל. אַלע שטעקען די הענט אין זאק און בעקומען פון דאָרט ליכטיגע רענדלעך.

כאשע דאבע

וויינט נאַריש.

אוי, וועה איז מיר, רענדלעך!

חיים דוד

שטיק פערד! כלים דערלאַנגט. כל־זמן עס לאָזט זיך, בעדאַרף מען נעמען.

באשע דאבע

דערלאַנגט טעלער, שיסלען, גלעזער, טעפּלאך. די כלים ווערען פול מיט רענדלעך. זי זוכט אויס וואו נאָר עפּעס אַ כלי און דער־לאַנגט. און פון זעקעל נעמט זיך אַלץ ניט אויס. אַלע כלים זענען שוין פול.

באשע דאבע

אוי, וועה איז מיר, מעהר קיין כלים שוין נישטאָ.

חיים דוד

שרייט.

נים אויס די מילך! ווער בעדאַרף איצטער מילך האָבען? אזוי פיעל טעפּ מיט מילך פערנומען — גיסט אויס!

ציפּה חנה

טראָגט אַרויס איין טאָפּ מילך נאָך דעם אַנדערען און ברענגט איהם צוריק אַ לעדיגען. ער ווערט באַלד מיט רענדלעך אָנגעפילט. ביז דאָס גאַנצע מילך ווערט אויסגעגאָסען. ווי פער'כשופ'ט אַרבייט דער עולם.

בעני לייב

וואָס וועט איצטער זיין? שוין ווידער קיין כלים נישטאָ.

ווייַן גיסט זיך אָהן אויפהער... אַלע שטעהען אַרום דעם און קוקען פארגאפט...

ב ע נ י ל י י ב

קומט אַריין. טראָגט דעם אָרימאן׳ס פּאַק אויף די פּלייצעס. אַלע לויפען איהם אַנטקעגען.

כ א ש ע ד אָ ב ע

וואו איז דער איד, מיין קינד? ס׳אי דאָך אליהו הנביא געווען!

זי הויבט אָן וויינען אויפ׳ן הויכען קול.

ב ע נ י ל י י ב

וואס, ער איז דען נישטאָ? כ׳האב געמיינט אז ער האט זיך אומגע־קערט א היים.

כ א ש ע ד אָ ב ע

וויינענדיג.

וואו איז ער?

ב ע נ י ל י י ב

מיט׳ן פּעקיל אויפ׳ן פּלייצע.

איך בין געפאהרען פאראויס און ער איז מיר הינטען נאָכגעגאנגען. איך קוק מיר ארום — ער איז נישטאָ. געמיינט ער איז דאָ גע־בליבען...

צ י פּ ע ח נ ה

ס׳איז דאָך אליהו הנביא געווען... זעה ווי דער ווייַן גיסט זיך פון פלאַש!

ב אָ ש ע ד אָ ב ע

זעה, מיר קענען דאָך די קוה ניט אויסמעלקען; זעה וויפיעל מילך מיר האָבען שוין אנגעמאָלקען...

חיים דוד און מאיר פּייוועל קוקען צום וויין.

ב ע נ י ל י י ב

אוי, אוי, אוי... דער פּעקיל ווערט מיר אַלץ שווערער! רייסט די פּלייצע אָפּ.

דער פּעקיל פאַלט איהם ווי אַ שווערע משא אַראָפּ פון

צוויי לעדיגע טעפּלעך און געהט אַרוים.

צ י פּ ה ח נ ה

קומט אַריין, טראָגט אַ טאָפּ מילך.

אוי, כ'האָב שוין קיין כח נישט. די הענט טהוען מיר שוין וועה. וואו זענען נאָך כלים?

מ א י ר פּ י י ו ו ע ל

קום, טאַכטער, פערזוך פון דעם וויין. נא, געפין דיר אַ גלעזעל אוים. מען טאָר די פלעשעל נישט איינלאָזען...

ער גיסט איהר אָן וויין.

צ י פּ ע ח נ ה

טרינקט אוים אַ גלעזעל וויין.

ווי עס שמעקט. דער אייגענער ריח ווי פון די בשמים...

מ א י ר פּ י י ו ו ע ל

ס'איז דאָך אליהו הנביא געוועזן... כי, כי, כא...

ח י י ם ד ו ד

פּ ל ו צ ל ו נ ג

וואו איז ער? מען טאָר איהם נישט אַפּלאָזען... אוי־ווא, אוי־ווא...

כ א ש ע ד א ב ע

קומט אריין און שלעפּט אַ גרויסען טאָפּ מילך.

אוי, כ'האָב שוין קיין כח נישט... וואָס איז דאָ? מאמעלעך! אליה׳ הנביא...

ח י י ם ד ו ד

אליהו הנביא דאָ געוועזן! אוי ווא... נישט געטאַרט איהם אַזוי ארויס־לאָזען.... יע, וואָס טהוט מען מיט אַזוי פיעל מילך?

מ א י ר פּ י י ו ו ע ל

לאָז מען בעסער דעם וויין אויסצאַפּען... ברענג אריין ס'פעסעלע פון הויז, ס'פעסעלע פון וואסער, וועט מען דעם וויין אריינצאַפּען.

ברענגט אַריין אַ פעסעל פון הינטער'ן טיר. מען שטעלט עס אַוועק נעבען טיש. דער אַלטער שפּארט אן די פלאַש אויפ'ן טיש און דער

צ י פ ה ח נ ה

קומט אַריין, טראָגט אין ביידע הענד פאָרזיכטיג אַ פולען שעפעל. אַזש מיט אַ שוים איז די מילך פון אויבען.

נעהם עס, טאטע, צו פון מיר. די בהמה האָט שוין לאנג אזוי פיעל מילך נישט געגעבען. די מאמע האָט שוין באלד נאָך אַ שעפעל מילך אנגעמאָלקען. אַט דער טאָפּ וועט שוין גענוג זיין.

זי נעמט אַרויס פון אַלמער אַ גרויסען טאָפּ און געהט מיט איהם אַרויס.

ח י י ם ד ו ד

שיסט אויס מיט אַ געלעכטער.

וואָס איז דאָס, טאטע? כא, כא, כא. ס'ווערט אין פלעשעל גאָר נישט ווינציגער. כא, כא, כא, די פיס הויבען זיך מיר אליין. פשש. ס'ארא וויין!

ער טרינקט און ווערט אַלץ פרעהליכער.

כ א ש ע ד א ב ע

קומט אַריין, טראָגט אַ פולען טאָפּ מילך.

מאמעלעך מיינע. איך קען דאָך אונזער קוה נישט אויסמעלקען היינט. שוין דער דריטער טאָפּ פול און ס'איז נאָך קיין אנהויב נישט!

ח י י ם ד ו ד

טראָגט איהר צו אַ גלעזעל וויין.

נא, פערזוך, מאך אַ ברכה בורא פרי הגפן. ס'אי אמת'ער וויין.

זי האַלט מיט ביידע הענט דעם טאָפּ מילך און טרינקט פון זיין האַנד דעם וויין.

מ א י ר פ י י ו ו ע ל

מחיה נפשות... וואָס זאָל עס בעדייטען?

כ א ש ע ד א ב ע

וואָס זשע שטעה איך מיט די מילך אין האנט?

שטעלט דעם טאָפּ מילך אַוועק אויף דער ערד און זוכט אויס נאָך

פאר וואונדער קוקט זי אַ מאָל אויפ'ן לעדיג פלעשעל און אַ מאָל אויף דעם גלעזעל. גאַנץ פאַרזיכטיג פערזוכט זי פון וויין און ס'פּנים איהרס ליכט אויף פאר תענוג. זי טרינקט אויס די גלעזעל וויין און נעהמט זיך ווידער פאר'ן פלאש. זי נייגט איבער'ן גלעזעל די לעדיגע פלאַש און באַלד איז דאָס גלעזעל ווידער פול. טרינקט ווידער אויס. זי לויפט צום פענסטער און קוקט אויף דער גאַס. קיינעם ניט זעהענדיג קומט זי ווידער צום טיש און גיסט דעם וויין פון פלאַש און טרינקט אַהן אויפהער. דער וויין צענעהמט זי און זי הויבט אָן פרעהליך טאַנצען ווי אַ ציג איבער'ן שטוב. ס'דערהערט זיך טריט. זי קריכט אַרויף מיט גרויס מיה אויף דעם באַק־אייוועז, בעהאַלט זיך דאָרט.

מ א י ר פ י י ו ו ע ל

קומט אַריין. ס'איז איהם קאַלט. ער קלאַפּט די הענט אַ ביסעל זיך צו דערוואַרימען. ער געהט צום טיש און בעטראַכט די פלאַש פון וויין. גיסט זיך אָן אַ גלעזעל וויין און טרינקט אויס. לאַבט זיך. פרובט אָנגיסען נאָך אַ גלעזעל.

ח י י ם ד ו ד

קומט אַריין.

צופוס איז ער נאָכגעגאַנגען דעם שליטען, האָט זיך נישט געוואָלט אויפזעצען. וואָס איז דאָס? ס'פלעשעל איז דאָך לעדיג געווען.

מ א י ר פ י י ו ו ע ל

דערלאַנגט דעם זוהן אַ גלעזעל וויין.

מעגסט איהם פערזוכען. אין פלעשעל איז אליהו הנביא אריינ־געקראָכען.

ח י י ם ד ו ד

טרינקט.

וואָס הייסט? פיינער וויין. ס'האָט דאָך אויסגעזעהן, אַז די פלע־שעל איז לעדיג.

ער גיסט אָן נאָך אַ גלעזעל. בעטראַכט די פלאַש און בלייבט פער־וואונדערט. דאָך טרינקט ער אויס און נעהמט גיסען ווידער פון פלאַש אין גלעזעל אַריין.

בעלט איין מאָל, בלייבט א צייכען אויף צוויי מאָל. א גוטע וואך.

ער געהט אַרויס. בעני טראָגט איהם נאָך דעם פּעקיל. חיים־דוד און מאיר־פּייוועל בעגלייטען איהם אַרויס.

כאשע דאבע

איך וועל געהן אויסמעלקען די קוה. צינד מיר נאָר, העני פּיינעלע, די לאָמטערנע אָן.

העני פּיינעל

נעהמט אַראָפּ פון וואנט א לאָמטערנע מיט הילצערנע רעמלאך און צינדט דאָרט אָן א ליכט.

כאשע דאבע

ווי מען קען עס גאר נישט א מענשען. רעדט אזעלכע קלוגע רייד.

ציפּע חנה

און דעם גאנצען שבת האט ער געשוויגען און געגעסען.

כאשע דאבע

איך האָב איהם פערגונען מיט'ן גאנצען הארצען. ווארען וואס האָב איך דע'י צו זשאַלעווען א מענשען ברויט?

ציפּע חנה

ווייסט פאר וואס כ'האב זיך פריהער אזוי צעלאכט?

כאשע דאבע

ווייל ביזט א נאר. גוט וואס ער האט זיך נישט געמאכט וויסענדיג. ווי לאכט מען עס פון א פרעמדען מענשען? ! קום וועסטו מיר צו־לייכטען.

גיעהען ביידע אַרויס.

העני פּיינעל

בלייבט אַליין אין שטוב. זי קוקט אין פענסטער. עס זעהט זיך ווי מען געהט פארביי מיט דער לאָמטערנע. א פערד הירזשעט. זי געהט צו טיש און בעטראַכט די לעדיגע פלעשעל פון וויין, קוקט אנט־קעגען ליכט. פּרובט אויסנייגען די פלאש איבער'ן גלעזעל אפשר וועט זיך נאָך פון דאָרטען וויין בעקומען. פּאַמעליך גיסט זיך דער וויין פון פלעשעל ביז די גלעזעל ווערט פול. מיט ברייט־געעפענטע אויגען

רען...

כ א ש ע ד א ב ע

טא נעמט כאטש מיט עפעס אויפ׳ן וועג.

זי פאקט איהם אריין א גרויסע געפלאכטענע חלה אין זאק.

א ו ר ח

כא־כא־כא: וואס ווע̇לען אנדערע אידען טהאן? אזוי קנאפ אורחים פאראן. קען דאך איין אורח אזוי פיע̇ל גוטס נישט פערנעמען.

ב ע נ י ל̇ י י ב

נעמט זיין פעקעל.

אויב איהר ווי̇לט נישט פאהרען, טא וועל̇ איך אייך ביז אויפ׳ן רעכטען וועג ארויספיהרען. הינטער׳ן דארף זענען צוויי וועגען פאראן.

צ י פ ה ח נ ה

דארט קען מען זעהר גרינג פערבלאנדזשען.

א ו ר ח

וואס הייסט פאר אן ארימאן בלאנדזשען? ער בלאנדזשעט, בלאנ־דזשעט און געפינט א אידען. אט האב איך דאך אהער אויך פער־בלאנדזשעט.

ער לאכט גוטמוטהיג. ער מונטערט אויף דעם גאנצען עולם מיט זיין רעדען און פרעהליכקייט.

כ א ש ע ד א ב ע

צו חיים דוד׳ען.

ווי מען קען עס א מענשען נישט דערקענען מיט איין מאל̇.

ה ע נ י פ י י ג ע ל̇

נעהם מיך אויך מיט, בעני־ל̇ייב.

ב ע נ י ל̇ י י ב

ס׳איז קאלט, בלייב אין שטוב.

א ו ר ח

ס׳קאלט, קינד; ס׳איז ווינטער אויף דער גאס. בלייב אין שטוב און שפיע̇ל זיך נישט מעהר מיט קיין קאץ; ווארען א קאץ גרא־

אריינגעפיהרט מיט'ן קאפ אין וואגען.

לאכט.

צ י פ ע ח נ ה

אז ער האט מיט מיר געלערענט, האט ער געהאלטען אפען די טיהר, טאמער וועל איך איהם עפעס אבטהאן, האט ער מורא געהאט.

לאכט.

א ו ר ח

מען טאר נישט אזוי.

ח י י ם ד ו ד

לאך נישט אזוי; האסט געזעהען ווי ס'האט זיך צעלאכט!

א ו ר ח

פון א מענשען חוזק מאכען איז נישט רעכט... פערנעמט דעם פעקעל. נו, האט אייך א גוטע וואך. דער רבונו של עולם וועט אייך ממלא זיין און איהר וועט אייערע קינדער מגדל זיין לחופה ולמעשים טובים. א איד בעדארף נאר צופריעדען זיין מיט דעם וואס ער האט.

ב ע נ י ל י י ב

קומט אריין.

עס קנאקט דער פראסט. לאמיר נאר א פעלצעל אנטהאן... איהר, רב איד, וועט כאפען א פריהר.

א ו ר ח

איך וועל מיר געהן צופוס. אזא מנהג איז ביי מיר. שבת צו־נאכטס געה איך צופוס.

מ א י ר פ י י ו ו ע ל

וואלט בעסער דער אורח געבליבען; א הייסען קארטאפעל מיט א ציבעלע... כי, כי, כא...

א ו ר ח

געזעגענט זיך.

אזוי איז מיין שטייגער; זונטאג בעדארף איך שוין אין אן אנדער שטאדט זיין. מיט דער נייער וואך א נייע שטאדט און נייע אי־

שמש אין שוהל. זעהט איהר, ס'הדס'ל וועל איך מיר נעמען... א שענעם שבת געהאט...

חיים דוד

האט איהר אפשר עפּעס א שדוך פאר מיין זוהן?

בעני לייב

איך האב נאך צייט, כ'קען מיין ארט פאר ציפּע חנה'ן לאזען.

ציפּה חנה

כ'האב נאך צייט. כ'בין נאך אין גאנצען זיעבצעהן יאהר אלט.

כאשע דאבע

זאל נאר דער איך עפּעס רעכטס געפינען, וואלט שוין צייט געווען.

מאיר פייוועל

כי, כי, כא, גרייט נאר א נדן אן פאר איהר.

אורח

גריבעלט זיך אין פּעקעל.

ס'וועט שוין נדן אויך זיין. ווען מזל איז פארהאן, ווען דער וואס אין הימעל ווארפט נאר אן אויג איז שוין מזל אויך פאראן.

חיים דוד

געה, בעני לייב, שפּאן איין ס'פערד און לעג אין קעלנע אריין גענוג היי, זאל דעם אידען זיין וועך צו זיצען.

בעני לייב

געהט ארויס.

חיים דוד

א לייטישער בחור. א ביסעל דארפיש. קיין דרך־ארץ נישט גע־האט פאר'ן מלמד.

כאשע דאבע

זאל מיר גאט נישט שטראפען פאר די רייד — געווען א נאר א גרויסער דער מלמד.

הענני פייגעל

ער האט א מאל געוואלט איינשפּאנען דעם פערד, האט ער איהם

א ו ר ח

און איצטער וועל איך מיר קלייבען אין וועג.

ח י י ם ד ו ד

איהר וועט ווארטען ביז מארגען, פאהר איך אין א דארף אריין, וועל איך אייך אונטערפיהרען.

א ו ר ח

קיין בייז, קיין בייז. אז מען געהט צופוס, קומט מען גיכער.

כ א ש ע ד א ב ע

איך וועל אנלעגען א פייער און אבקאכען עפעס א זופ צו טהאן.

א ו ר ח

קיין עין הרע זאט. אזא שבת שוין לאנג נישט געהאט. כ'בין מיט'ן מאגען ביז מארגען פערזארגט.

צ י פ ה ח נ ה

איך וועל אויסמעלקען די בהמה, וועט דער איד א גלאז מילך טרינ־קען.

א ו ר ח

ווער דארף עס נאך מילך איצטער? ס'וועט מיר שוין גענוג זיין.

ב ע נ י ל י י ב

איך וועל געהן איינשפאנען דעם פערד און דעם אידען אונטער־פיהרען.

א ו ר ח

כא, כא, אויפ'ן דארף זיינען נאך אידען פארהאנען, כשר'ע עהרליכע קינדער פאראנען...

ער זוכט אין פעקעל.

כ א ש ע ד א ב ע

איהר וועט מוחל זיין די הבדלה מיט דעם וויין אריינלעגען.

זי פערפראפט ס'פלעשעל און דערלאנגט דעם אורח.

א ו ר ח

ס'פלעשעל איז שוין לעדיג, טא צו וואס זאל איך נאך עס טרא־גען. די הבדלה לאזט פאר זיך. אין שטאדט קריג איך עסביים

א ו ר ח

קומט אַרויס.

כאַ־כאַ, כ'האָב מיין טאַבאַק־פּושקעלע נישט געקענט געפינען. אַז איך שמעק פריהער נישט קיין טאַבאַק, הער איך נישט דעם ריח פון בשמים.

כ א ש ע ד אָ ב ע

ביי אונז איז גאָר קיין בשמים נישטאָ פאַר הבדלה.

א ו ר ח

בעקומט פון זאַק אַ הדס און אַ דיקע געפלאָכטענע הבדלה. ער דערלאַנגט העני פייגלען.

צינד עס נאָר אָן, טאָכטער, וועט דער טאַטע מאַכען הבדלה.

צ י פ ה ח נ ה

האַלט די הבדלה איבער'ן קאָפּ, וועסטו האָבען אַזאַ הויכען חתן!

ב ע נ י ל י י ב

פער'גנב'עט זיך און פּרובט מיט'ן פוס אַ ריהר טהאָן דעם זאַק.

א ו ר ח

נו, רב חיים־דוד, מאַכט הבדלה.

ח י י ם ד ו ד

אפשר וועט דער אורח מאַכען הבדלה.

מ א י ר פ י י ו ו ע ל

אַנו טאַקע, איבער דעם אייגענעם וויין.

א ו ר ח

דער בעל הבית בעדאַרף הבדלה מאַכען.

מ א י ר פ י י ו ו ע ל

נאָמיר גאָר אין אַ נאָווינע הבדלה מאַכען.

ער מאַכט הבדלה איבער דעם וויין. העני פייגעל האַלט הויך איבער'ן קאָפּ די הבדלה.

ח י י ם ד ו ד

שמעקט פון הדס פערגאַפט. דער הדס געהט איבער פון האַנד צו האַנד. דער אַלטער גיט יעדען צו פערזוכען פון הבדלה־וויין. דער עולם לעקט די ליפּען און פּרובט דעם טעם פון וויין.

ר ע ר א ו ר ח

זוכט אין זאַק. ער בעקומט דאָרט אַ פלעשעל מיט וויין.

אויף דעם קען מען „בורא פרי הגפן“ מאַכן...

מ א י ר פ י י ו ו ע ל

כי, כי, כא... אין וועג איז גוט אַ גלעזעלע וויין. הבדלה איז רעכט איבער מילך אויף... ער שמעקט פון פלעשעל. שוין אַ ביסעלע זויער־לעך.

א ו ר ח

מאַכט הבדלה, מאַכט הבדלה. כ׳וויל נאָך היינט פון דאַנען זיך ארויסקלייבן.

ער געהט אַריין אין קעמעריל.

כ א ש ע ד א ב ע

זעה נאָר, ווי רעדעוודיג ער איז געוואָרען מיט אַ מאָל.

צ י פ ה ח נ ה

אַלע פרומע אידען שווייגען שבת?

ה ע נ י פ י י ג ע ל

כ׳וועל אַ קוק טהאָן וואָס ער האָט אין זאַק.

ח י י ם ד ו ד

דו קריגסט באַלד איבער די הענט!

ב ע נ י ל י י ב

אַנ׳עסק צו שלעפען זיך מיט אַזאַ פּאַק אויף די פּלייצעס.

מ א י ר פ י י ו ו ע ל

הייסט איהם, זאָל ער דאָ איבערנעכטיגען אויב ער וויל.

צ י פ ה ח נ ה

אַז ער האָט אָנגעהויבען צו רעדען, איז ער גאָר אַנ׳אַנדער מענש געוואָרען. איך האָב שוין פאַר איהם מורא געהאַט.

כ א ש ע ד א ב ע

אַ פרומער איד. מיין זיידע זאָל זיין אין גן־עדן האָט אויך שבת געשוויגען.

ה ע נ י  פ י י נ ע ל

אז איך האב איהם געזאגט „גוט שבת“ האט ער מיר געזאגט „גוט יאהר“.

כ א ש ע  ד א ב ע

ער האט קיין עין־הרע פיין געגעסען, נאך אויסגעווישט מיט חלה דעם טעלער.

ח י י ם  ד ו ד

שוויינ שוין בעסער.

א ו ר ח

קומט אריין.

גוט וואך, גוט וואך!...

אלע ענטפערען איהם „גוט יאהר“ און בעטראכטען איהם ווי זיי וואלטען איהם צום ערשטען מאל געזעהן.

ה ע נ י  פ י י נ ע ל

קריכט אראפ פון דער מאמע'ס האנט.

א ו ר ח

א מיידעל טאר זיך נישט שפּילען מיט א קאץ.

אלע הערען זיך צו ווי ער רעדט.

ח י י ם  ד ו ד

אט אזוי ווי איהר זעהט, האט עס נישט וואס צו טהאן. ברענג אריין מילך, וועט מען מאכען הבדלה.

א ו ר ח

עס איז קיין בייז נישט אויף מילך צו מאכען הבדלה, נאר ביי מיר איז נאך דא אין זעקעל א ביסעל וויין. וועט סטייען אויף הבדלה. וואו איז ער, מיין זעקעל?

כ א ש ע  ד א ב ע

געה, ציפּע חנה, ברענג אריין דעם אידען'ס זעקעל.

ה ע נ י  פ י י נ ע ל

שלעפּט אריין פון קעמעריל דעם אידען'ס א זאק.

מ א י ר  פ י י ו ו ע ל

אז מען מעלקט א מאל איבער א מאל ווערט ס׳מילך פערפאלען.

ח י י ם  ד ו ד

דאווענט מעריב ברומענדיג.

כ א ש ע  ד א ב ע

הויבט אן מיט א ניגון הויך.

גאט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב, בעהיט און בעשירעם דיין כשר פאלק ישראל אין זיינעם נויט. טהוסט דאך שפייזען אויפ׳ן וואנד די שוואכע פליג, אזוי זאלסטו מיר נישט פערלאזען. און אזוי ווי דעם אקער מאכט מען דאך פון אייזען, אזוי זאלסטו מיר מיט מיין מאן און מיינע קינדערלעך שפייזען...

אויף דער גאס הערט זיך ווידער די קוה שרייען. אלע ווערען אויף א ווײלע שטיל.

צ י פ ה  ח נ ה

קומט אריין.

דער אורח דאווענט מעריב אויף דער גאס. דער בהמה האט ס׳מילך אנגעשפארט. אין דער פריה נישט געמאלקען.

ציגדט אן א ליכט און שרייט.

גוט וואך!

כ א ש ע  ד א ב ע

גוט וואך, גוט יאהר! געזעהן א מאל ווי ס׳האט זיך איינגעקנורעט. גער, כ׳האב דיר נישט קיין כח צו האלטען אויפ׳ן האנד.

ה ע נ י  פ י י נ ע ל

ס׳איז מיר אזוי קאלט.

ח י י ם  ד ו ד

שטעהט אויס שמונה עשרה.

צום ערשטען מאל זעה איך אזא אידען. עפעס געפעלט ער מיר נישט. א מענש זאל קיין ווארט נישט רעדען. קוקט אויף דער לבנה...

כ א ש ע ד א ב ע

וואָס ווילסטו, דער זוהן זאָל טאַקע זיין לייטישער פון טאַטען און פון זיידען. אַ מענש זאָל זיך שטענדיג טשעפען צו קינדער. דער אַרי־מאַן שווייגט, ווייל ער האָט נישט פון וואָס צו רעדען. קיין עיז־הרע אַ פיינער קייער. אז מען איז זאַט, שווייגט מען.

ח י י ם ד ו ד

אָט, ווער ס'פיהרט זיי פון וועג אראָב. די מאַמע אַליין איז נישט בעסער.

ב ע נ י ל י י ב

נו גוט, טאַטע, גיב מיר אַ כלה כאָטש מאָרגען.

כ א ש ע ד א ב ע

און ציפּה־חנה'ן קענסטו אויך כאָטש מאָרגען אונטער דער חופּה פיה־רען. קריג נאָר אַ שענעם נדן פון איהרעט וועגען, וועט זיך נאָך אַ שטאָדטישער בחור אויך קוואַפּען.

מ א י ר פ י י ו ו ע ל

ווערסטו חיים דוד, נאָך הבדלה איבערשמועסען מיט'ן אידען. אפשר האָט ער טאַקע עפּעס אַ בחור פאַר'ן מיידעל.

ח י י ם ד ו ד

קוקט אין פענסטער.

ער געהט אום הין און צוריק די הענט פערלעגט אויף הינטען. ס'איז איהם גאָר נישט קאַלט. שוין לאַנג אזא אידען נישט געזעהן.

ב ע נ י ל י י ב

מזל־טוב!

ח י י ם ד ו ד

גראָבער יונג. האָסט כאָטש געהערט זיינע זמירות? עס הערט זיך דרויסען אַ קוה מהוקען. אָט האָסטו דיר!

כ א ש ע ד א ב ע

איך פערשטעה נישט, וואָס דו דרעסט זיך אַרום. מען דאַוונט אָפּ מעריב, וועט מען די קוה אויסמעלקען. כוועדאָרע איז היינט אין דער פריה נישט געקומען מעלקען.

חיים דוד

שלעפּט אראָפּ העני פייגלען פון אייוועז.

אַ מויד אַ ביסעל! פופצעהן יאָהר איז עס אַלט און ס'איז שוין גרעסער פון דער מאַמען.

ער וויל איהר נאָך אַ מאָל דערלאַנגען מיט דער בייטש.

העני פייגעל

כאַפּט זיך אַרויף דער מוטער אויפ'ן האַנד.

מאַמע, מאַמעלע, לאַז איהם נישט...

כאַשע דאַבע

זאַלסט זיך נישט דערוועגען זי אַנצוריהרען — הערסט?

מאיר פייוועל

כי, כי, כי, פיין אונטערגעשמיסען. האסט דאָך כאַטש געקענט וואַרטען ביז נאָך הבדלה...

חיים דוד

איך קען נאָך הבדלה פאַרבעסערען.

אורח

געהט אַרויס אויף דער גאַס.

כאַשע דאַבע

עפּעס אַ מאָדנער איד. אַ שווייגענדיגער. וואָס ווילסטו זיך אַזוי אויספּייניגען פאַר איהם?

חיים דוד

ווי דען? דאָס הייסט אַ איד. שבת בעדאַרף מען קיין מיאוס וואָרט נישט רעדען, פלאַפּלען נישט געשטויגען און נישט געפלויגען. וואָלטען מיינע קינדער געווען עפּעס רעכטס, וואָלט ער געפונען וואָס צו רעדען מיט דעם. כ'האָב אַ זוהן אַ בורילע.

בעני לייב

טאַ פאַר וואָס רעדסטו מיט איהם נישט?

חיים דוד

וואָס זאָגסטו? !

נאָך חלילה פּערקיהלען. גיהט צום פענסטער. דאַכט מיר שטערען זענען שוין דאָ. מען קען שוין מעריב דאַווענען.

א ו ר ח

זינגט און פּאַטשט מיט די הענט צום טאַקט. אַלע הערען זיך צו.

ח י י ם ד ו ד

רעכטע קינדער וואָלטען איבערגענומען אַזא שעהנעם ניגון.

אויפ'ן באַק־אייוועז ווערט אַ גערודער. העני פייגעל קוויטשעט, שרייט „אַ פּסיק!“, „אַ פּסיק!“.

כ א ש ע ד א ב ע

וואס איז דאָרט?

ה ע נ י פ י י ג ע ל

זי לאָזט זיך נישט. אוי, זי גראַבעלט זיך!

ח י י ם ד ו ד

איך וועל דיר באַלד געבען אַ קאַץ: איך וועל דיר באַלד געבען אַ זיצען אויפ'ן אייווען.

כ א ש ע ד א ב ע

קריך אראָב, מיין קינד, פון אייווען. ווארען דעם טאַטע גיהט נע־מען די בייטש.

ח י י ם ד ו ד

איך וועל דיר שוין באַלד געבען אַ שפּיעלען מיט אַ קאַץ.

ער געפינט די בייטש און הויבט אָן כוואַטשען דאָרט אין דער פינסטער.

ה ע נ י פ י י ג ע ל

גוואַלדעוועט אויפ'ן אייווען.

מאַמע, מאַמעלע, מאַמעלע...

אַ קאַץ שפּרינגט אַראָפּ פון אייווען און אַנטלויפט.

כ א ש ע ד א ב ע

וואס ביזטו צוגעשטאַנען צום קינד. זעה נאר, אַ פרעמדער מענש איז פאַראַנען, איז ער גאר משוגע געוואָרען. וויל זיך איבערנעהמען פאר א פרעמדען אידען מיט זיין פרומקייט.

ב ע נ י  ל י י ב

כ׳וועל מיר שוין אליין אויסזוכעו. כ׳פאהר מארגען אויף א יריד.

ח י י ם  ד ו ד

עסט נישט שווייגעו?!

ב ע נ י  ל י י ב

וואס ווילסטו פון מיר? דער איד הערט אפילו נישט וואס כ׳רעד. זעה נאר אויף איהם, ווי שבת ווערט ער א גאנצער...

ח י י ם  ד ו ד

עס נישט שווייגען, קענסט ביי מיר כאפען פעטש אפילו אום שבת.

כ א ש ע  ד א ב ע

א חרפה און א שאנד. וואס ווילסטו פון קינד? ער רעדט דאך גאר נישט.

מ א י ר  פ י י ו ו ע ל

האסטו דיר א דור. אז מען לאזט עס לאנג אומבריקעווען. מיך האט מען געפענטעט אז כ׳בין נאך געווען א קיזשיק. און טאקע מיט דער בייטש געכוואשטשעט.

צ י פ ה  ח נ ה

פערשטאפט דאס מויל מיט׳ן פויסט און לויפט ארויס אויף דער גאס.

ח י י ם  ד ו ד

שפרינגט אויף פון ארט.

איהר גליק וואס זי איז ארויסגעלאפען. א שענע טאכטער אויסגע־האדעוועט.

כ א ש ע  ד א ב ע

אזא יאהר מיר וואס פאר א קינד עס איז. כ׳וועל נישט בייטען צעהן שטאדטישע אויף איהר איינער.

ח י י ם  ד ו ד

שוין באלד ביז דער סטעליע גרויס.

כ א ש ע  ד א ב ע

האסטו געזעהען א ביסעל, נאך די מילך אויף די ליפען. באשר קיין עין־הרע עס וואקסט... איז ארויסגעלאפען אויף דער גאס, קען זיך

חיים דוד

שטיק פויער! וואס פלאפעלסטו? זיצט א פרעמדער מענש און קען מיינען, ווייסט ווער זייער טאטע איז.

ציפה חנה

ווארען ס'איז נישט אנ'אמת?

מאיר פייוועל

לאכט גוטמוטהיג.

ס'איז א דור אויפגעשטאנען. לאקשען פערזוכט עס נאר ערב יום־כפור און דאס אויך נישט קיין לעדערנע לאקשען, כי, כי... דער רבי איז א טייג כאטש קנעט פון איהם פארפעל, וואקסט אויס די צונג — נישט געשטויגען און נישט געפלויגען.

חיים דוד

ווארען ער איז נישט גערעכט? וואס זאגט איהר עפעס, רב איד, צו היינטיגער וועלט?

אורח

מיט א ניגון.

צור משלו אכלנו, נו, נו, נו....

אלע שווייגען און הערען דעם אורח'ס זינגען. ער ענדיגט מיט א גרויסען געניץ. דער גאנצער עולם צעגענעצט זיך.

חיים דוד

אין שטאדט קען מען נאך כאפען א מאל א ניגון אויך.

כאשע דאבע

גענעצט.

ווארען, אז מען זיצט אין דארף פערגעסט מען אפילו אין גאט, אין זיין הייליג געבאט.

מאיר פייוועל

צו בעני לייב'ען.

האלט זיך ווי א מענש. וועט דער איד פאר דיר עפעס א שידוך אויס־זוכען...

ביי חיים דוד׳ן. ווינטער. שבת נאָך שלש־סעודות. אַ ווייס, אויסגעקאַלכט שטיבעל מיט צוויי פענסטערלאך אין דער וואַנד רעכטס. לינקס, אַ באק־ אין קאָך־אייוועגס. צווי־שען די אייוועגס אַ טיר אין אַ צווייט קעמעריל. אַ ביסעל נידריגער אַ טיר אויף דער גאַס. אין שטוב איז שוין טונ־קעל׳לאך. בלויז דורך די פענסטערלאך בלאנקט דער שנע. די מענער זיצען ביים טיש, כאשע־דאָבע און ציפּה־חנה זיצען ביים אייוועגן.

ד ע ר  א ו ר ח

אונטערגעשפּארט דעם קאָפּ מיט בײדע הענט זינגט אַ ניגון פון זמירות. אַלע הערען זיך איין.

כ א ש ע  ד אָ ב ע

אין שטאָדט זינגט מען זמירות, איז עס אַ חיות צו הערען.

ח י י ם  ד ו ד

אין שטאָדט זינגט מען זומער מיט אַ זומערדיגען ניגון און ווינטער — מיט אַ ווינטערדיגען ניגון.

מ א י ר  פ י י ו ו ע ל

ס׳איז געוועגדט ווי קארטאָפעל געראָט ביי אונז אין גאָרטען. וואס פאר אַ גערעטעניש אין דאָרף, אזא ניגון אין שטאָדט. כי, כי כא...

כ א ש ע  ד אָ ב ע

זאָל מיר גאָט נישט שטראָפען פאר די רייד, אז כ׳קום אין שטאָדט אריין, דאכט זיך מיר, אז מענשען געהען דאָרט מיט׳ן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארויף. פּפוי זאָל עס ווערען!

צ י פ ה  ח נ ה

כי, כי, כי... די מיידען דאָרט געהען נישט ווי מענשען. נאָר דרעהען זיך, ווי מען וואָלט זיי נויטען פון קהל.

ב ע נ י  ל י י ב

קוקען אויס חתנים.

## פערזאַנען:

חיים־דוד, אַ דאָרפס־מאַן.

כאשע־דאָבע, זיין ווייב.

מאיר־פייוועל, זיין אַלטער פאָטער

בעני־ליב
צפע־חנה } זיינע קינדער
העני־פיינעל

אורח

# אליהו הנביא

א מעשה'לע.

1914

ס י מ ע

ווער פריהער?

א ש ר

דו פריהער!

ס י מ ע

לאָזט זיך לויפען.

א ש ר

יאָגט זי נאָך. ס'הערט זיך נאָך פון ווייטען איהר שרייען — הו — הו! און שפּעטער אַנ'אלגעמיינער געלעכטער.

.1915

אין דיינע האָר טרוקען מאַכען. איידער מיר געהן אין שטוב אריין, לאָמיר זיך אביסעל א יאָג טהאָן — גוט?

לויפען. אַשר יאָגט זי נאָך. ער קען זי נישט כאַפּען. זי קומט צו לויפען אַ פארסאפּעטע און זעצט זיך אַנידער אויף דר'ערד.

אשר

קומט אויך צו לויפען און פאַלט אַנידער נעבען איהר.

אוי בין איך פארמאטערט!

סימע

לעג צו מיין האנט צו מיין הארצען. הערסט ווי סקלאַפּט?...

אשר

הערסט, ווי מיין הארץ קלאַפּט?

סימע

זעהסט, מיין גאנצע קלייד איז נאס געוואָרען פון דעם טוי.

אשר

ביי נאכט וועלען מיר זיך אויסטהאָן בארפוס.

סימע

גלייך מיט'ן פעלד, הינטער דעם גאָרטען. הו — הו! הערסט ווי עס ענטפערט אַפ... ס'איז אַ ווידער־קול... הו — הו —

אשר

וואו זענען זיי?

סימע

ווער?

אשר

די אַלטע...

סימע

אין שטוב. זעהסט ס'איז שוין ליכטיג אין פענסטער, מען האָט א לאָמפּ אַנגעצונדען. זיי זענען שוין אין שטוב.

אשר

לאָמיר נאָך א מאָל לויפען.

די אַלטע קומען אָן.

ע ו ז ר

ווי נאָר עס ווערט נאַכט, הויבט אָן א טוי צו פאַלען... טאפּט די גראָז און דערלאַנגט פייגינען די האַנט. זעהסטו שוין נאַס די גראָז. ס׳איז אומגעזונד איצטער דאָ אומצוגעהן.

נ ח מ ה

לאָמיר שוין געהן אין שטוב אריין.

פ י י ג י ן

איך וועל שוין פאָהרען צו זיך א היים. עס לעגט זיך דער נאַסער טוי, ברעכען די ביינער.

ע ו ז ר

אין שטוב איז ווארימער... כי, כי, מיין טרייע ווייב וועט מאַכען א ווארימען טרונק... דער אבענד איז שוין גרעסער.

פיהרען אַוועק פייגינען צום שטוב צו.

נ ח מ ה

רופט געהענדיג.

סימע, קום אין שטוב אריין!

פ י י ג י ן

אשר, וואו ביזטו פערפאלען געווארען?

פארשווינדען פון אויג.

סימע און אשר קומען אָן.

ס י מ ע

טראָגט אויפ׳ן קאָפּ זיין הוט.

אַז די פארנאכטען קומען אָן ווילט זיך מיר אין די פעלדער אריין לויפען. ביז׳ן האלז מיט דעם טוי זיך נאַס מאַכען.

א ש ר

היינט ביי נאכט, — גוט?

ס י מ ע

האָ, היינט ביי נאכט וועט א שטארקער טוי זיין. זעהסט די גראַז איז שוין נאַס. זעהסט ווי די הענט זענען נאַס. גיב כ׳וועל זיי

א ש ר

זייט נישט ברוגז אויף מיר.

ס י מ ע

שווייגט.

א ש ר

נו, איך בעט אייך. איך וועל אפשר אַנהויבען וויינען. איך וועל אפשר היינטיגע נאַכט נישט קענען שלאָפען, אויב איהר וועט מיר נישט זאָגען, אז איהר זענט נישט ברוגז. ס'מאכט זיך א מאָל, מען רעדט אַרויס אַזאַ זאַך וואָס מען קלערט נישט אפילו. ס'רעדט זיך אַרויס; וואָס בעדאַרפט איהר אָבער אַזוי זיך נעהמען צום האַרצען?... סימע, איך בעט אייך...

ס י מ ע

נעהמט אַרום זיין קאָפּ.

נאַ־רי־שער ב־חור, נאַ־רי־שער ב־חור... איצטער ווייסט איהר שוין פאַר וואָס אַ ווייב בעדאַרף א מאָל ברוגז ווערען אויף דעם מאַן? ס'איז דערפאַר ער זאָל נישט ווערען זויער... ס'איז דערפאַר, אז מען זאָל זיך איבערבעטען.

א ש ר

זענט איהר נישט ברוגז?

ס י מ ע

ציט די ווערטער.

ביזטו נישט ברוגז?

א ש ר

ביזטו נישט ברוגז?

ס י מ ע

ניין. איך בין נישט געוועזן ברוגז און איך... קום, קום... מיין קליי־נער, שענער אינגעלע, גיב מיר דיין האַנט... איך וועל דיך פיהרען אין אונזער גאָרטען און וועל דיר בעווייזען זעהר א שענעם אָרט...

געהען אַוועק.

דעם וועגעלע.

ע ו ז ר

פּאַמעלאַך, פּאַמעלאַך.

פ י י ג י ן

אַט אַזאַ פיהרען האָב איך ליב.

זי שטופּט שנעל מיט דער. אַלעע דעם שטול. עוזר און נחמה געהען נאָך.

א ש ר

פאַר'גנב'עט זיך און קוקט צו פון ווייטען. ער געהט אויך אַוועק אין יענער ריכטונג. ס'איז צו מערקען ווי ער וויל איבערנעהמען ס'וועגעלע ביי איהר. זי גיט עס איהם איבער און אַליין לויפט זי אַוועק און בעהאַלט זיך אין סכה.

ס י מ ע

לאַכט פאַר זיך אַליין מיט אַנ'איינגעהאַלטענעם צופרידענעם געלעכטער.

א ש ר

קומט אָן.

סימע, זייט נישט ברוגז אויף מיר. איך בין נישט שולדיג.

ס י מ ע

איך האָב געהאַלטען פון אייך מעהר.

א ש ר

איך בין נישט שולדיג. איך האָב נישט פערשטאַנען.

ס י מ ע

וואָס האָט איהר דען צו פארשטעהן? אז מען האָט ליעב בעדאַרף מען זיך לאָזען אפילו אָפּבייסען אַ פינגער אויך.

א ש ר

נו, הייסט וועל איך עס טהאָן.

ס י מ ע

איצטער איז שוין צו שפּעט.

ע ו ז ר

געקומען ערב שבת. און אין שטוב איז פינסטער. ממש פינסטער. כ'האָב זי פּוגע בכבוד געווען. זי האָט געוואַלט אַ קלייד. זאָג איך: וואָס בעדאַרפסטו נאָך דער חתונה קליידער? כי, כי, אַזוי האָב איך געזאָגט. האָסט דאָך שוין אַ קינד... כי, כי. ווערט זי ברוגז. אָבער אויף אַ גאַנצע וואָך!

נ ח מ ה

לאַכט גוטמוטיג.

אַז מען איז יונג איז מען נאַריש. האָב געמיינט, אַז ער האָט מיך אָבגענאַרט. און וויפיל האָב איך פאַר יענער וואָך געוויינט!... די קישען נאַס געמאַכט...

פ י י ג י ן

און זיך איבערגעבעטען?

ע ו ז ר

געמוזט... אויסגעקליבען צעהן גילדערנע רענדלאַך. דאַכט זיך אַז צעהן, וואָס זאָגסטו, נחמה?

נ ח מ ה

אודאי צעהן.

ע ו ז ר

צעהן גילדערנע רענדלאַך אין טשעפּיק אַריינגעלעגט.

פ י י ג י ן

איז זי בעסער געוואָרען?

ע ו ז ר

בעסער געוואָרען! די מינוט בעסער געוואָרען.

נ ח מ ה

כי, כי, כי, שטעהן נאָך מיר איצטער פאַר די אויגען יענע צעהן גילדערנע רענדלאַך...

ס י מ ע

קומט אַן.

אִיהר האָט זיך דאָך פאַרמאַטעְרט. לאָזט מיר איךְ וועל שטופּען

ס י מ ע

גיט איהם אַ שנעל אין נאָז.

ווער ברוגז!

א ש ר

גיט איהר אַ קוש.

ס י מ ע

ווער ברוגז!

א ש ר

איך האָב דיך ליעב.

ס י מ ע

און איך האָב דיך פיינד!

אנטלויפט.

א ש ר

בלייבט אַליין צעטומעלט.

די אַלטע קומען אָן. אשר בעהאַלט זיך הינטער אַ בוים.

ע ו ז ר

כי, כי, כי, ווייסטו וואָס זי האָט מיר אמאָל אָבגעטהאָן? ברוגז געוואָרען אויף אַ גאַנצע וואָך... כ'וויים נישט פאר וואָס און פאר ווען...

נ ח מ ה

דערצעהל זשע אָבער פאר וואָס כ'בין ברוגז געוואָרען.

פ י י ג י ן

מעהר ווי איין מאָל איז זי נישט ברוגז געוואָרען?

ע ו ז ר

אָבער אויף אַ גאַנצע וואָך! נישט גערעסען. כי, כי... נישט גע־גאַנגען שלאָפען צו מיר אין חדר. אין אַנטאָהן געשלאָפען אַ גאַנצע וואָך.

אַלע לאַכען גוטמוטיג.

פ י י ג י ן

און איהר האָט זיך איבערגעבעטען?

גיט דער אלטער א קניפ אין באק.

פ י י ג י ן

טע, טע, ווען מען קען צוריק איצטער כאפען יענע יאהרען. איצ־
טער איז די וועלט קליגער.

געהן פארביי.

סימע און אשר קומען אן.

ס י מ ע

איצטער בעוויין מיר ווי אזוי דו וועסט ווערען ברוגז אויף מיר.

א ש ר

איך וועל קיין מאל נישט זיין אין כעס אויף דיר.

ס י מ ע

אזוי האב איך פיינט. מען בעדארף ווערען ברוגז און דאנאך זיך
איבערבעטען.

א ש ר

אז איך וועל שוין אמאל יא ווערען ברוגז, וועל איך זיך קיין מאל
נישט איבערבעטען.

ס י מ ע

וואס הייסט?

א ש ר

איך פרעג אויך, וואס הייסט?

ס י מ ע

פאר וואס וועסטו זיך מיט מיר קיין מאל נישט איבערבעטען?

א ש ר

טא פאר וואס זאלסטו מיט מיר זיין ברוגז?

ס י מ ע

אזוי. א ווייב מוז אמאל ווערען ברוגז. זי מוז. פארשטעהסט?
אז איך וועל אויף דיר נישט ווערען ברוגז... אי נעה, דו פאר־
שטעהסט גאר נישט...

א ש ר

פון וואנען ווייסטו אזעלכע זאכען?

ס י מ ע

שיסט אויס מיט אַ געלעכטער.

דאָס איז דאָך זייער פענסטער! זיי האַלטען איהם שטענדיג פאַר־מאַכט. האָבען מורא טאָמער פאַרקיהלען זיי זיך.

א ש ר

וואו זשע איז די פענסטער פון דיין צימער?

ס י מ ע

קום איך וועל דיר ווייזען... שאַ אַט זענען זיי שוין.

פאַרשווינדען צווישען די בוימער. עס קומען אַן עוזר, נחמה און פייגין.

ע ו ז ר

כי, כי, אַז איך האָב מיט איהר חתונה געהאַט איז זי געווען גאָר אַ ציג... געשאַטען נאָך זאַמד אין טשעפּיק און געשפּילט אין צייכענס. כי, כי... האָט מיך נישט געלאָזט אויף די אויגען... אַט די ציג.

נ ח מ ה

וואו נעהמט מען איצטער יענע יאָהרען? אַז כ'האָב געבוירען ס'ערשטע קינד בין איך נאָך אַ קינד געווען.

ע ו ז ר

אַט נישט געוואוסט וואָס אין בויך וואַקסט. מען האָט איהר גע־קענט איינרעדען, אַז קעצעלעך האָט זי אין בויך, כי, כי כי...

נ ח מ ה

געה, שוין געה... ווי דען טאַקי? צו יונג געווען...

פ י י ג י ן

לאַכט אויך גוטמוטיג.

איי, די יונגע יאָהרען.

ע ו ז ר

מען האָט מיך חתונה געמאַכט. נישט געוואוסט וואָס ס'איז. געמיינט ס'איז מיט די אינגלאָך אין קנעפּלאָך שפּילען און זי איז נאָך גאָר געווען אַ ציג...

ס י מ ע

דער אלטיטשקער וועט אפשר וויינען, אז כ'וועל עס איהם אנ־זאגען.

א ש ר

וואס געהן זיי אונז אן?

ס י מ ע

טאקע וואס געהען זיי אונז אן? נעהמט ארום זיין קאפ און קוקט איהם אין די אויגען. ווען דו וואלסט אבער געקענט גוט קלעטע־רען, וואלסטו דארט איבער דעם צוים ביינאכט אריבערגעקלעטערט און וואלסטו טאקי מיין פענסטער געפונען אפען.

א ש ר

האב איך טאקע געקענט קלעטערען און דיין פענסטער איז געוועזן פארמאכט.

ס י מ ע

אזוי גאר? קריכסט גאר ביינאכט אין פרעמדע גערטנער. גוט וואס כ'האב נישט דערהערט. איך וואלט געמאכט א געוואלד און מען וואלט דיך געכאפט. ביי אונז איז דא ביינאכט א שומר אין גאר־טען. יא. א געזונטער שומר.

א ש ר

אבער דעם פענסטער האלטסטו פארמאכט.

ס י מ ע

ניין, אפען.

א ש ר

ניין, פארמאכט.

ס י מ ע

צו וואס פאר א פענסטער ביזטו געגאנגען?

א ש ר

אט צו יענע פענסטער וואס קומען ארויס, דארט פון דער לינקער זייט.

א ש ר

אַלט איז נישט יונג.

ס י מ ע

אַלט איז נישט יונג.

א ש ר

און יונג איז נישט אַלט.

ער קושט זי.

ס י מ ע

כאַפּ מיך!

רייסט זיך אַרויס פון איהם און לאָזט זיך לויפען.

א ש ר

יאָגט זיך נאָך.

עוזר און נחמה קומען אַן מיט פייגינען.

ע ו ז ר

פאַרשטעהסט, צייטענווייז דאַכט זיך דיר אויס, אַז ביזט נאָך גאַר ניט אַזוי אַלט. קענסט נאָך גאַר אַ ניי לעבען אַנהייבען.

נ ח מ ה

די וועלט פיין אַבגעלעבט. נישטאָ וואָס צו בעקלאָגען זיך. וואָלט איך נאָר זיין אַזוי מיט יענער וועלט בעזאָרגט.

פ י י ג י ן

ווען איך זאָל נאָר קענען פון וועגעלע אַראָפּ. כ׳וואָלט נאָך וועלטען איינגענומען. אַזוי אָבער טראַכט איך אַמאָל: די וועלט איז שוין נישט פאַר דיר.

נ ח מ ה

כל זמן מען לעבט, לעבט מען.

ע ו ז ר

אוראי, כל זמן מען לעבט איז מען אַ מענש...

געהען פאַרביי

אשר און סימע קומען אַן פאַר׳גנב׳ענענדיג זיך פון צווישען די בוימער און בעהאַלטען זיך ווידער אונטער אַ בוים.

נ ח מ ה

מיינע אויך, אַ דימענט. שאַנעוועט אונז ווי אייגענע טאַטע מאַמע.

פ י י ג י ן

איך האָב אַזעלכעס בעדאַרפט האָבען. איך זעה, אַז זי איז מיט אַ גוט האַרץ... זענען שוין די עפּעל דערשטאַנען?

ע ו ז ר

פאַלען פון די בוימער. נישטאָ ווען זיי אויפצוקלייבען. אַט ווילסט, וועל איך דיך אַ ביסעל דורכפיהרען דעם גאַרטען... העלף מיר, נחמה.

ביידע שטופען דעם שטול.

ס י מ ע

קומט צו לויפען פאַר'גנב'ענענדיג זיך צווישען די בוימער און ווינקט פון ווייטען צו אָשר'ן ער זאָל קומען.

א ש ר

קומט. בעהאַלטען זיך אונטער אַ בוים. כאַפּען זיך אַרום און לאַכען צופרידען.

ס י מ ע

זעה נאָר, ווי די אַלטיטשקע שטופען דעם שטול?

קוקען ביידע אַ צייט אַהין וואו צווישען די בוימער שפּאַצירען די אַלטע.

א ש ר

ווילסט, וועל איך איהם אָנרעדען ער זאָל דיך נעהמען. וועסט גאָר נישט האָבען צו טהאָן דאָרט.

ס י מ ע

ניין, איך האָב מיינע אַלטיטשקע ליעבער. ווי צוויי ווייסע טייבעלאַך זעהן זיי אויס. כ'האָב זיי ביידען פריהער ווי צוויי טייבעלאַך געלעגט מאַלינעס אין די מיילער... און דער אַלטעטשקער, אי האָט ער מיך ליעב! ווייסט, ער בייזערט זיך אַמאָל אויף מיר אין מישנע. איך מאַך מיר אַזוי דערשראָקען, און איך הויב אָזש אָן צו וויינען. ווערט אַזוי ווייך. הויבט ער מיר אָן צו גלעטען און זאָגען, אַז ער האָט עס נישט געמיינט אַזוי ערענסט. כאַ, כאַ, כאַ.

פ י י ג י ן

אַט דאָס שריי איך. חלום נישט! רעד אַ וואָרט אַרויס. געהט ער הינטער מיר און כ'מיין ער איז שטום געוואָרען.

א ש ר

נעהמט סימען. זי איז אַ בעסערע פון מיר.

פ י י ג י ן

וואָלט זי נאָר וועלען געהן צו מיר.

ס י מ ע

איך וועל געהן. פאַר וואָס נישט? סיי ווי וויל מיך הער זאַלצבערג דורכטרייבען.

ע ו ז ר

דו, נאַריש מיידעל דו. ווער האָט עס דיר געזאָגט? האָט זיך איינ־גערעדט, אַט, דו נאַריש מיידעל.

פ י י ג י ן

דאָס מאכט זי נאָר אַנ'אַנשטעל. כ'וועל איהם שוין מוזען האַל־טען, אַט דעם שלאַק... נו איצטער ביזטו פריי... קענסט זיך געהן אויב דו ווילסט.

ס י מ ע

ווינקט צו אשר'ן. זיי געהען ביידע אָפּ אין הינטערגרונד.

פ י י ג י ן

כע, דאָס בייזער איך זיך נאָר. מען קען נישט אַנדערש. אַ וואווילער בחור. האָט אַ שאַרפען קאָפּ. אין רעכענען — פייער־פלאַם. איך כאַפּ איהם אַמאָל, אַז ער שטומט הינטער דעם וועגעל געהענדיג, מיין איך, אַז ער איז גאָר אַנטשלאָפען געוואָרען, פרעג איך פלוצלונג: וויפיל איז טויזענט מאָל טויזענט — ער ענטפערט! גאָר נישט געקלערט. כאָטש פרעג איהם וויפיל שטערען אין הימעל פאַרהאַן, ט'ער אויך זאָגען.

אין הינטערגרונד איז צו זעהן ווי סימע קלעטערט אויף אַ בוים — אָשר העלפט איהר אונטער.

פוילט מיך צו פיהרען, האָט ער מיר איינגערעדט, אַז כ'בין אַ חולה און כ'בעדאַרף ליגען אין בעט.

הוסט.

נ ח מ ה

טע, טע, טע, אַט הוסט איהר. טאַקי פאַרקיהלט.

א ש ר

איהר האָט נאָך היינט אויך נישט בעדאַרפט אַרויספאָהרען.

ס י מ ע

מיט וואָס זאָל איך מכבד זיין דעם גאַסט?

פ י י ג י ן

אַט איז דער אַנדערער גוטער מענש.

ס י מ ע

געוויס בין איך אַ גוטער מענש.

פ י י ג י ן

אי, זענט איהר גוט. איהר קענט דען ליידען אַלטע לייט?

ס י מ ע

ווינקט זיך דורך מיט אשר'ן.

נ ח מ ה

אומזיסט האָסטו פאַראיבעל, חיים. אַט זאָג איך איהר אין די אויגען, זי איז אַ גרויסע שטיפערקע, נאָר כ'ווינש איהר קיין בייז נישט. איז מיר אַ גוטער פריינד.

א ש ר

הער פייגין איז אויף מיר אין כעס פאַר וואָס איך גיה אַ פאַר־טראַכטער ווען איך שטופּ דעם שטול.

פ י י ג י ן

מען האָט מיך די וואָך שיעור נישט איבערגעפאָהרען.

ע ו ז ר

אַזוי... שיעור נישט איבערגעפאָהרען. כי, כי, כי, דו יונגאַטש איי־נער — פאַרגעסט זיך, אַז דו פיהרסט אַ לעבעדיגען מענשען. טאָמער עפּעס, דו קענסט אַנטלויפען און ער נעבעך...

נחמה

נישט אַנדערש. בעט איהם אהער...

סימע

אַבגעהענדיג, שרייט.

ווארט דאָרט נעבען טויער! איך געה אויפעפענען.

עוזר

שוין דריי טעג איהם נישט געזעהן.

נחמה

קען זיין ער איז געלעגען צו בעט.

עוזר

געקענט זיין גאָר א שטאַרקער איד.

נחמה

ווען נישט גאָטס שטראָף.

עוזר

א גרויסע שטראָף... כי, כי, אזא חצופה האָט אַנגעקליבען אזעלכע שאַרפע מאַלינעס. א וואויל קינד.

מיט'ן וועג קומט אַן פייגין, געפיהרט אין א שטול אויף רעדער. אשר שטופט דעם שטול. סימע געהט אויך נאָך.

פייגין

גרוי און אַלט. זיצט אין שטול איבערגעדעקט די פיס מיט א פלעד.

עוזר

א גלייכע זאך האָסטו געטהאָן, דאָ איז גאַנץ פריש.

נחמה

וואָס עפעס גאַנצע דריי טעג נישט געזעהן?

אשר

הער פייגין איז געלעגען.

נחמה

וואָס האָב איך געזאָגט?

פייגין

מיין יונגערמאַן: וואָס געהט מיר נאָך פון הינטען האָט זיך גע־

עוזר

ברענג מיר ארויס מיין שלאָף־ראָק, ס׳איז שוין קילבלאָך.

סימע

זאָל איך אייך, מאדאם, אפשר ארויסברענגען א טוך?

נחמה

יא, מיין קינד, ס׳איז שוין טאקע קאלט.

סימע

לויפט אין שטוב אריין.

עוזר

און דו האָסט זיך געבייזערט אויף איהר.

נחמה

איך האָב געזאָגט, אז כ׳האָב, חלילה, צונ׳איהר גאָר נישט.

עוזר

דו ביזט א שלעכטע, ביזט צו מיר אויך שלעכט.

נחמה

וואס נאָך פאר א בלבול וועכטו אויף מיר אויסטראכטען?

עוזר

זעהסט, אָט איז זי שוין צוריק. ווי זי שפרינגט! לויף נישט אזוי! וועסט נאָך פאלען איבער די צווייגען!....

סימע

קומט אָן. טהוט איהם אָן דעם שלאָף־ראק און איהר די טוך.

אָט אזוי וועט אייך זיין ווארעם.

עוזר

ס׳קומט פארנאכט, פאלט שוין א קאלטער טוי.

סימע

פייגין פאהרט ראכט מיר אהער.

עוזר

הא, הא... זעהר גוט. זאָג איהם מיר זענען אין גאָרטען. עפען אויף דעם טויער און זאָל ער אריינפאהרען אהער.

טער האט עס מיר אנגעזאגט — איך ווייס אבער אליין בעסער פון איהר.

ע ו ז ר

אודאי, אודאי, וויל מיין טאכטער, אז דו זאלסט אונז אויפהיטען.

נ ח מ ה

איך האב צו דיר גאר נישט. ביזט מיר ליעב ווי אנ׳אייגען קינד.

ס י מ ע

איך ווייס, אז איהר וועט מיך נישט דורכטרייבען.

נ ח מ ה

חלילה, ווער טראכט פון אזעלכע זאכען.

ע ו ז ר

נאר א שטיפערקע ביזטו. וואס האסטו זיך אזוי אוועקגעזעצט אויף דער ערד און מען קען מיינען דו קארמעסט צוויי הינער?

ס י מ ע

עס טהוט מיר ווע די פיס. כ׳בין א סך אומגעגאנגען.

ע ו ז ר

וועסט זיך היינט לעגען פריהער שלאפען, און בעדארפסט נישט אויפשטעהן אזוי פריה.

ס י מ ע

איך הער, אז איהר שטעהט אויף, נו ווי קען איך שוין שלאפען.

ע ו ז ר

האסט אויף מיר נישט וואס צו קוקען.

נ ח מ ה

אט זעהסטו, ביי דיר איז רעכט, זי זאל שלאפען ביז האלבען טאג.

ע ו ז ר

כי, כי, האסט א שלעכטע בעל־הבית׳טע. כי, כי...

ס י מ ע

נו, וואס זאל איך אייך איצטער ארויסברענגען?

נ ח מ ה

כ׳ווייס וואס ער רעדט. ס׳האט מיר אין זייט א שטאך געטהאן.

ס י מ ע

בעסער פארזוכט די מאלינעס. איהר זעהט, פולע הויפענס.

עוזר נעהמט פון איין האנט און לעגט אין מויל און נחמה נעהמט פון דער אנדערער האנט און לעגט צו זיך אין מויל. סימע שטעהט אויף די קניה מיט אויסגעשטרעקטע הויפענס, און קוקט זיי אין די אויגען.

ע ו ז ר

א בעלנות געווען אזוי פיל נאך איצטער מאלינעס אנצוקלייבען.

נ ח מ ה

מען זעהט זיי שוין קיין מאל נישט אין דער צייט.

ס י מ ע

איך האב געזוכט פאר אייך, כ׳האב געוואוסט אז איהר האט עס ליעב.

ע ו ז ר

כי, כי, כ׳האב שוין באלד אין גאנצען אויפגעגעסען, און פאר דיר נישט געלאזען.

נ ח מ ה

לעגט סימען א מאלינע אין מויל אריין.

נא, דו שטיפערקע, דו...

ע ו ז ר

און דו זאגסט, אז איך האב זי צעלאזען.

כמעט ניט בעמערקענדיג לעגט ער אויך סימען אין מויל אריין מא־לינעס.

נ ח מ ה

איך זאג עס נאך איצטער אויך.

ס י מ ע

מיט וואס בין איך שלעכט? אט, אדרבה, זאגט מיר. איך וואלט וועלען פון גאנצען הארצען, אז איהר זאלט זיין צופרידען מיט מיר. איך ווייס דען נישט, אז איך בעדארף אייך אויפהיטען. אייער טאכ־

אייגען קינד איז זי ביי מיר.

ע ו ז ר

דאס האט מען נישט בעדארפט. פון ערשטען טאג אן, שטרענג!
און איך הויב עס נאך איצטער אן. נאר שטרענג...

ס י מ ע

קומט אן פון צווישען די בוימער. ליכטיג בליאנד, מיט יוגענד פול. טראגט איןביידע הויפענס רויטע מאלינעס. לאכט.

איהר זענט גאר דא און איך האב אייך איבער'ן גאנצען גארטען געזוכט. זעהט נאר וואס כ'האב געפונען. פארזוכט, הערר זאלצבערג, שטעלט אן די האנט וועל איך אייך אריינשיטען.

נ ח מ ה

געה, ביזט א צעלאזענע מיידעל. ער איז שוין געוועזן אין כעס.

ס י מ ע

ווע איז מיר, איהר האט מיך בעדארפט?

ע ו ז ר

איך בין נאך איצטער אויף אין כעס.

ס י מ ע

ווען איך זאל עס וויסען. כ'האב געמיינט אז איהר שלאפט.

ע ו ז ר

כי, כי, כי... זי מיינט, אז אלטע לייט שלאפען שטענדיג.

ס י מ ע

איהר שלאפט דאך שטענדיג אין דער צייט.

נ ח מ ה

געה און זיי אין כעס אויף איהר.

ע ו ז ר

גוטמוטיג.

כ'האב דיך שוין געוואלט דורכטרייבען.

ס י מ ע

איהר דארפט מיך נישט טרייבען. איך קען אליין אוועקגעהן.

ע ו ז ר

איך בין שוין באַלד ברוגז. סימע! סימע! נע, איך וויל עס נישט ליידען. איך וועל זי אפשר היינט דורכטרייבען. איך וועל זי אפשר היינט... נע, איך וועל איהר זאגען, אז... נע... איך בין שוין ברוגז. איך וויל עס נישט ליידען...

נ ח מ ה

רעג זיך נישט אויף אזוי. מען קען רעדען מיט איהר מיט גוטען.

ע ו ז ר

אבער איך וויל עס נישט ליידען. סימע! אז איך רוף בעדארף מען ענטפערען!

נ ח מ ה

זי פאָלגט מיר אויך נישט. כ׳האָב איהר געזאָגט, אז מען לעגט זיך שלאָפען בעדארף מען דעם פענסטער צומאַכען. ענטפערט זי מיר: קיינער וועט מיך נישט ארויס׳גנב׳ענען. און, אז מען וועט קריכען דורכ׳ן פענסטער אין שטוב אריין וועל איך, זאָגט זי, דערהערען.

ע ו ז ר

און דו זאָגסט עס נישט מיר, אזא זאך... זי קען זיך נאך חלילה פארקיהלען און דאנאך... אזא חצופה... זי וועט שוין מעהר קיין פענסטער נישט האַלטען אָפען...

נ ח מ ה

ער זאָגט פארקיהלען... איך טראַכט, אימעצער קען אריין דורכ׳ן פענסטער אין בע׳דלות שטעלען.

ע ו ז ר

יא, איך מיין עס אויך. מען קען בע׳דלות שטעלען... ניין, איך וועל זי היינט דורכטרייבען. איך האָב שוין מעהר קיין געדולד נישט. און רעכט אויף איהר, אז מען האָט אזא גוט אָרט, בעדארף מען איהם שאָנעווען. טהוט מען נישט קיין הפקר זאכען. זאָל זי זיך געהן!

נ ח מ ה

א נארישע מיידעל. ווייסט נישט אז דאָ איז איהר גוט. אז ווי אַז

אַך. איך זאָג איהר: האָסטו עס גאָר קיין דרך ארץ נישט פאַר אַנ'אַלטען מאַן? איך בין דאָך עפּעס דיין בעל הבית? ווייסטו וואָס זי האָט מיר געענטפערט? אייך, זאָגט זי, געפעלט וואָס איך האָב פאַר אייך קיין דרך־ארץ נישט. איך בין, זאָגט זי, אַנטקעגען אייך אַ קליין קינד. כי, כי, כי...

נ ח מ ה

איז נאָך טאַקע גאָר אַ קינד!

ע ו ז ר

גוטמוטיג.

אַ שטיפּערקע... כי, כי, כי...

נ ח מ ה

אוי ווע איז מיר!...

ע ו ז ר

וואָס, ווידער אַ שטאָך געגעבען אין זייט?

נ ח מ ה

ווי מיט נאָדלען.

ע ו ז ר

האָט זעהסטו, און איך זאָג ס'איז אַנ'עולה. היט דיך נישט אָפּ. סימע! סימע...

נ ח מ ה

וואָס רופסטו? זי איז נישטאָ אין שטוב.

ע ו ז ר

נייז, איך וועל זי היינט גוט אויסשטראָפען. איך וועל איהר זאָגען אַז אויב דאָ איז איהר שלעכט קען זי זיך געהן פון דאַנען.

נ ח מ ה

זי זאָגט גאָר נישט, אַז איהר איז שלעכט ביי אונז.

ע ו ז ר

טאַ וואָס הייסט עס? אַז כ'רוף ענטפערט זי נישט?

נ ח מ ה

כאַפּט זיך ווידער ביים זייט.

נחמה

איך? אנ׳איינפאל. וויפיל מאל האב איך זי שוין געוואלט אוועק־שיקען?

עוזר

וואס עפעס אוועקשיקען? איז שוין צוגעוואוינט צום שטוב. זאל זיין. נאר מען בעדארף זי אויסשטראפען. איך וועל זי היינט אויסשטראפען.

נחמה

דו האסט זי צעלאזען. איך האב געהייסען אלע טאג אויסווישען די טיר און פענסטער, האסטו געזאגט, אז ס׳איז גענוג איין מאל אין וואך. זאל איך דען זיי די שלעכטע?

עוזר

כי, כי, כי... ביזט גאר אייפערזיכטיג. כי, כי, כי...

נחמה

וואס פרעגסטו זי אלע מאל איבער צו זי האט שוין געגעסען? פארלאז זיך אויף איהר. זי נעהמט פריהער פאר זיך און דערנאך דערלאנגט זי דיר.

עוזר

נע, נע, דאס רעדסטו שוין בייז. דאס רעדסטו שוין נישט גוט.

נחמה

ווארום איך בין גערעכט.

עוזר

זעהסטו, אין דעם ביזטו שוין נישט גערעכט. זי מעג, א יונגער מענש, אז ער הארעוועט בעדארף מען איהם געבען עסען צו זאט.

נחמה

איך זשאלעווע דען? איך קוק דען נאך? ווייס איך וואס דו רעדסט.

עוזר

איך בין אויף איהר נישט ברוגז. וואס זאל איך האבען צו איהר? כֵּי, כי, כי. נאָר אָ קלוגע איז זי. אַ פערשייטע, ענטפערט צו דער

נ ח מ ה

ווייסט נישט וואס זי וועט דיר ענטפערען? כ'האב איהר געוויזען דעם שטויב אויפ'ן אלמער ווייסטו, וואס זי האט מיר געענטפערט? אז מען זוכט נישט, זאגט זי, געפינט מען קיין שטויב נישט.

ע ו ז ר

גאר נישט קיין נארישער ענטפער, כע — כע...

נ ח מ ה

איך פרעג זי, וואס זי טהוט אזוי שפעט אין גאס? ענטפערט זי — זי געהט שפאצירען מיט איהר חתן.

ע ו ז ר

ווער איז איהר חתן?

נ ח מ ה

ווייס איך דארט וואס! ענטפערט זיך אזוי. האט פיינט צו בלייבען שולדיג אנ'ענטפער.

ע ו ז ר

קלאפט מיט'ן שטעקען און רופט.

סימע, סימע!

נ ח מ ה

לאכט גוטמוטיג.

מאכט זיך נישט הערענדיג.

ע ו ז ר

מאכט זיך נישט הערענדיג. אז איך רוף? איך גלויב עס נישט.

נ ח מ ה

ווי דען, אויף איהר איז אל'ץ צו גלויבען.

ע ו ז ר

איך וועל זי אויסזידלען.

נ ח מ ה

וואס ווערסטו זיך שוין אנהייבען מיט איהר?

ע ו ז ר

דו צעלאזט זי.

סוף זומער פאַרנאַכט. ביי זאַלצבערג׳ן. אַן׳אַלטער גרויסער פּרוכט־גאָרטען ציהט זיך ווייט אַוועק אין הינ־טערגרונד. אין פאָדערגרונד, רעכטס, אַ סוכה צום זיצען. אַ וועג לויפט פון דער סוכה ביז צו אַ גרויס אַלט הויז, וואָס זעהט זיך אַרויס ווייט פון צווישען די בוימער. פון ווייטען בעווייזען זיך עוזר און זיין פרוי. געהען זייט ביי זייט. בעטראַכטען די בוימער.

עוזר

רופט.

סימע! סימע!

בעקומט קיין ענטפער. ער קלאַפּט מיט׳ן שטעקען אן אַ בוים, רו־פענדיג.

נחמה

עס קען זיין זי איז פון שטוב אוועקגעגאַנגען.

עוזר

זי וועט דאָך נישט לאָזען די שטוב אַליין.

קומען אָן.

נחמה

ביי איהר קענסטו אַלץ פועל׳ן.

עוזר

האָט נישט וואָס צו טהאָן.

נחמה

וואָלט זי נאָר וועלען, מען קען שוין געפינען וואָס צו טהאָן.

עוזר

אַלצדינג בעדעקט מיט שטויב, אין שטוב.

נחמה

כ׳האָב היינט אַראָפּגענומען אַ שפּינוועבס איבער׳ן בעט.

עוזר

האָסט עס איהר געדאַרפט ווייזען.

## פ ע ר ז אָ נ ע ן:

ע ו ז ר ז א ל צ ב ע ר ג } ביידע אַכציגער
נ ח מ ה, זיין פרוי. }

ס י מ ע, הויזמיידעל.

ח י י ם פ י ג י ן, אַ גוטער פריינד. פּאַראַליזירט

א ש ר, פיהרט אום פיגינען.

# װען עס פֿאַלט דער טױ

אידיליע

1915

ש ל מ ה

איך װעל פון הונגער שטאַרבען! חײקעל, װאוהין?!

ט ע ל צ ע

שטופּט איהם אַרויס אויף דער גאַס.

געה, געה גיכער. בײ נאכט װעסטו קומען. געהט צוריק אויפ׳ן געלע־גער. לײדענשאַפטליך. אײן נאכט, אײן נאכט, אונטער דער דעקע, ער װעט זוכען מיט זײנע קלײנע הענטלאַך, גראַבלען, גראַבלען דאָס לײב. די ברוסט.

פערטראַכט זיך שטאַרק.

ח י י ם

כאַפּט זיך אויף, לויפט צו צו דער טיר און קלאַפּט מיט׳ן פויסט.

חײקעל! די מאַמע!... מײן מאַמען! חײקעל! געדענק, די מאַמע!

ש ל מ ה

שרײט.

חײקעל, װאוהין! אַ דונער זאָל דיך אויפ׳ן װעג אײנברעכען! געה צוריק! נאָר אײן ביסען ברויט לעג מיר אין מויל אַרײן, אײן ביסען ברויט! כ׳װעל בײסען מײן לײב. כ׳װעל גריזען מײנע בײנער. כ׳װעל צורײסען מײן האַרץ און דאָס בלוט אויסטרינקען. איהר זענט טויב?! שרײט מורא׳דיג. איהר זענט טויב?!... הערט!... הערט, הערט!... אײן בי—סען ברויט לעגט אין מויל!... אײן בי—סען ברויט!... — דעם — שפּײן — טרײבט אַ—ראָב!

ש ר ה

אײנציגװײז, אײנציגװײז אויסגעשטאַרבען מײנע קינדער.. אײנ־ציגװײז, אײנציגװײז אויסגעשטאַרבען די אײניקלעך. אײנציגװײז, אײנציגװײז אַרויסגעפאַלען די צײנער. ביסלעכװײז, ביסלעכװײז פינסטער געװאָרען אין די אויגען... ביסלעכװײז, ביסלעכװײז געהט אַלץ פערבײ!... אַלץ פערבײ...

שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ ביז זי דרעמעלט אײן.

.1906

וועל איך נאָך דערקענען. כ'וועל דעם צייכען אַנטאַפּען — דעם שטעקען, וואָס כהאָב אין קבר אַריינגעשטעלט. ביי חוה'ן אויף'ן קבר מוז נאָך דאָס ווינעלע ליגען. חייקעל, חייקעל!

טעלצע

האַלט חייקלען. שעפּטשעט איהם אין אויער.

עזריאל

מיט גרויס שמחה. פערקוועטשט דאָס היטעל אויפ'ן קאָפּ.

געפונען דעם גלייכען וועג! אַלץ געפונען — דערגאַנגען. שלעפּט אַרויס אַ געלעגער אויפ'ן מיטען שטוב. שטעלט זיך אויף איהם און מאַפּט מיט שמחה דעם סופים. אַט האָב איך דעם גאַנצען הימעל ביי זיך אויפ'ן האַנד — אַלץ אויפ'ן האַנד! פינטלאַך און פּאַסקעס; פּאַסקעס און פינטלאַך — גאָר קיין נייעס אויף דער וועלט נישטאָ — אדרבא, זאָל מיר ווער בעוויזען פערקעהרט. איצט פערשטעה איך שוין דעם סוד, פאַר וואָס דער רעגען גיסט זיך דוקא פון אויבען און נישט פערקעהרט. גאָר קיין נייעס אויף דער וועלט נישטאָ, גאָר קיין נייעס אויף דער וועלט נישטאָ... אַלץ די אייגענע בערג, אַלץ די אייגענע ים'ען, אַלץ די אייגענע טייכען. אַט דאָס איז דער סוד פון דעם רעגען. גאָר קיין נייעס, גאָר קיין נייעס. — אַלץ אויפ'ן האַנד.

פיהרט מיט'ן פינגער איבער'ן סופים. רעדט צו זיך אַליין.

טעלצע

שטעהט אויף, נעמט חייקלען אונטער'ן אָרעם און פיהרט איהם צו דער טיר.

איצטער געה. געדענק, וואָס כ'האָב דיר אָנגעזאָגט. אַט ווי איך האָב דיר געלערענט.

חייקעל

עקשנ'ט זיך.

לאָז, כ'וועל נעהמען דאָס קערבעל, ברענגען האַלץ. נאָך ברויט.

כאַפּט דאָס קערבעל.

ט ע לצ ע

פון פריה ביז נאַכט ביזטו אויף יענער זייט קעלער — הער, וואס כ'וועל דיר זאָגען: ווענסט ביינאַכט ארויסגעהן אין גאַס, וועסט בע־געגענען א קליין קינד, אדער ווייבער מיט קליינע קינדער — כאַפּ ארויס און לעג אין קערבעל אריין, און קום צולויפען אהער — צו מיר.

ח י יק ע ל

קוקט זי אָן פערוואונדערט.

ש ר ה

צעהן יאָהר אז כ'בין ביי נחמן'ן אויפ'ן קבר געווען. צעהן יאָהר ביי חוה'ן אויפ'ן קבר נישט געווען... בתיה'ס קבר געדענק איך שוין גאָר נישט — חייקעל, חייקעל!

ח י יק ע ל

שטעלט זיך.

איך וועל געהן אויפקלייבען דאָס ברויט.

ט ע ל צ ע

האַלט איהם צו.

וועסט אַנדער ברויט ברענגען. כאַטש נאָר איין נאַכט וויל איך איהם האַלטען נעבען זיך. ער וועט מיט זיינע ענדטעלעך גראַב־לען, גראַבלען. בעהאַלטען איהם אונטער די שמאַטעס.

שעפּטשעט איהם וואָס אין אויער.

ש ל מ ה

וואַלטען זיי מיינע קינדער געווען — איינציגווייז וואַלט איך זייע־רע לייבער צוביסען, מיט'ן פוס די הערצער צובראַכען. איצט איז מיר געבליבען מיין איינציגע פוס צום בייסען. בייסען מיין אייגען לייב פאַר צאָרן, אויף וועמען זאָל איך מיין כעס אויסגיסען? — כ'וועל מיך אליין, מיין אייגען לייב! —

ש ר ה

אז דער שנע וועט צוגעהן וועל איך בעטען חייקלען, ער זאָל מיך ארויספיהרען אויף די זון. כ'וועל געהן אויפ'ן פעלד. נחמן'ס קבר

ע ז ר י א ל

וואו א בארג און וואו א טהאל ווּעסטו שוין קיין מאל נישט געפי־נען...

שטעלט זיך ביים וואנד, קוקט אין איין פונטעל אריין.

ש ל מ ה

נאר א דונער פון הימעל קען אייך אלעמען אוועקלעגען. כ׳וועל ווארטען ביז זומער, און וועל גאט בעטען, ער זאל א דונער אויף אייך אנשיקען.

ש ר ה

חייקעל, חייקעל!

ט ע ל צ ע

האלט איהם צו.

הער זיי ניט, הער זיי ניט. זאל זי זיצען דארט, די אלטע. דער־צעהל מיר א מעשה. דערצעהל מיר, וואס דו זעהסט אין די גאסען — ווּעמען זעהסטו דארט, הא? דו, חייקעל, ביזט נישט עלענד, דו זעהסט אלעמען — דערצעהל מיר, וואס האסטו היינט געזעהען אין גאס?

ח י י ם

זעצט זיך ווידער אויף דער ערד צייכענען.

גיה, חייקעל, ברענג חלה מיט א סך ראזינקעס, גיה זוך מיר אויף די מאמע מיינע.

ש ל מ ה

וואס האט מען מיר דאס קערבעל אונטער די נאז געשטעלט — דער ריח פון פרישען ברויט זאל מיר דאס הארץ פערברענען? נעמט צו! איהר נעמט צו. שליידערט מיט׳ן פוס אראב דאס קערבעל, די שטיקלעך ברויט צופליהען זיך אין אלע זייטען. נאר איין פוס איז מיר פערבליבען און מיט איהם וועל איך אלץ ארום מיך צו־שמעטערען!

ח י י ק ע ל

א שאד דאס ברויט, א שאד דאס ברויט.

ח י י ם

געה ברענג בעסערע ברויט. געה בעט, מען זאָל דיר געבען חלה מיט ראָזינקעס, געה.

ח י י ק ע ל

בלייבט שטעהן צוטומעלט, ניט וויסענדיג וואָס צו טהאָן.

ט ע ל צ ע

זאָג מיר, חייקעל, ווי זעהען אויס די מענשען אין גאס? כ'האָב שוין פערגעסען, ווי זיי זעהען אויס. זאָג, דו זעהסט עפּעס קליינינקע קינדערלעך אין גאָס, חייקעל?

ח י י ם

זאָג, חייקעל, אפשר זעהסטו מיין מאמען אין גאס? דו געהסט דאָך דעם גאנצען טאָג אום אין גאס — זאָג — איך האָב דאָך א מאמען.

ש ל מ ה

פאר וואָס בין איך אזוי פערשאָלטען געוואָרען? פאר וואָס האָט מען מיר ניט געלאָזען כאָטש די לינקע האנד — איינציגווייז וואָלט איך אייך די מחות צושלאָגען. — חייקעל!

ח י י ק ע ל

כאַפּט דאָס קערבעל און שטעלט עס שלמה'ן צופוסען.

אָט האָסטו דיר דאָס גאנצע קערבעל.

ע ז ר י א ל

פיהרט חייקלען צוריק צו דער וואנד.

שטעה אויף דיין אָרט און היט.

ש ל מ ה

שטיק פערד!! וואָס טויג מיר דאָס קערבעל, אז כ'האָב קיין הענד ניט? חייקעל! דו רייצט זיך אויך מיט מיר?!

ט ע ל צ ע

קריכט אַראָב פון געלעגער, נעמט חייקלען פאר'ן האַנד.

קום צו מיר, פאָלג זיי ניט. זייא דאָ, אָט הער, וואָס איך וועל דיר זאָגען.

איך דיר דאָס גאַנצע קערבעל געבראַכט, קלייב אוים.

ש ר ה

די פרישע און ווייכע שפּיר איך צווישען די פינגער. נאָר צו איז עס ווײם?

ש ל מ ה

פאַר וואָס האָסטו מיר נישט צוגערעקט, חייקעל? דעם שפּין האָסטו געלאָזען לעבען, ער פערציהט שוין ווידער א שפּינוועבס, חייקעל!

ח י י ק ע ל

דערלאַנגט שרה'ן חלה.

איך געה, איך געה אַט דאָס איז גוט פאַר דיר, ס'איז ווייך, אהן ציינער קענסטו עס עסען.

ע ז ר י א ל

נעמט אַרום חייקלען פריינדליך און שפּאַצירט מיט איהם אום.

צווישען איין בארג און דעם אנדערען ליגט א טאָל און צווישען איין טייך און דעם אנדערען ליגט די יבשה. איין טייך גיסט זיך אריין אין דעם אנדערען, און אלע — אין ים אריין. אדרבא, זאָל מיר ווער בעווייזען פערקעהרט. פערשטעהסט עס נישט? פיהרט חייק־לען צו אַ וואַנד. שטעה דאָ און היט. איך בעדאַרף נאָך געפינען דאָס שטיק יבשה צווישען דעם סמבטיון און דער מדינה פּרס. שטעה זשע און היט — ניט פון אָרט און איך וועל געהן עסען.

נעמט עטליכע שטיקלעך ברויט פון קערבעל ניט קלייבענדיג, קיוט, שפּאַצירענדיג פערטראַכטערהייט.

ש ל מ ה

מיך האָסטו פערגעסען, חייקעל! כ'וועל דאָס הארץ מחיה זיין, איך זאָל כח האָבען צו שילטען, חייקעל!

ח י י ק ע ל

באלד, באלד.

ע ז ר י א ל

שטעה אויף אַן אָרט.

ח י י ק ע ל

באַבע, זעה; איך האָב געבראַכט פון כל טוב פרישע חלה, ווייכע.

קריכט אַראָב פון געלעגער, די קלאַנגען פון אויבען ווערען שטיל.

ט ע ל צ ע

שוין נאָך דער מוזיק! גאַר קנאַפּ האָט זי היינט געשפּילט. ס'האָט ווער אָנגעשריען אויף איהר. מען האָט אויף איהר אָנגעשריען. האָט זי אויפגעהערט. הא, חייקעל! ביזט געקומען. ברויט מיט ראָזינקעס האָסטו געבראַכט?

זוכט אין קערבעל.

ח י י ם

געהט צום קערבעל.

א שאָד אזוי קנאַפּ געשפּילט היינט. מיט די ראָזינקעס איז מיינע.

זוכט אין קערבעל.

ש ל מ ה

פאַר וואָס, אז איך האָב אייך געררופען, האָט מיר קיינער ניט גע־הערט?!

ש ר ה

איך הער, אז חייקעל איז פאַרהאַן אין שטוב. גיט מיר ווער א שטי־קעל ווייכע פרישע ברויט.

ט ע ל צ ע

קלייבט אויס פאַר זיך עטליכע שטיקלעך ברויט, זיצט ביי זיך אויפ'ן געלעגער און קייט.

ח י י ם

בלייבט זיצען ביים קערבעל.

ש ר ה

חייקעל! איך הער אז דו ביזט דאָ אין שטוב — פאַר וואָס ענט־פערסטו נישט?

ח י י ק ע ל

שפּרינגט אַרונטער פון שלמה'ס געלעגער. טראָגט צו דער אַלטער דאָס גאַנצע קערבעל. איך בין געקומען, געוויס, געקומען. אַט האָב

חייקעל

שפּרינגט אַרויף צו שלמה׳ן אויפ׳ן גאַלעגער.

אט בין איך נעבען דיר — ווילסט חלה מיט ראָזינקעס?

שלמה

דו זעהסט דאָרט דעם שפּין? ער בעוועבט מיר דעם קאָפּ. נעהם א שטעקען און פּערטרייב איהם; צורייס אַלץ.

חייקעל

א שענער שפּינוועבס. אך ווי שען!

שלמה

בייז.

צורייס! צורייס!

חייקעל

אהן א שטעקען קען איך נישט. שטעלט זיך אויפ׳ן גאַלעגער און צורייסט מיט׳ן האַנד דעם שפּינוועבס. א שאָד, א שאָד אַזוי שען!

שלמה

און דעם שפּין האָסטו געכאַפּט?

חייקעל

ער איז אנטלאָפען געוואָרען.

שלמה

כאַפּ איהם, כאַפּ איהם און הרג׳ע! דו וועסט אַוועקגעהן און ער וועט זיך ווידער פאַר די ארבייט נעהמען. — כאַפּ איהם!

חייקעל

ער איז שוין אין ווינקעל אנטלאָפען.

שלמה

יאָג איהם נאָך מיט א שטעקען און הרג׳ע איהם. יאָג איהם נאָך.

שרה

וואַכט אויף.

חוה האָט נישט געוואָלט געהן נדבות בעטען. איך האָב זי נישט געשיקט. נהכין פלעגט שטענדיג זאָגען, אַז איך וועל ווערען א מענש.

ח י י ק ע ל

קומט אַריין. באָרפוס. טראָגט אַ קערבעל מיט שטיקלעך ברויט. שטעלט דאָס קערבעל אויף דער ערד. שפרינגט ארויף אויף אַ געלעגער. בעהאַלט זיינע פיס אונטער די פּאָלעס. עזריאל, טעלצע, חיים מערקען איהם ניט.

הא — הא — הא — ווי קאַלט! אַנווארעמען די פיס—פערגעסען זיי ארומצובינדען מיט שמאַטעס. אַ פולע קאָרב מיט אַל־דאָס־גוטס האָב איך געבראַכט. איך הער מוזיקע אַלע טאָג, אַלע טאָג הער איך מוזיקע, אַ סך מוזיקע.

ש ל מ ה

הא, חייקעל! ביזט געקומען... קום צו מיר, מיין אויסלעזער. כ׳האָב געמיינט, אַז איך געה שוין אוים ביז דו וועסט קומען. נישטאָ קיי־נער אויסער דיר, ווער עס זאָל מיך הערען... ווער זאָל פערשטעהן מיינע יסורים. — קום צו מיר, חייקעל!

ח י י ק ע ל

באַלד, באַלד. איך וועל נאָר אַנווארעמען די פיס.

ש ל מ ה

איך האָב נאָר איין פוס, איז ער מיר אויך איבריג. כ׳האָב זיך אויפ׳ן טוידט געבעטען. כ׳האָב זיך אויפ׳ן דונער געבעטען. קום צו מיר, חייקעל.

ח י י ק ע ל

נאָך אַ ביסעל. נאָר אַנווארעמען די פיס. סאיז היינט אַ גרויסער פראָסט אויפ׳ן גאַס. ביז די קניה שנע ליגט אין גאַס. קאַלט אין די פיס, כ׳וועל זיך נאָר אַנווארעמען. כלי־זמר הער איך אַלע מאָל אין גאַס און אויף חתונות. אויף חתונות שפּילען כלי־זמר און דער עולם טאַנצט.

ט ע ל צ ע

קוקט צו חייקלען מיט טיפען שמערצען אויפ׳ן געזיכט.

ש ל מ ה

חייקעל! חייקעל!

ש ל מ ה

מוזיקע, מוזיקע! אויף דעם האבען זיי אויערן — רוצחים! וואלד־גזלנים! א מענש געהט אוים פאר זייערע אויגען. א מענש געהט אוים...

ח י י ם

אז איך מאך צו די אויגען, זעה איך די קאמער, וואו מען שפילט. א שעהנער, א גרויסער, א הויכער חדר. דארטען שטעהען גרויסע טישען, רויטע און גרויסע, רויטע שטוהלען. א מענש שפילט: א קליין מיידעלע שפילט.

הערט זיך צו.

ט ע ל צ ע

דאס שפילט א קליין, בלייך מיידעלע, מיט דינע, דינע פינגער־לעך, אין די פינגערלעך איז ניטא קיין ביינדלעך.

הערט זיך צו. די קלאנגען גיסען זיך.

ע ז ר י א ל

אט האט איהר די גאנצע לאנדקארטע, אלע ימים, אלע טייכען... הויבט אויף זיין קאפ צום סופית מיט אן אפענעם מויל. הא, מוזיקע, דאס איז שוין איבער מיר, דארט העכער אויף די פערבארגענע וועל־טען. דארט געהט שוין ארוים פון מיין רשות...

בלייבט שטעהן מיט אנ׳אפענעם מויל — הערט זיך צו.

ש ל מ ה

בלאזט צום סופית.

אראב פון דארט — אראב! קיין אנדער עצה איז מיר ניט געבליבען. איך וועל זיך לעגען אויפ׳ן בויך — מיט׳ן פנים אראב, איך זאל גאר ניט קוקען, אניט וועט מיר די גאל מיינע פלאצען. באלד וועט ער מיר שוין פערשפינען דעם קאפ, זאל שוין א דונער אויס־ברעכען! איבערקעהרען דעם מויער מיט׳ן פונדאמענט — דעם מויער מיט די ווענד, אז עס זאל א שטיין אויף א שטיין נישט בלייבען... א ציגעל אויף א ציגעל זאל נישט בלייבען.

איך האָב שוין רעדען פאַרגעסען. ווענדט זיך צו חיים'ען. חיים'ל! טייערער, חיים'ל! וואָס דאַרפסטו דיין משוגע'נעם טאַטען? קום בעסער צו מיר, קום, מיר וועלען ביידע רעדען. וועסט נישט געפי־נען דיין מאַמען. אפילו ווען דו וועסט זי געהן זוכען. הינט האָבען זי אויפגעגעסען. — ס'אַגרויסער פראַסט אויף דער גאַס, זי איז פערפראָרען געוואָרען. איך בין שוין אַלט דרייסיג, פיערציג יאָהר. ...ענסט מיך רופען „מאַמע" און איך דיר „טייער קינד", „ליעב קינד", און אַז חייקעל וועט קומען, מיט דער קערבעל, וועל איך פאַר דיר אויסקלייבען די ווייסע חלה מיט ראָזשענקעס.

וואַרט אויף אַ תשובה.

ח י י ם

בעהאַלט זיין קאָפּ צווישען די קניה.

ט ע ל צ ע

דיין מאַמען האָבען וועלף אויפגעגעסען: דו האָסט גאַר קיין מאָל קיין מאַמען ניט געהאַט. דיין משוגע'נער טאַטע ווייס אויך ניט וואו זי איז...

פון דעם אויבערשטען שטאָק הערען זיך איינציגע קלאַנגען פון עפּעס אַ מעלאָדיע אויפ'ן פּיאַנאָ.

ח י י ם

שפּרינגט אַראָב פון הרובע.

די מוזיקע האָט זיך שוין אָנגעהויבען! איך הער ווי מען שפּילט!

ט ע ל צ ע

דער דינער פרעהליכער ניגון! דאָס שפּילט דאָס שעהנע בלייכע מיידעל, וואָס געהט פערביי יעדעס מאָל פאַר'ן קעלער. אפשר שפּילט דאָרט גאָר אַ קליינע מיידעלע? גאָר אַ קליינינקע, צעהן יאָהר אַלט... איך שפּיר, אַז גאָר קליינע דינע פינגערלעך שפּילען דאָרט. — מען בעדאַרף זיך אויפהויבען נעהענטער צו דער סטעליע. שטעלט זיך אויף דעם געלעגער, דעם קאָפּ געגנייגט צו דער סטעליע. דאָס איז דער פרעהליכער דינער ניגון. טריל — טריל — טריל... טריל — טריל טריל....

איהר טויב? אלע טויב... שרה!... טעלצע!... עזריאל! נאר ער
איז דאך משוגע... חיים!

ש ר ה

אז מען האט נחמן'ען אין קבר געלעגט, האט זיין צורה געלויכטען ווי לעבעדיג. אנאנדער קרענק פרעסט אין גאנצען אויף. אז כ'האב געזעהן, ווי מען דעקט צו זיין ליכטיגע צורה מיט שארבענס, איז מיר אין די אויגען פינסטער געווארען. כ'האב נישט געוויינט און די אויגען זענען מיר פינסטער געווארען. אפשר צוליעב דעם זענען זיי פינסטער געווארען. ס'מוז נאך הענגען דאס ווינגעלע אויפ'ן בוידעם. צוויי וויקעלשנורען זענען דארט געלעגען — איינער א רויטער און איינער א ווייסער. נאך איהם געוויקעלט. נחמן — ביז דער לעצטער מינוט האט ער נאך גערעדט. געוואוסט, ער שטארבט. זיין דבור קלאר. ביז דער לעצטער מינוט... אלץ געהט פערביי.

שאָקעלט מיט'ן קאָפּ ביז זי שלאָפט איין.

ע ז ר י א ל

פון איין שטערען צום אנדערען איז נישטא קיין וועג; פון דער זון צו דער לבנה איז אויך נישטא קיין וועג; פון דער ערד צום הימעל איז אויך נישטא קיין וועג. דאס בעווייזט, אז אלע זענען אליין אויף זייער וועלטעל. אין דעם איז קיין שום ספק נישטא. אדרבא, זאל מיר ווער ווייזען פערקעהרט. קוקט צו דער סטעליע. דארטען איז נאך גאר א פרעמדע וועלט. גאר פרעמד. דארט מוזען חיות אויך זיין. אדרבא, זאל מיר ווער בעווייזען פערקעהרט.

ט ע ל צ ע

קוקט אין שטיקעל שפּיעגעל־גלאָז.

דאס קען נאך אויסגעפיהרט ווערען; אין גיכען געמאלט זיין. ראשית דארף איך אנטלויפען פון קעלער אפילו נישט קומען מעהר צוריק... אבער ווי קלייבט מען זיך ארויס פון דאנען? אלע פרעמד; קיינעם קען איך נישט. איך האב שוין פארגעסען ווי צו רעדען מיט א מענשען. אז כ'וועל וועמען בעגעגענען אין גאס, וואס וועל איך איהם זאגען?... וואס וועט ער מיר זאגען?... קיינעם, קיינעם קען איך נישט.

מיר — וואו איז זי, וועל איך געהן צו איהר. איך בעדארף דיך נישט. איך וועל זי געהן זוכען. איך וועל געהן פון שטאָדט צו שטאָדט אין אלע הייזער. זאג, טאטע, ווי רופט מען די מאמען? ווי האט זי אויסגעזעהן זאג, טאטע!

ט ע ל צ ע

לאכט.

איך וועל נאך, איך וועל נאך. דרייסיג יאהר אלט. פיערציג יאהר. דריקט איהר ברוסט מיט ביידע הענד. כ'וואלט דא האבען א קליינ־טשיגעס קינד, א ווארעמענקעס, א רויטענקעס... כ'וואלט עס גלע־טען. אט דא וואלט איך עס האלטען.. דריקען, דריקען.

ח י י ם

קוקט זי אָן פון ווייטען.

ט ע ל צ ע

ביינאכט אויפ'ן געלעגער, אריבערדעקען זיך מיט איהם אונטער די שמאטעס, דריקען צום הארצען, און ער מיט די הענדטעלעך גרא־בעלט, זוכט, גראבעלט. דאס לייב, די ברוסט. ארום איז פינסטער, פינסטער, איך זעה גארנישט, נאר איך פיהל ווי ער גראבעלט, גרא־בעלט.

ש ל מ ה

חיימ'ל, שעהנער, קינד! קום צו מיר. טייער קינד, קום צו מיר.

ח י י ם

קריכט אַרויף צו דער אַלטער אויף דער הרובע. זי בעמערקט נישט.

ש ל מ ה

מיט די ציינער וועל איך זיך דאס לייב בייסען... דעמבעס רייסט דער שטורם־ווינד אויס אין וואלד — דעמבעס מיט דער ערד אינ־איינעם קעהרט ער אויס; שטעדט ברעכט דער דונער איין. מיין פוס! שניידט מיר אב מיין פוס! שניידט מיר אב דעם קאָפּ! שניידט מיך אויף שטיקער! פאר וואס שווייגט איהר? רוצחים! מערדער! א דונער פון גאט זאל אייך אלע מיט אמאל איינברעכען! מאכט מיר דעם טוידט, אדער הערט מיין בעטען. אפשר זענט

טעלצע

געהט צוריק אויף איהר געלעגער.

פויל, פויל, פויל.

שרה

וואכט אויף, רייבט די אויגען, קוקט זיך ארום.

נחמן פלעגט מיר שטענדיג טרייסטען, שטענדיג טרייסטען. גענעצט. ניט דאגה, מאמע. אז כ'וועל אם ירצה השם אויסוואקסען... א טייער קינד געוועזן בתיה, א ליעב קינד. געבארען געווארען א ליעב קינד. נחמן איז קליגער געוועזן. געזאלט א רב זיין, אלע האבען עס געזאגט. קא־קאלט!... סאיז שוין נאכט? מיינע אויגען זענען מיר פינסטער? חייקעל? אה, חייקעל? נישטא? שאקעלט מיט'ן קאפ. אלץ געהט פערביי, אלץ פערביי. זיי פוילען אין דער ערד; אלע אין דער ערד. אלץ פערביי, אלץ פערביי.

דרעמעלט איין.

חיים

ווען כ'וואלט קענען ארויף אויף דעם אויבערשטען שטאק, זעהן, ווי דארט איז אלע קאמערן, — די טישען, די בענק, דארט וואו מען שפילט. איז מסתמא א גרויסע קאמער. דארטען זיצט דאס קליינע מיידעל, זי שפילט. איהר מאמע זיצט נעבען איהר און גלעט איהר קאפ. צו עזריאל'ן. הער, טאטע!

עזריאל

מערקט איהם ניט.

חיים

שלעפט איהם פאר'ן ארבעל.

הער, טאטע! זאג מיר — קוק מיר נאר גלייך אין פנים אריין. ביזט דאך מיין טאטע, פאר וואס ווילסטו מיר אין פנים נישט קוקען?

עזריאל

ווארפט צו איהם א טעמפען בליק.

חיים

אלע טאג פרעג איך דיר, זאלסט מיר זאגען וואו די מאמע איז. זאג

דאַס האַרץ מיינס, נעהם! שטעקט אַרויס פון אונטער'ן צודעק זיין געזונדען פוס און בעטראַכט. דאַס איז מיר נעבליבען... און וועלכער ערד פוילט דיין פאַר? אוואו ערגעץ פוילען מיינע הענד? וואַלטען זיי מיר איין האַנד געלאַזען — כאַטש נאַר די לינקע האַנד. דאַס מויל האָבען זיי מיר געלאַזען. עסען און שילטען. איך בין הונגעריג — שילטען וועל איך! וועמען זאָל איך שילטען? טרייבט וועג דעם שפּין אַראַב! דער שפּין איבער'ן קאָפּ!

טעלצע

גערהט ווידער אַראַב פון געלעגער און שפּאַצירט אום.

עפּעס אַ פוילקייט האָט זיך מיר אין אַלע מיינע ביינער איינגע־געסען. בעקוקט איהרע הענד. בלויז איז דאָרט אנשטאָט די ביי־נער.

עזריאל

בעוויזט אויפ'ן וואַנד.

אדרבא, זאָל מיר ווער בעוויזען פערקעהרט! פאַסקעס און פינטלעך. פאַסקעס דאָס בעוויזט אויף די טייכען, און פינטלעך — מיינט מען די אינזלען — די מדינות. אָט האָט איהר די גאַנצע לאַנדקאַרטע! איצט לאָז איך זיך צום סמבטיון און דערנאָך צום בארג אררט און גלייך קיין פּרס...

טעלצע

קוקט אָן עזריאל'ן. שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

שלמה

וואָלט זיך דער מויער איין מאָל פאַר אַלע מאָל איינברעכען און אַלע־מען צורייבען, צומאָלען! וואָלט אַ דונער פון הימעל אַראָבפּאַלען און צוזעצען די ווענד מיט אונז איננאייינעם! פיער חדשים צו זומער נאָך געבליבען. איך וועל דאָ ליגען. זאָגט, וועלכער חודש איז היינט? פאַר וואָס שווייגט איהר, אַז איך רוף? ס'פּלאַצט מיר די גאָל — פאַר וואָס הערט איהר נישט?! חייקעל! פאַר וואָס איז נאָך חייקעל נישטאָ?! דעם שפּין טרייבט אַוועק איבער'ן קאָפּ.

מומע, זאג וויפיעל איז צעהן מאל צעהן, הא?

קריגט קיין ענטפער. רעכענט אויף די פינגער.

ט ע ל צ ע

פאר וואס שפילט מען נישט דארט אויבען? טראכט א ווײלע. פאר וואס זיצען זיי דארט אויבען און איך אונטען? פאר וואס? ווער האט מיך אהער ארײנגעזעצט? פאר וואס קען איך נישט ארויס־געהן פון דאנען?... איך בין אין גאנצען פיערציג יאהר... דרייסיג... פיערציג יאהר אלט. טאפט איהר געזיכט. קנייטשען, קנייטשען. געפינט אונטער׳ן צוקאפענס א שטיקעל שפיגעל־גלאז, קוקט זיך איין אין דעם. יעדען טאג א קנייטשעלע; יעדען טאג קומט צו א קנייטשע־לע. דער שטערן דורך אין קנייטשען. די באקען... שפרינגט ענערגיש אראב פון געלעגער. ווענדט זיך צו דער אלטער. באבע, זאג: פאר וואס בין איך דא פערשפארט? וואלט מען שוין אנהויבען שפילען דארט אויבען... הא! כ׳וואלט וועלען הערען דעם פרעהליכען, דינעם ניגון. ווי רופט מען איהם? ווען איך וואלט זעהן וועמען פון אויבען וואלט איך פרעגען ווי דער ניגון רופט זיך. אז איך וועל האבען חתונה... וועט מען יעמאלט שפיעלען?

זעצט זיך ווידער אויפ׳ן געלעגער. שטארק פערטראכט.

ח י י ם

שפרינגט אויף מיט שמחה.

צען מאל צען איז הונדערט, גאנצע הונדערט! הונדערט קאמערן ווע־לען זיין אין מיין שטוב. איצטער דעם קעלער מיט א שטאל.

נעמט זיך ווידער פאר׳ן צייכענען.

ש ל מ ה

ברעכט אויס מיט א ביטערען געלעכטער.

חא־חא־חא. דאקטוירים! דאקטוירים אהן קעפ, אהן מחות. וואו איז זייער שכל, זייער פערשטאנד? ביידע הענד מיט איין פוס האבען זיי מיר אבגעשניטען — כ׳וואלט זיי אלץ מוחל געווען. דעם קאפ, דאס הארץ פאר וואס האבען זיי נישט אבגעשניטען?! וואס קען א מענש מאכען נאר מיט איין פוס? טאטע, פאטער אין הימעל! נעהם

די וועגד און דער סטעליע איז סתם אזוי — אַ טעות! אַ גרויסער טעות. אַלצדינג האַט זיין בעדייט, אַלץ האַט אַ ציעל. אדרבא זאַל מיר ווער אויפּווייזען פּערקעהרט... אין די אויגען איז מיר פינסטער, איך זעה נישט, וואַס דאָרט העכער טהוט זיך איבער מיר. קוקט צום סופיט. דאָרט איז גאַר אַנ׳אנדער וועלט. אַ סך וועלטען איז פאַראַן און אַלץ איינע אַנדערש ווי די אַנדערע. קיין זאַך איז ניט גערעטען אין דער אַנדערער. אַט זעהט די פינטלעך און די פּאַסקעס, אַט האַט איהר גרויסע און קליינע, גלייכע און קרומע; די קאַליארען אויך אַנדערע. ווענדט זיך צו די הויזלייט. וואַס זאַגט איהר אויף די לאַנגע שורה, וואַס ציהט זיך לינקס?

פערטראַכט זיך.

ט ע ל צ ע

קריכט אַראָב פון געלעגער און שפּאַצירט אום אַפּאַטיש.

נחמן געוועזן אַ נאַר; בתיה געוועזן אַ נאַר. אַ מענש אליין, עלענד. וואַס קען מאכען אַ מענש אליין? נישטאָ קיין חשק אראַבצוגעהן פון געלעגער. ווענדט זיך צו דער אַלטער. באַבע! זאַג, ווי האַט די מאמע אויסגעזעהען פאַר׳ן טוידט? אַלע זענען אויסגעשטאַרבען; פאר וואַס האָבען זיי מיך געלאַזען, זאַג? געהט צוריק אויפ׳ן געלעגער. כ׳וועל רעדען, אין גאנצען פערגעסען. פערגעסען מיין נאַמען. עסען, עסען. וואו איז חייקעל? פאר וואַס איז ער נאַך ניטאָ?

ח י י ם

מיט שמחה.

צעהן קאמערען אויף יעדען שטאָק! און אין גאַנצען וועלען זיין — און אין גאַנצען וועלען זיין... ווענדט זיך צו עזריאל׳ן. צעהן מאַל צעהן פיעל איז, טאַטע?

ע ז ר י א ל

קוקט איהם אָן פערוואונדערט.

אדרבא, זאַל מיר ווער אויפווייזען פערקעהרט...

ח י י ם

צו טעלצען.

וועל איך האבען אזא מויער. איצטער דארף מען צוטיילען די קאַ־
מערן...

נעמט זיך ווידער פאר'ן צייכנען.

ש ל מ ה

א שטורם, אז גאָט שיקט אַן — אַ שטורם אין וואלד — בוימער מיט
דיווארצלען פאלען. דעמבעס קענען דעם שטורם ניט בייקומען;
די ערד אליין קען דעם שטורם ניט בייקומען. דעמבעס מיט דער
ערד אין איינעם קערען זיך אויס. און איך, אהן הענד. איין פוס —
נאר איין פוס איז מיר פערבליבען און ס'איז גאר קיין סוף ניטא.
חיים, טרייב אראָב דעם שפין! איך זעה שוין באלד די שיין ניט.
חיים!

ע ז ר י א ל

שפּאַצירט זיך דורך הין און צוריק. קוקט יעדער'ן אָן מיט חשד.
קוקט אַ לאַנגע צייט צו חיים'ס אַרבייט. חיים מערקט איהם ניט.

ש ר ה

עפענט די אויגען. טרייסעלט זיך אויף. גענעצט זיך אויס.
רעדט צו זיך אַליין.

זודיגע וואסער, הא — זודיגע וואסער, א שטיקעלע שמאלץ מיט עט־
ליכע סקארענקעס. א קוויקעניש. נישטא קיין ציינער אין מויל.
וואס קען מען מאכען אהן ציינער, וואס? טראַכט אַ ווילע. אז
כ'האב געבארען בתיה'ן, איז מיר ארויסגעפאלען דער ערשטער צאהן
פון מויל; אז כ'האב געבארען חוהן, איז ארויסגעפאלען דער אנדע־
רער; און אז כ'האב געבארען נחמנ'ען, האב איך אנגעווארען דריי
ציינער מיט א מאל... דערנאך זענען זיי שוין געפאלען, געפאלען
ביז איינעם. דאס מויל איז גאנצען לעדיג געבליבען... טאַפּט מיט
די פינגער אין מויל. לעדיג, לעדיג, אלץ געהט פערביי... געהט פערביי.

שאָקעלט מיט'ן קאָפּ ביז זי דרעמעלט איין.

ע ז ר י א ל

שטעלט זיך ביי אַ וואַנד און פיהרט איבער איהר מיט'ן פינגער.
איהר מיינט, אז די פינטלעך מיט די פאסקעס און די פלעקען אויף

אַ קעלער־װאױנונג עהנליך צו אַ היול. דער סופיט שװאַרץ און געװעלבט, לאָזט זיך האַלברונד אַראָב ביז צו די פענסטער. די װענד שמוציג. קײן מעבעל איז נישטאָ, נאָר אין אײניגע ערטער ליגען אױף שטיקער האָלץ ברעטער און אױף זײ בערג שמאַטעס, װאָס דיענען פאַר אַ געלעגער. אין אַ װאַנט צװײ קלײנע פענסטערלעך. אַ הרובע אין אַ װינקעל. װינטער. אַרום האלבען טאָג.

ש ל מ ה ליגט אױף אַ געלעגער צוגעדעקט מיט שמאַטעס.
ש ר ה זיצט אױף דער הרובע, די פיס אונטער זיך. דרעמעלט.
ע ז ר י א ל שטעהט בײם װאַנד און קוקט אין אײן פינטעל אַרײן
ט ע ל צ ע ליגט אױף אַ געלעגער.
ח י י ם זיצט אױף דער ערד און צײכענט װאָס אױף אַ פּאַפּיר.

ע ז ר י א ל

הא — הא, דערגאַנגענע דעם סוד! דערגאַנגען — אדרבא, זאָל מיר װער װײזען פערקעהרט. פיהרט מיט די פינגער איבער׳ן װאַנד. דאַ האַט איהר אײן שורה רעכטס און דאַ פערנעהמט זי זיך לינקס. און װײטער רעכטס און װידער לינקס — געװיס; דאַרטען איז דער סמבטיון! קום חיים׳ל, זאג: װיפיעל פינטלעך און װיפיעל פאַס־קעס זעהסטו דאַ אױפ׳ן װאַנד?

פערקוקט זיך אױף אײן פינטעל.

ש ל מ ה

קוקט צום סופיט, רעדט צו זיך.

ער בעװעבט מיר מײן קאָפּ!... חיים׳ל! נעהם אַ שטעקען און טרײב אַראָב דעם שפּין איבער׳ן קאָפּ. דעם שפּינװעבס... איבער׳ן קאָפּ חיים׳ל!

ח י י ם

שפּרינגט אױף מיט שמחה. קוקט אױפ׳ן פּאַפּיער.

אַ, ס׳אַרא גרױסער מױער! צעהן יאָהר אינגאַנצען אַלט, כ׳האָב נאָך ניט קײן שיך. נאָך אײן צעהן יאָהר אַרום, כ׳װעל זײן אַ גרױסער,

## פערזאָנען:

שלמה

שרה

טעלצע, איהר אייניקעל

עזריאל

חיים, זיין אינגעל

חיקעל

# אײנזאַמע װעלטען

1905

אף וואס מיר זענען זענען מיר, אבער אידען זענען מיר...

ר י י צ ע  י ע נ ט ע

ער ווייסט נישט פון וואס צו זאגען.

ז י י ד ע

גיב א האנט, אלטער ביינדיש, ביזט דאך א חתן!

כ ל א ו ו נ ע

טא וואס זשע שוויגט איהר... שרייט זשע מזל טוב! —

עס ווערט א געשריי „מזל טוב“. מען ברעכט כלים. אלע זינגען „וואס מיר זענען זענען מיר.“ שפרינצע צירעל טאנצט נאך אלץ אויפ'ן טיש.

מ כ ל ה ש ר ה

אוי ווע איז מיר, מזל טוב, מזל טוב אייך, כלאוונע.

א ל ט ע ר ב י י נ י ש

איך בין געקומען רייטענדיג. מען וועט קענען מיין פערד צושפאנען צום ארטשיק; ווי ס'איז זיך ארויסשלעפען פון שנע.

כ ל א ו ו נ ע

פאר וואס האסטו דער מאמען נישט געבראכט?

א ל ט ע ר ב י י נ י ש

איך זאג דאך דיר, די מאמע האט געהאט א אינגעל.

כ ל א ו ו נ ע

ווער, שפרה? מיין ווייב? מיין כשר'ע אידענע? טא וואס זשע שווייגט איהר, אידען? שמערע, מחותן, וואס מיר זענען זענען מיר, אבער אידען זענען מיר... קום אהער, זוהן! וואו איז זי... די כלה?

זוכט.

א ל ט ע ר ב י י נ י ש

וועמען זוכסטו, טאטע?

כ ל א ו ו נ ע

לאזט זיך אראפ אויף דרערד, פאטשט מיט די הענט פאר תענוג.

איי, שמערע, אנ'איידעם וועסטו האבען. איי, א שנור וועל איך האבען! טאנצט זשע אידעלאך, טאנצט זשע קינדערלאך...

דער עולם נעהמט זיך ביי די הענט און טאנצט ארום כלאוונען.

ש פ ר י נ צ ע צ י ר ע ל

קלייבט זיך ארויף אויפ'ן טיש און טאנצט.

ר י י צ ע י ע נ ט ע

דיין כלה איז דאך עס, אלטער ביינישׂ!

כ ל א ו ו נ ע

מיין זון, מיין קדיש. אויפ'ן טיש קריך ארויף, טאנץ מיט דיין כלה.

ש מ ע ר ע

קושט אלטער ביינישׂ.

אורטשע

קום, שמערע, איך געה אויך מיט דיר...

וויל זיך אַרויפקלייבען אויפ'ן טיש און קען נישט.

מכלה שרה

גאָט איז מיט אייך, איהר ועט זיך נאָך חלילה ממית'ן.

כלאָונע

לאָזט זיך אַריין מיט אויסגעשפּרייטע הענט ווי אויף פליגעל. אויסגעטונקט אין שנע. קוקט אַרום דעם עולם.

אַט זענען זיי דאָך! כא — כא — כא — שטעהט אויף, אידען! ביי מיר איז א שמחה, ביי מיר איז אַ שמחה... העלפט מיר טאַנ־צען, העלפט מיר שפּרינגען... אַט אזוי...

מכלה שרה

איהר וועט איינוואַרפען דעם באַלקען אזוי טאַנצענדיג.

כלאָונע

אידען שפּאַרט אונטער דעם באַלקען! איך וויל זינגען, איך וויל שפּרינגען.

טאַנצט אַזש די גאַנצע שטוב ציטערט.

אלטער ביינוש

קומט אַריין. זעהט אויס ווי אַ זייל שנע. דער עולם צעלאַכט זיך אויפ'ן הויכען קול.

כלאָונע

מיין זון, מיין קדיש! זינגט זשע, אידעלאַך. וואָס מיר זענען זענען מיר...

פעלטע פייגעל

אַלטער, דו ביזט געוואָרען אַ חתן!

מכלה שרה

וואָס מאַכט די מאַמע?

אלטער ביינוש

די מאַמע האָט געהאַט אַ אינגעל. קום אַ היים, טאַטע.

עס ווערט אַ געשריי „מזל טוב כלאָונע“.

א ו ר ט ש ע

**איך זאָג איהם, ס'איז מיינער און ער יאָגט איהם נאָך.**

ש מ ע ר ע

זעצט זיך אַנידער און האַלב איינגעשלאָפען זינגט ער.

אָך, וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער אידען זענען מיר.

ו ו א ו ו ע

זינגט, זיידעשו, אי ווע ס'איז מיר גוט; אי ווע ס'איז א נחת. — כאטשע בער, דו שלאָפסט? שטעה אויף דיין זון איז דאָך א חתן געוואָרען. אורטשע דו שלאָפסט אויך? — קומט לאָמיר זינגען לאָמיר שפּרינגען.

ש מ ע ר ע

וואו איז מיין מחותן, כלאוונע? כ'וועל איהם געהן זוכען.

לאָזט זיך צום טיר.

ש פּ ר י נ צ ע צ י ר ע ל

בלייב אין שטוב טאטע.

מ כ ל ה ש ר ה

לאָזט איהם נישט ארוים.

ש מ ע ר ע

לאָזט מיר ווייבער. כ'וועל געהן מיין מחותן זוכען. כלאוונע, וואו ביזטו? קומט, אידען, לאָמיר איהם געהן זוכען.

מ כ ל ה ש ר ה

אַט בעסער לעגט זיך צו. איהר האָט דאָך שוין נישט קיין כח צו שטעהן אויף די פים.

ש מ ע ר ע

אַך, וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער אידען זענען מיר... טאטע רבונו של עולם — איי ס'איז מיר וואויל, — לאָזט מיר אויפ'ן טיש. כ'וויל טאנצען. גיב א האנט, טאָכטער...

ר י י צ ע י ע נ ט ע

טהוט עס נישט. איהר וועט נאָך חלילה אראָפּפאלען. לאָז איהם נישט שפּרינצעלע, מיין קינד, ער וועט אראָפּפאלען.

שפרינצע צירעל

אונזער באראן איז אזא קלוגער, פונקט ווי א מענש איז ער קלוג. אנומעלט זאגט צו מיר דער טאטע: געה שפרינצע, טרייב איהם אריין אין שטאל און פארשטעל דעם טויער. נעהם איך א ריטעל און וויל געהן צו איהם, טוט ער א קאפיע מיט די הערנער און אנטלויפט אויף דער לאנקע. אזוי ווי א מענש איז ער קלוג!

פעסעלע

איהר זעהט דער זיידע ליגט אין שנע. קומט לאמיר איהם אויפהויבען. קום, צירעלע!

כאפט צירעלען ביים האנט. לויפען ארויס.

רייצע יענטע

אלט איז נישט יונג. אנ'איבריג גלעזעל גענומען קען ער זיך שוין נישט איינהאלטען אויף די פיס.

די צוויי מיידלאך פיהרען אונטער די הענט דעם אלטען.

יואל חיים

האלט זיך קוים אויף די פיס. זינגט.

דים, דים, דיי דאים...

רייצע יענטע

נאכסאל, שווער לעבען, האט איהר בעדארפט ארויסגעהן אין אזא זאווערוכע?

יואל חיים

וואו זענען מיינע קינדער, מיינע איניקלעך?

פעסעלע

זיי זענען אלע אין גארטען; זיי יאגען זיך נאך איהם.

מיט געזאנג לאזען זיך אריין אלע מענער, אויסער כלאוונע. פאלען פון די פיס.

מכלה שרה

וואו איז כלאוונע?

שמערע

האט זיך אוועקגעיאגט נאך איהם.

מען זעהט קיינעם נישט.

ו ו א ו ו ע

קום אורטשע, כ׳בין א בעלן צו זעהן וואס דארט איז אזעלכעס.

כ ל א ו ו נ ע

קומט, אידען, לאמיר איהם כאפען און בינדען.

י ו א ל ח י י ם

נעהמט מיט די בייטש. כ׳בין א בעלן צו געהן.

אלע מענער געהען ארויס. די ווייבער בלייבען קוקען אין פענס־טער.

ש פ ר י נ צ ע צ י ר ע ל

ער איז אנטלאפען געווארען.

ר י י צ ע י ע נ ט ע

ס׳איז נישט רעכט, מיין קינד, דו זאלסט שטעהן נעבען פענסטער.

פ ע ל ט ע פ י י ג ע ל ע

זיי יאגען איהם נאך.

מ כ ל ה ש ר ה

געה דו אויך אוועק פון פענסטער.

ר י י צ ע י ע נ ט ע

האבען זיך קיין עין הרע אנגעשנעבעט. זאלען זיי דארט חלילה נאר נישט בלייבען אין שנע.

פ ע ל ט ע פ י י ג ע ל

קוקט, קוקט, ווי זיי יאגען איהם נאך. אוי, דער זיידע איז געפא־לען אין שנע!

מ כ ל ה ש ר ה

מען האט דעם חתן נישט בעדארפט לאזען געהן.

ש פ ר י נ צ ע צ י ר ע ל

שרייט דורך דער צובראכענער שויב.

זיידע, זיידע, קום אריין!

ר י י צ ע י ע נ ט ע

געה אוועק מיין קינד פון פענסטער. וועסט זיך נאך פערקיהלען.

א ו ר ט ש ע

מיין באראן! מיט די הערנער אויסגעשלאָגען.

מ כ ל ה ש ר ה

מען האָט געלאָזט אָפען די שטאַל איז ער נאָכגעלאָפען.

כ ל א ו ו נ ע

שאַט, אידען, דאָס האָט ער מיר דעם פערד איבערגעשראָקען.

ש מ ע ר ע

ער האָט מיין פערד אויך איבערגעשראָקען, כא — כא — כא.

א ו ר ט ש ע

מיט געוואַלד איהם אין שטאַל אריינגעפיהרט. צו דיר, כאַטשע שמחה אין שטאַל אריין.

ר י י צ ע י ע נ ט ע

איז עס טאַקע אייער באַראן?

א ו ר ט ש ע

כא — כא — כא — אידענע!

מ כ ל ה ש ר ה

וויל נישט בלייבען אין שטאַל אליין אָהן דעם פערד.

ר י י צ ע י ע נ ט ע

טאָ ווי קומט ער צום פענסטער?

ש מ ע ר ע

האָט געהערט אידען זענען זיך משמח.

א קלאַפּ אין פענסטער. אַ שויב צעבראָכען.

ו ו א ו ו ע

כ'האָב געזאָגט מען באַדאַרף דעם טויער פערשפּאַרען.

ז י י ד ע

ער בעט זיך אין שטוב אריין.

מ כ ל ה ש ר ה

געה, חתן, אַוועק פון פענסטער.

פ ע ס ע ל ע

קוקט אין פענסטער.

דרעען דאס פעסעל און מעלקען די בהמה, אז מען וועט בעדארפען.

ש פ ר י נ צ ע   צ י ר ע ל

וואס זאגסטו פעלטע פייגעלע, ס'איז גוט צו זיין א כלה?

ז י י ד ע

ווער א כלה, צירעל, וועט מעןביידע חתונות פראווען אין איין וואך.

י ו א ל   ח י י ם

וואס האט די גאנצע צייט געדרעמעלט רייבט די אויגען און הייבט אן זינגען.

איי דים, דים — דים — דים, אוי דוי, דים — דים — דאים.

ש מ ע ר ע

לעבען זאל רב יואל חיים!

כ ל א ו ו נ ע

מחותן, שמערע! גיב מיר אהער דיין האנט. קומט אידען לאמיר פאהרען צו מיר. זאל מיין אידענע וויסען, אז איהר זוהן איז גע־ווארען א חתן.

כ א ט ש ע   ש מ ח ה

זאל זי מאקי וויסען, דיין אידענע.

כ ל א ו ו נ ע

נישט געקענט זי מיטנעהמען, א אידענע, האט זיך פארריבען. זאל זי וויסען.

ש מ ע ר ע

איך וועל איהם דעם חתן אנדרעען פאר'ן אויער. קומט אידען לאמיר פאהרען. און דו, טאכטער מיינע, צירעל שפרינצע אדער שפרינצע צירעל א דאגה, אידען, איהרע צוויי באבעס כשר'ע ווייבער געוועזן.

וואווע און אורטשע קומען אריין, לאכען אויפ'ן הויכען קול.

ש מ ע ר ע

קומט אריין אידען!

ו ו א ו ו ע

ווייסט איהר ווער ס'האט די שויב אויסגעשלאגען?

א ו ר ט ש ע

קום אַרויס ווערן מיר זעהן ווער עס איז דאָרטען. דאכט מיר ס'איז נישט דעם פערד'ס מלאכה.

ו ו א ו ו ע

קום אורטשע!

געהען ביידע אַרויס.

כ ל א ו ו נ ע

וואָס מיר זענען זענען מיר... געפעלט דיר, שמערע, מיין זון? האָס־טו איהם! — און דו טאָכטער, געפעלט דיר מיין יונגאטש, האָס־טו איהם. איך גיב איהם, שמערע, איבער אין דיינע הענט. לעה־רען איהם צו האלטען א בייטש אין דער האנט, און שבת זאָל ער ביי דיר זיין א איד — זינגט זשע אידעלאך אצים דריצעם אַי, אַי, אַי... און דו, פעסעלע, האָסט האָלד מיין קלענערען יונגאטש, ער בעדאַרף נאָך וואקסען, דו בעדארפסט נאָך וואקסען. וואָס זאָגסטו כאטשע שמחה?

כ א ט ש ע ש מ ח ה

מסכים!

ש מ ע ר ע

ער האָט א וואויל קעפעל.

ר י י צ ע י ע נ ט ע

מיין קינד קען נאָך ווארטען.

ש מ ע ר ע

כאטשע שמחה וועט פעסעלען געבען נדן אויך.

כ ל א ו ו נ ע

טא, טאנץ זשע, צירעלע, מיין שנור! קום אהער, כלאוונע רופט דיך. ווילסט זיין מיין שנור? צו מיר אויף קעסט. וועסט דאָס פוטער־פעסיל ביי מיר נישט בעדארפען דרעען און די בהמה מעל־קען אויך נישט.

מ כ ל ה ש ר ה

די מאמע האָט זי נישט געלעהרענט צו זיין א פריצטע. זי וועט

ש מ ע ר ע

פארקאשערט די פאלעס און טאנצט גרינג צווישען די גלעזלאך אנטקעגען דער טאכטער. זינגט.

איי, אידעלאך טייערע, וואס מיר זענען זענען מיר, אבער אידען זענען מיר...

כ ל א ו ו נ ע

וואווע, סערדצע, כאפ זיך אריין אין מיין שליטען און ברענג מיר מיין משפחה אהער. כ׳וויל, אז שמחה׳ס זאל זיין... שמערע! מיין זוהן נעהמט דיין טאכטער ווי זי שטעהט און געהט! אידען, זייט עדות, אז כלאוונע גיט אפ זיין זוהן פאר שמערעס טאכטער. אהן נדן, אהן... איי, וואס מיר זענען זענען מיר... זינגט זשע, אידע־לאך, אצים דריצעם, אי, אי, אי...

שמערע און שפרינצע שפרינגען ארונטער פון טיש.

כ ל א ו ו נ ע

נעהמט ארום שמערען.

הערט אידען, כ׳האב געהאט פאריבעל אויף שמערען. געהאט באנ־איהם אנ׳עולה. געוואלט ווארטען ביזקעל יום־כפור און כ׳בין עס איהם מוחל! כ׳בין דיר מוחל, שמערע. אך, וואס מיר זענען זענען מיר, אבער אידען זענען מיר.

א קלאפ אין פענסטער פון דרויסען, ברעכט אויס א שויב.

ר י י צ ע י ע נ ט ע

אוי, ווי דער ווינט פייפט.

מ כ ל ה ש ר ה

פארשטאפט די שויב גיכער, מיט א שמאטע.

ו ו א ו ע

ס׳האט מיין פערד אויסגעשלאגען. בעט זיך אין שטוב אריין. כ׳וועל געהן וועל איך אלע בייזע חלומות צו איהם אויסלאזען.

כ א ט ש ע ש מ ח ה

פיהר איהם אהינטער הינטער דער שטאל דארט רייסט נישט דער ווינט אזוי שטארק.

ש מ ע ר ע

וואס דאגה׳סטו, טאכטער מיינע, וועסט קריגען א חתן. זינגט זשע אידעלאך: וואס מיר זענען זענען מיר, אבער גאט דינען מיר. אוי, אוי, אוי, ס׳איז מיר גוט, ס׳איז מיר וואויל, אוי, אוי, ס׳איז א נחת, בעווייז׳זשע טאכטער ווי דו וועסט טאנצען אויפ׳ן טיש.

כ א ט ש ע ש מ ח ה

בעווייז וואס דו קענסט, שפרינצע צירעל.

מ ל כ ה ש ר ה

נו, שפרינצעלע, בעווייז וואס דו קענסט!

ו ו א ו ו ע

שווייגט ווייבער! איי ווע אידען, ס׳איז מיר גוט!

ר י י צ ע י ע נ ט ע

ווער עס טאנצט אויף פרעמדע שמחה׳ס דער וועט דערלעבען צו טאנצען אויף אייגענע שמחה׳ס... אוי מאמעלאך, שמערע געהט טאקע טאנצען אויפ׳ן טיש. לאזט, כ׳וועל די גלעזלאך אראפנעהמען.

ש מ ע ר ע

כא, כא, כא, אידענע! גיס אן די גלעזלאך פול ביז די ראנדען און איך וועל טאנצען צווישען זיי. ער ווארפט אראפ די שטיוועל און אין די זאקען קלייבט ער זיך ארויף אויפ׳ן טיש. שרייט. נו, זינגט זשע מיר אידעלאך: אוי וואס מיר זענען זענען מיר, אבער אידען זענען מיר; וואס מיר זענען זענען מיר, אבער גאט דינען מיר... קום ארויף, טאכטער מיינע, העלף דעם טאטען טאנצען ביי א אידען אויף א שמחה.

כ ל א ו ו נ ע

נו, שפרינצע צירעלע, געה אויפ׳ן טיש, דער טאטע רופט... בעווייז וואס דו קענסט!

ש פ ר י נ צ ע צ י ר ע ל

ווארפט אראפ די שיך און שפרינגט ארויף אויפ׳ן טיש, טאנצט אנטקעגען טאטען.

פון דער בהמה, כ'מיין אַז מיין אַלטער ביניש האָט געהאַט אַנ־
אויג אויף אורטשעס טאָכטער און איך אויך; נאָר איך פאַרגין
דיר. אידען זייט עדות, איך זאָג, אַז איך ווינש די קינדער מזל
און גליק.

ש מ ע ר ע

און מיט מיר שטעהט דיר גאָר נישט אָן צו משדך זיין? טאָ זינגט
זשע אידעלאַך וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער אידען זענען מיר...

כ א ט ש ע  ש מ ח ה

וואָס איז דאָ פאַרהאַן צו רעדען? איך זאָג אויך, אַז כלאַוונעס קדיש
איז אַ וואוילער יונגאַטש.

כ ל א ו ו נ ע

שאַט אידען, כ'וועל גאָר נעהמען פּעסלען פאַר אַ שנור.

ר י י צ ע  י ע נ ט ע

קושט פּעסלען.

ביי מיין קינד איז נאָך די מילך אויף די ליפּען.

כ ל א ו ו נ ע

וואָס זאָגט איהר, רב יואל חיים?

י ו א ל  ח י י ם

אַ שאַד ארויסצולאָזען פון שטוב.

ש מ ע ר ע

און מיט מיין קינד שטעהט דיר נישט אָן צו טהאָן אַ שידוך?

כ ל א ו ו נ ע

זי האָט דאָך אַ חתן.

א ו ר ט ש ע

וואָס איז דאָ פאַרהאַן צו רעדען. איך זאָג, אַז ער איז אַ וואוילער
יונגאַטש און דו, שמערע, בעדאַרפסט זיך נישט ברעקלען.

כ א ט ש ע  ש מ ח ה

שאַט, שאַט, איך גיב קיינעם נישט מיין טאָכטער, כלאַוונע, איך
גיב דיר נישט מיין טאָכטער.

כ ל א ו ו נ ע

שמערע, סערדצע, וואו ביזטו געוועז?

ש מ ע ר ע

ציילט דעם עולם.

נישט איינס, נישט צוויי, נישט דריי...

כ ל א ו ו נ ע

אלע פארהאנעז, וואס ציילסטו?

ש פּ ר י נ צ ע צ י ר ע ל

אט בין איך דאך, טאטע?

ש מ ע ר ע

ווארפט די היטעל אן דר'ערד פאר התפעלות.

דאס ביזטו דאך מיין כשר'ע טאכטער! טא וואס זשע שווייגט איהר אידעז? לאמיר זינגעז, לאמיר שפּרינגעז, אי, וואס מיר זע־נעז זענעז מיר, אבער אידעז זענעז מיר...

כ ל א ו ו נ ע

אידעז זייט עדות; כאטש כאטשע בער איז מיר אמאל געקראכעז איז וועג אריין, נאר איך בין איהם נישט קיין שונא. וואו ביזטו זיידע? און דו פעלטע פייגע, חתן־כלה קומט אהער! זאל גאט געבעז, אז טאטע מאמע זאלעז האבעז נחת פון אייך! קום אהער, כאטשע בער, אדער כאטשע שמחה.

כ א ט ש ע ש מ ח ה

וואס בין איך דיר אמאל געקראכעז איז וועג אריין? די בהמה איז סיי ווי געוועז מיט א חסרון, דאריבער האב איך זי געפיהרט אויפ'ן יריד.

ר י י צ ע י ע נ ט ע

ווואס רעדט איהר, כלאוונע, ווען די בהמה זאל זיך נישט בריקעז וואלט איך זי אייך פערקויפט. האט נישט צוגעלאזען די מילך, געמוזט שטענדיג איהר געבעז א ביסעל היי אונטער דער נאז.

כ ל א ו ו נ ע

כא — כא — כא, — אידענע וואס איהר זענט! איך רעד נישט

א ו ר ט ש ע

וואָס וועט איהר, מחותנעסטע, אויסטראַכטען אויף מיין צימעס?
איך וועל מיר נישט לאָזען.

פ ע ס ע ל ע

פאַלט אַריין אַ פארשנעטע.

כ ל א ו ו נ ע

אַט איז זי, אידען! לאָמיר הוליען, לאָמיר טאַנצען...

ר י י צ ע י ע נ ט ע

קושט זי.
מיין קינד, וואו ביזטו געווען?

פ ע ס ע ל ע

אַלע שוין פאַרהאַן?

קושט זיך מיט די מיידלאך.

ש פ ר י נ צ ע צ י ר ע ל

אוי ווע, מיין טאַטע, איז דאָך נישטאָ!

כ א ט ש ע ש מ ח ה

כא — כא — כא — וואו איז שמערע?

כ ל א ו ו נ ע

ער איז אַוועקגעפאָהרען ברענגען מיינע חברה.

ש פ ר י נ צ ע צ י ר ע ל

קומט, אידען, זוכען מיין טאַטען אוי ווערה, איך וועל געהן איהם זוכען.

ר י י צ ע י ע נ ט ע

לאָזט זי נישט ארויס פון שטוב.

כ א ט ש ע ב ע ר

שמערע איז אַוועק צו כלאָוונען זאָג איך אייך. זעצט זיך אידען צום טיש. דערלאַנג, מיין ווייב, וואָס צו פערבייסען. אידען, צום טיש!

ש מ ע ר ע

קומט אַריין, עס ווערט אַ געטומעל.

ר י י צ ע   י ע נ ט ע

וואו איז פּעסעלע?

ז י י ד ע

נישט געזעהן. די פערד בעדאַרף מען אריינפיהרען אין שטאַל. עס דרעט די זאַווערוכע.

כ ל א ו ו נ ע

דער טייוועל וועט זיי נישט כאַפּען.

כ א ט ש ע   ב ע ר

שאט נאַר, אידען. וואו איז טאַקי מיין טאַכטער?

ר י י צ ע   י ע נ ט ע

האָסט זיך אַנגעטרונקען און ווייסט נישט וואו דו ביזט אין דער וועלט.

ש מ ע ר ע

אידענע וואָס איהר זענט. די ציג וועט קומען אַ היים.

מ כ ל ה   ש ר ה

קום, שמערע, לאָמיר גאַר פאַהרען א היים. קום צירעלע מיר וועלען פאַהרען אַ היים.

ש מ ע ר ע

כא — כא — כא — ווער וועט עס פאַהרען א היים?... אי וואָס מיר זענען זענען מיר, אַבער אידען זענען מיר! זינגט אידעלעך, וואָס מיר זענען זענען מיר...

ר י י צ ע   י ע נ ט ע

נישט אנדערש אין דעם פּאַסטערנאַק־צימעס איז עפּעס געווען.

מ ל כ ה   ש ר ה

וואָס רעדט איהר? איך האָב דעם פּאַסטערנאַק איבערגעקליבען.

ר י י צ ע   י ע נ ט ע

איהר וועט מיר נישט איינרעדען. נישט אנדערש א משוגע'נער פּאַסטערנאַק זיך אריינגעגנב'עט, אַ נישט וואָלט זיך דעם עולם אזוי נישט פאַרדרעט די קעפּ.

א ו ר ט ש ע

קלאָג נישט, טאָכטער מיינע, דיין חתן וועט נישט פערפאַלען ווערען.

ו ו א ו ו ע

שאַט, שאַט ווייבער, נישט קלאָגט, איך גיי.

גייט ארויס.

פ ע ל ט ע   פ י י ג ע ל

נעהמט אַרום שפּרינגע צירלען און וויינט.

כ א ט ש ע   ש מ ח ה

וואָס קלאָגט איהר דאָרט, נאַרישע קעלבער?

כ ל א ו ו נ ע

גיב אַ האַנט כאַטשע שמחה, קום אהער שמערע, וואו איז די כלה?
אַי, זינגט זשע אידעלאַך ווארום די שטוב דרעט זיך.

מ כ ל ה   ש ר ה

דאָס דרעט זיך אייך דער קאָפּ, ווע איז מיר.

כ א ט ש ע   ש מ ח ה

שאַט, אידען, וואו איז טאַקי מיין טאָכטער?

ר י י צ ע   י ע נ ט ע

איצטער האָט ער זיך דערמאַנט, אַז דאָס קינד איז נישטאָ. כ'וועל עס אפשר נישט אויסהאַלטען.

ו ו א ו ו ע

קומט אַריין.

די הינט בילען אין דאָרף. דאָס פאָהרען זיי.

כ ל א ו ו נ ע

אידען, אייך דרעט זיך נישט דער קאָפּ, ברענגט מיר אהער מיין שטוב. מיין אידענע און די בנים... רב יואל שמחה, איהר שלאָפט? שטעהט אויף, אידעלאַך פרעהען זיך!

ז י י ד ע

קומט אַריין. עס ווערט אַ געטומעל. די מאַמעס קושען איהם. די כלה פאַלט צו צו איהם און וויינט.

טען ווי ביי א גזלן, אידען האט גאט אין הארצען. אורטשע האט אריינגעקאטשעט א גאנץ פעסעל בראנפען.

י ו א ל ח י י ם

און מען האט געצאפט פון קראן?

ר י י צ ע י ע נ ט ע

אודאי.

י ו א ל ח י י ם

איז דאך טאקי געווען א תנאים ביי מיין אייניקעל. טא וואס זשע דאגה'סטו אידענע?... אז דער חתן איז פארהאן, מסתמא וועט באלד די כלה אויך זיין.

עס קומען אריין כאטשע, שמחה, אורטשע, כלאוונע, שמערע, שרה מכלה, פעלטע פייגעלע, און שפרינצע צירעל פארשנעטע. דער עולם איז בגילופין, זינגט.

ר י י צ ע י ע נ ט ע

וואו איז מיין קינד, פעסעלע?

פ ע ל ט ע פ י י ג ע ל ע

אוי ווע, זי איז דאך נישטא!

ו ו א ו ו ע

פון אונטער די הענט איז זי מיר פארפאלען געווארען.

ז י י ד ע

איך וועל זי געהן זוכען.

לויפט ארויס.

א ו ר ט ש ע

נישט בעדארפט לאזען דעם חתן אליין.

כ א ט ש ע ש מ ח ה

מיין זוהן וועט צעהן שדים פארשטעקען אונטער'ן גארטעל.

מ כ ל ה ש ר ה

וואס א איד רעדט!

פ ע ל ט ע פ י י ג ע ל ע

כ'וועל אפשר נישט אויסהאלטען.

ר י י צ ע   י ע נ ט ע

פאלט איהם אויפ'ן האלז.

אט איז דאס קינד, וואו זענען זיי? וואו איז די כלה?

ז י י ד ע

כ'האב זיי אנגעווארען. דער שליטען האט זיך אויסגעקערט. די פערד זיך צעטראגען.

י ו א ל   ח י י ם

האבען זיך פארשנעבעט. כע — כע —כע.

ז י י ד ע

אורטשע האט די פערד בעוויזען די בייטש, זיי האבען זיך געגעבען א טראג.

י ו א ל   ח י י ם

זיינע פערד האבען פיינט די בייטש.

ר י י צ ע   י ע נ ט ע

איך וועל זיך נאר א מעשה אנטהאן.

ז י י ד ע

וואו זענען די איבריגע?

ר י י צ ע   י ע נ ט ע

וואוע, כלאונע, שמערע און פעסעלע זענען אוועק אייך זוכען.

ז י י ד ע

זיי זענען שוין געוועז? זיי ווייסען דאך נישט וואו צו זוכען.

י ו א ל   ח י י ם

אי זיך פארשנעבעט... וואו איז די כלה?

ר י י צ ע   י ע נ ט ע

פעלטע פייגעלע, ווע איז מיר, זאל חלילה מיט איהר נישט טרעפען עפעס.

י ו א ל   ח י י ם

האט מען טאקע שארף אריינגעשנעבעט?

ר י י צ ע   י ע נ ט ע

אט דאס איז דאך מיין אומגליק, ווע איז מיר. כ'האב זיך געבע־

ר י י צ ע  י ע נ ט ע

קום, פּעסעלע, מיין קינד, מיט מיר, ווארום איך וועל עס נישט אויסהאלטען. קום מיר וועלען זיך ארייינזעצען אין שליטען.

כ ל א ו ו נ ע

וואוהין, אידענע, וועט איהר געהן? באלד וועלען מיר אלע א פאהר טהאן. זינגט זשע אידעלאך, אצים דריצעם איי, איי, איי, — נאר שמחה׳ס זאל טאקי זיין ביי אידען. קום, וואווע, קום, שמערע.

ר י י צ ע  י ע נ ט ע

פּעסעלע, מיין קינד, פאהר דו אויך מיט.

ש מ ע ר ע

נעהם נאר מיט א רעכטע בייטש. מיין בייטש־שטעקעל האט זיך צעבראכען.

פּ ע ס ע ל ע

אט איז א גוטע בייטש.

כלאוונע, וואווע, פּעסעלע און שמערע לאָזען זיך ארויס מיט געזאַנג.

ר י י צ ע  י ע נ ט ע

וואס זאגט איהר צו מיינע צרות, שוואר לעבען? כ׳האב זיך גע־בעטען, אידען טרינקט נישט, מען וועט נאך בעדארפען פאהרען א היים...

י ו א ל  ח י י ם

וויין נישט, אידענע, וועלען זיך אפזוכען.

ר י י צ ע  י ע נ ט ע

אזא זאווערוכע... שאט נאר, דאכט מיר די קאלב מעקעט אין שטאל.

י ו א ל  ח י י ם

און מיר דאכט אז עס איז א שעפּסען קול. הערסט?

פּ ע ס ע ל ע

טאקי א שעפּסען קול.

ז י י ד ע

קומט אריין בעדעקט מיט שנע.

אוי ווע איז מיר, אידען, האט רחמנות.

פ ע ס ע ל ע

וואס איז עס, מאמע, וואו זענען זיי?

ר י י צ ע י ע נ ט ע

אידען, ווע איז מיר, וואס זיצט איהר אין שטוב?

ו ו א ו ו ע

וואו זענען זיי?

ר י י צ ע י ע נ ט ע

דער פערד מיט חתן־כלה האט זיך צעטראגען.

ש מ ע ר ע

מיין חצופה איז ביי זיי אין וואגען.

י ו א ל ח י י ם

טראגט ער זיך דער פערד מסתמא טאקי א היים... דים, דים, דאים, דים — זינגט זשע קינדערלאך.

ר י י צ ע י ע נ ט ע

איך בין ארויסגעפאלען פון שליטען גלייך אין גראבען אריין. א גליק וואס דארט האט אנגעטראגען שנע.

י ו א ל ח י י ם

בעדארפסט בענשען גומל, מיין קינד.

ר י י צ ע י ע נ ט ע

אז כ'האב מיר אויפגעהויבען איז שוין פון זיי קיין סליאד נישט געווען.

ש מ ע ר ע

ביזטו אויך געקומען א היים צו פוס? כא — כא — כא. קומט, רב יואל חיים, וועלען מיר געהן א זוך טהאן.

י ו א ל ח י י ם

דים, דים, דיי, דים... — זינגט זשע קינדערלאך.

ש מ ע ר ע

ער איז פארשנעבעט, דער אלטער.

כ ל א ו ו נ ע

געה אַרויס, וואַווע, זעה דער פערד זאָל נישט פאַרקירעווען אין שטאַל אַריין. נו, פעסעלע, וואַקס נאָך אונטער א ביסעל וועל איך דיך נעהמען פאַר אַ שנור.

ו ו א ו ו ע

זי איז שוין גענוג גרויס.

כ ל א ו ו נ ע

נאָר שמחה׳ס, נאָר געהוליעט... רב יואל חיים, נאַכסאַל האָט איהר זיך געלאָזט ווערען אַלט? העי, גלייכט נאָר אויס די פּלייצע! גיט נאָר אַ האַנט. זינג נאָר, וואַווע, ווי געהט ער עס דאָרט דער ניגון?

פאַרלעגט אַ האַנט אויף׳ן אלטענס אַקסעל און טאַנצט.

ש מ ע ר ע

קומט אַריין.

מזל טוב! וואו זענען זיי?

כ ל א ו ו נ ע

כא — כא — כא — אויך אַנגעוואָרען? וועלען זיך געפינען. גיב אַ האַנט שמערע, אַפּיי דריצעם, אַפּיי דריצעם — שטעל אַ פוס, שמערע.

ש מ ע ר ע

מען בעדאַרף געהן זעהן הינטער׳ן דאָרף, אפשר האָבען זיי פאַר־בלאָנדזשעט.

ו ו א ו ו ע

וואָס הייסט, א איד פאַרבלאָנדזשעט? כאָטשע שמחה׳ס פערד ווייסען דעם וועג.

פ ע ס ע ל ע

וואו איז אייער שפרינצע צירעל?

ש מ ע ר ע

איז אַריינגעקראָכען צו חתן־כלה אין וואַגען.

ר י י צ ע  י ע נ ט ע

קומט אַריין נישט טויט נישט לעבעדיג.

ויידען דיינעם, וואס? וועסט איהם זיין א כשר'ע ווייב: האבען איהם כשר'ע קינדער.

ער לאָזט זיך אוועק איבער'ן שטוב, שיכור'לאך, זינגט.

פעסעלע

אימעצער איז צוגעפאהרען!

כלאונע און וואווע קומען אריין מיט א „מזל טוב“.

יואל חיים

אט זענען זיי.

כלאונע

זיי זענען דאך נישטא!

וואווע

וואס האב איך געזאגט.

יואל חיים

וואס, נישט געפאהרען אינאיינעם?

וואווע

ארויסגעפאהרען אינאיינעם: האט זיך ס'פערד זייערס צעטראגען און אוועק בעזונדער. מסתמא וועלען זיי באלד אנקומען. לאמיר נעהמען צוביסלאך, זיך אנווארימען.

פעסעלע

טרייסעלט אפ דעם שנע פון היטעל.

יואל חיים

וואו איז דיין זון, כלאונע? מיר וועלען דא פראווען א תנאים.

כלאונע

לחיים, זאל נאך מיין קלענערער יונגאטש וואקסען... אבער א הוליע געטהאן...

וואווע

.וייסט, אז דארט איז נישט געווען קיין ריינער אכציגער.

כלאונע

אורטשע האט ליב צוצומישען וואסער... לחיים! אט דאס איז ריי־נער אכציגער.

יואל חיים

אַז דער טאַטע וועט איהם קענען אָבנאַרען.

פעסעלע

וועמען מיינסטו?

יואל חיים

כע, כע, איהם מיין איך, דעם מלאך־המות.

פעסעלע

ווי אַזוי האָסטו איהם אָבגענאַרט?

יואל חיים

כע, כע כע, — ער האָט זיך אָװעקגעשטעלט אין טיר מיט אַ חלף אין האַנט און מיט טויזענט אויגען מיך גענומען זוכען. האָב איך אויפגעשטעלט די קניה און אַנגעטהאָן אויף איהר די יאַרמעלקע האָט ער מיך געקוילעט אין קניה — כע, כע, כע.

פעסעלע

געוועזן אַ צייכען אויפ'ן קניה?

יואל חיים

ווי אַ רויטער פּאָדים געוועזן אויפ'ן הויט. טרינקט אַ גלעזעלע בראָנ־פען. אָט אַזוי נעהמט מען און מען נאַרט אָפּ אפילו איהם אַליין. זעה נאָר צו זיי פאָהרען שוין.

פעסעלע

כ'האָב מורא צו קוקען אין פענסטער.

יואל חיים

דו האָסט נאָך נישט וואָס מורא צו האָבען. נו, זינג מיט מיר... דיי דאַי דים — דים — דים, — אַ, ווע, דים־דים־דאַים... אַז ביי דיר וועט זיין תנאים וועט מען דעם עולם נעהמען אהער. אַ פיי־נער יונגאַטש כלאָוונעס, אָט דער קלענערער.

פעסעלע

ער וועט מיך נישט וועלען.

יואל חיים

פאַר וואָס וועט ער דיך נישט וועלען? וועט זיך שעמען מיט'ן

פּ ע ס ע ל ע

טאָמיר וועל איך נאָך ווערען שיכור.

י ו א ל ח י י ם

ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם שהכל נהיה בדברו... האָ, נאָך א יאָהר וועסטו שוין ווערען א כלה. וועסט ווערען איבער א יאָהר זעכצען יאָהר, ווייסט עס?

פּ ע ס ע ל ע

גיב מיר אַ ביסעלע בראַנפען.

י ו א ל ח י י ם

מאַך א ברכה.

פּ ע ס ע ל ע

כ'האָב שוין געמאַכט... האָ, עס ווערט ווארימער.

י ו א ל ח י י ם

איך וועל נעהמען נאָך א גלעזעלע. פאַר דיר ווערט זיין געגוג.

פּ ע ס ע ל ע

אוי, מיר דרעהט זיך שוין דער קאָפּ.

י ו א ל ח י י ם

דאָרט טהוט זיך איצטער א לעבעדיגע וועלט.

פּ ע ס ע ל ע

באשר כ'האָב דיך נישט געוואָלט לאָזען אליין.

י ו א ל ח י י ם

גוט האָסטו געטהאָן, מען טאָהר אזא אלטען זיידען נישט לאָזען אליין.

פּ ע ס ע ל ע

איך וועל אויך לעבען אזוי לאַנג?

י ו א ל ח י י ם

כע, כע, נישט יעדערער דערציהט ביז הונדערט יאָהר.

פּ ע ס ע ל ע

דער טאַטע וועט אויך לעבען אזוי לאַנג.

פ ע ס ע ל ע

הערסט זיידע, ווי אין דארף בילט א הונט, דאס מוזען זיי שוין פאהרען.

י ו א ל ח י י ם

דער ווינט רייסט. וועט פארטראגען דעם וועג. און זיי האבען זיך דארט פארהוליעט.

פ ע ס ע ל ע

קומט אריין זעצט זיך נעבען אלטען.

מיך האבען זיי נישט געוואלט מיטנעמען.

י ו א ל ח י י ם

זאל מען גאר דערלעבען ביזקעל דער חתונה, נע, וועל, איך מיר שוין נישט לאזען איבעררעדען.

פ ע ס ע ל ע

די חתונה וועט דאך זיין זומער; מיר וועלען ביידע פאהרען.

י ו א ל ח י י ם

זעה נאר, מיין קינד, צו זיי פאהרען נישט.

פ ע ס ע ל ע

די שויבען זענען אנגעפרוירען, אט וועל איך באלד אראפהויכען דעם אייז... אוי, ס'ארא ווייסקייט דרויסען איז! מען דערקענט נישט די בוימער אפילו.

י ו א ל ח י י ם

דערלאנג מיר נאר אהער דאס פלעשעל. כ'האב שוין איין מאל גענומען א גלעזעלע; עס שלעפערט.

פ ע ס ע ל ע

ביי דיר איז די יארמעלקע פול מיט פעדערען.

י ו א ל ח י י ם

כע — כע — כ'בין אנ'דרעמעלט געווארען איז זי אריינגעפאלען אין זופ. אט אזוי מיין קינד... ברענג אהער א גלעזעלע אויך, דאס קליינע גלעזעלע. אט דאס איז עס. ועסטו אויך נעמען אביסעלע?

בײַ כאַטשע שמחה׳ן. אַ דאָרפּיש הײַזעל. שפּעט בײַ־נאַכט. װינטער. די פענסטער בעדעקט מיט שנײ. דרױ־סען אַ זאַוועררוכע.

י ו א ל חי י ם

אַנ׳אַלטער, הױכער געבױגענער איד. אַריבער הונדערט יאָהר אַלט. זיצט בײַם אײַװען און פֿליקט פּעדערען פֿון אַ זיפּ. דרעמעלט אײַן יעדע װײַלע. טוט אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ, די יאַרמעלקע פֿאַלט אַרײַן אין די פּעדערען. כאַפּט זיך אױף און פֿיהלט אַז די יאַרמעלקע איז נישט אױפ׳ן קאָפּ. ער געפֿינט זי אין די פּעדערען. צעלאַכט זיך. רעדט צו זיך אַלײן אַרומקלײַבענדיג די פּעדערען פֿון דער יאַרמעלקע.
האָסטו דיר געזעהן אַ מאָל, אַ יאַרמעלקע זאָל װערען קלײן אױפ׳ן קאָפּ... װאו ביזטו דאָרט, פּעסעלע?

פּ ע ס ע ל ע

רעדט פֿון אַנדערען חדר.
איך ליג אױפ׳ן אײַװען.

י ו א ל ח י י ם

ס׳אי דיר קאַלט?

פּ ע ס ע ל ע

איך שלאָף.

י ו א ל ח י י ם

די הענער האָבען שױן געקרעט?

פּ ע ס ע ל ע

שױן לאַנג.

י ו א ל ח י י ם

הײסט עס שױן נאָך האַלבע נאַכט.

פּ ע ס ע ל ע

אודאי, שױן לאַנג אַז זײ האָבען געקרעט.

י ו א ל ח י י ם

קום אהער דאָ איז אױך װאַרים.

## פערזאנען:

באטשע שמחה, ישוב'ניק.

רייצע יענטע, זיין ווייב.

| | | |
|---|---|---|
| זיידע | } | זייערע קינדער. |
| פעסעלע | | |

יואל חיים, זיין פאטער

| | | |
|---|---|---|
| אורטשע | } | ישוב'ניקעס. |
| בלאוונע | | |
| וואווע | | |
| שמערע | | |

שרה מלכה, אורטשע'ס ווייב.

פעלטע פייגעלע, זייער מוידעל. זיידעס כלה.

שפרינצע צירעל, שמערעס מוידעל.

בייניש אלטער, בלאוועס זוהן

# א זאַוועררוכע

אמאל האבען אידען געהוליעט.

1915

זי רוימט עפּעס איין אײדלען אין אויער.

א י י ד ע ל

יאָ, בעבעלע, מעהר נישט. איך שווער דיר, אז מעהר נישט.

ג י ט ע ל

קומט אַריין.

נו וואָס מאַכסטו, מיין קינד?

ב ע ב ע ל ע

מיר איז שוין גוט. מיר ווילט זיך שוין ווידער שפּרינגען און טאַנצען.

א י י ד ע ל

געהט צו און נעמט זי אַרום.

וואָס ווילסטו?

ב ע ב ע ל ע

וועסט נאָך קומען צו מיר מאָרגען?

א י י ד ע ל

איך וועל קומען, בעבעלע. א גוטע נאַכט, גיטעל.

ג י ט ע ל

געה געזונד, אײדעלע.

ב ע ב ע ל ע

א גוטע נאַכט, אײדעלע.

א י י ד ע ל

שלאָף געזונד, בעבעלע.

געהט אַוועק.

ג י ט ע ל

אט אזוי נעמט מען עס און מען שרעקט עס איבער א מאַמע'ז.

צינדט אָן דעם לאָמפּ.

1915

▽

ג י ט ע ל

וואס ביזטו אזוי אומעטיג? האסט זיך אויך דערשראקען. וואס איז דא געווען אזעלכעס?

א י י ד ע ל

צערטליך.

ער האט גערעדט צו דיר, בעבעלע?

ב ע ב ע ל ע

יא, ער האט גערעדט צו מיר. ער האט געזאגט, אז די מאמע זיינע האט געבעטען מיך צו זיי אויף שבת.

א י י ד ע ל

איך האב זיך אזוי דערשראקען.

ג י ט ע ל

דו, איידעלע, ביזט דאך מיר אזוי טייער גלייך ווי דו וואלסט מיינס א קינד געווען. איך קען מיין קינד נישט א קוש טהאן אפילו. קום צו מיר. זי נעמט ארום איידלען און דריקט זי שטארק צו איהר הארצען. גאט וועט געבען אז דיין בעשערטער וועט זיך גאר אין גיכען אפזוכען. איך וועל געהן זעהן אויב שטערען האבען זיך שוין בעוויזען אין הימעל.

געהט ארויס.

ב ע ב ע ל ע

ביזט מיר מוחל, איידעלע?

א י י ד ע ל

זעהסט, איך בין אפילו אין שטוב נישט אריינגעגאנגען ווען ער איז געווען.

ב ע ב ע ל ע

האסט איהם געוואלט זעהן?

א י י ד ע ל

איך האב איהם דורכ'ן פענסטער געזעהן.

ב ע ב ע ל ע

יא, ער איז א שעהנער? זעהר א שעהנער?

צו אונז.

ג י ט ע ל

אם ירצה השם. זי וועט זיך נישט לאזען בעטען.

א ה ר ן ש ל מ ה

קיין בייז זאל נישט זיין. קום, שלום מאיר. אפשר וועלען מיר נאך פערכאפען א מעריב.

ש ל ו ם מ א י ר

א גוטע נאכט. איך ווינש, אז בעבעלע זאל אין גיכען געזונד ווערען.

ב ע ב ע ל ע

איך בין שוין געזונד.

א ה ר ן ש ל מ ה

לאמיר זיך א ביסעל צוויילען.

געהען ביידע ארויס.

ג י ט ע ל

קוקט נאך אין פענסטער.

ווי שען ער איז!

ב ע ב ע ל ע

פער׳גנב׳עט זיך הינטער דער מאמע׳ס פלייצע און קוקט אויך ארויס.

אט איז דאך איידעל הינטער׳ן פענסטער! קום אריין! איידעלע, קום אריין!

לויפט צום טהיר.

א י י ד ע ל

קומט אריין. קענטיג זי האט געוויינט.

ב ע ב ע ל ע

איך בין אזא שלעכטע... איידעלע, ביזט אויף מיר ברוגז?

ג י ט ע ל

אט זעהסטו ווי צולאזען דו ביזט. אומזיסט און אומנישט אלעמען אזוי איבערגעשראקען.

א י י ד ע ל

קוקט אן בעבעלע׳ן אהן ווערטער.

ג י ט ע ל

מיין בת יחידה האָט זיך עפּעס פערפּיעשטשעט.

ב ע ב ע ל ע

קוקט פון אַהינטער דעם שטערען צו שלום מאיר'ן.

וואו איז איידעל?

א ה ר ן ש ל מ ה

זי איז דאָך נאָכגעגאַנגען הינטער אונז.

ש ל ו ם מ א י ר

בעבעלע מאַכט זיך נאַריש.

ג י ט ע ל

איך האָב אַליין מורא פאַר אַ גוט אויג.

ש ל ו ם מ א י ר

צוליעב דיר האָבען מיר פערשפּעטיגט מעריב. אנגעוואָרען אַ מנין.

ג י ט ע ל

איך נעהם די עברה אויף זיך. וואָרום ווען וואָלסטו אהער געקומען?

א ה ר ן ש ל מ ה

אז די מאַמע האָלט עס אַזוי ציטעריג. האָט זי צולאָזען.

ג י ט ע ל

הלואי וואָלט זי געווען ביי איהר חתן אַזוי טייער, ווי זי איז טייער ביי טאַטע־מאַמע.

א ה ר ן ש ל מ ה

טאַפּט בעבעלעס קאָפּ.

אבי מיך איבערגעשראָקען. כע, כע. אַן איינפאַל אַ ביסעל.

ג י ט ע ל

טאַפּט איהר קאָפּ.

איך זעה אויך חלילה אויף איהר קיין בייז נישט.

ב ע ב ע ל ע

ווינקט בגנבה צו שלום מאיר'ן.

ש ל ו ם מ א י ר

מיין מאַמע האָט געלאָזט בעטען בעבעלע'ן אויף היינטיגען שבת

ב ע ב ע ל ע

גיב מיר נאָר אַ ביסעל וואַסער, מאַמעשי.

ג י ט ע ל

נאַ דיר, מיין קינד. מיר זאָל זיין פאַר מיין פייגעלע. אַט אַזוי לעג אַנידער דיין קאָפּ אויף מיין האַרצען. אַט אַזוי. דיר איז שוין בעסער?

ב ע ב ע ל ע

מיר איז שוין בעסער.

ג י ט ע ל

קלעמט נאָך ס'הערצעלע?

ב ע ב ע ל ע

ס'האָט שוין באַלד אויפגעהערט.

מען הערט רעדען הינטער'ן פענסטער.

ג י ט ע ל

דער טאַטע מיט שלום מאיר'ן געהען.

ב ע ב ע ל ע

שפּרינגט אויף פון אָרט.

איך וועל מיר אויסבעהאַלטען.

ג י ט ע ל

וואוהין, קינד מיינס?

ב ע ב ע ל ע

ער וועט זעהן מיינע פערוויינטע אויגען.

אהרן שלמה און שלום מאיר קומען אַן.

א ה ר ן ש ל מ ה

וואָס איז דער מער?

ג י ט ע ל

ס'איז איהר עפּעס נישט גוט געוואָרען.

ש ל ו ם מ א י ר

אַ גוטער אָוועגד. וואָס מאַכט עפּעס מיין מחותנת'טע?

ג י ט ע ל

וועה איז מיר, ווינד איז מיר. אנ'עין־הרע האט מען מיר ס'קינד גענעבען. ליבע האט מיין קינד א גוט אויג געגעבען. נישטא וועמען אין שטוב צו לאזען. איך וועל זי רופען. זאל זי מיר זאגען. וואס זי האט צו מיר.

ב ע ב ע ל ע

ניין, מאמעשי, זי איז נישט שולדיג.

ג י ט ע ל

טא וואס דען איז דיר? וועה איז מיר, ווינד איז מיר.

ב ע ב ע ל ע

ס'איז מיר שוין באלד בעסער, מאמעשי.

ג י ט ע ל

זי האט דיר א גוט אויג געגעבען. זי האט דיך געקושט. איך וועל זי שיקען רופען.

ב ע ב ע ל ע

מאמעשי, מען בעדארף נישט, מיר איז שוין בעסער.

ג י ט ע ל

אויף איין מינוט בין איך פון שטוב ארויסגעגאנגען. אויף א רגע בין איך פון שטוב ארוים. דיר איז בעסער, מיין פייגעלע?

ב ע ב ע ל ע

מיר איז נאר אין די אויגען א ביסעל פינסטער געווארען, אבער ס'האט שוין אויפגעהערט.

ג י ט ע ל

און ס'הערצעלע?

ב ע ב ע ל ע

קלעמט א קליין ביסעלע.

ג י ט ע ל

א גוט אויג האט מען דיר געגעבען, מיין קינד. רשעים מענשען. וואס קוקען זיי אזוי פיעל אויף מיין קינד? פאר וואס לאזען זיי קיין אויג נישט אראפ פון מיין קינד?

ב ע ב ע ל ע

אוי, מיר איז נישט גוט...

א י י ד ע ל

בעבעלע, וואס איז דיר?

ב ע ב ע ל ע

אוי, דער קאפ; ס'דרעהט זיך מיר דער קאפ.

א י י ד ע ל

איך שווער דיר, בעבעלע, איך בין ניט שולדיג.

ב ע ב ע ל ע

אוי, מיר איז נישט גוט. רוף דער מאמען.

קומט אַן.

וועה איז מיר, בעבעלע, וואס איז דיר?!

א י י ד ע ל

דער קאפ האט זיך איהר פערדרעהט.

ג י ט ע ל

נא דיר א ביסעלע וואסער... נו, שלינג אראפ, שלינג אראפ...

א י י ד ע ל

פלוצלונג איז איהר נישט גוט געווארען.

ג י ט ע ל

איידעלע, מיין קינד, לויף אין בית המדרש אריין; הייס ארויסרופען מיין מאן. זאל ער די מינוט קומען אהיים. איך וועל עס נישט אויסהאלטען.

א י י ד ע ל

איך געה שוין.

ב ע ב ע ל ע

אוי, מיין קאפ.

א י י ד ע ל

קושט בעבעלען.

הער אויף, בעבעלע, איך בעט דיר, הער אויף...

געהט ארויס.

א י י ד ע ל

ניין, ניין, ס'האט מיר אזש דער אטהעם פערכאפט. זאג איהם נישט.

ב ע ב ע ל ע

הא, דו האסט ליעב שלום מאיר'ן? איידעלע, ס'איז אמת?

א י י ד ע ל

ניין, ניין. וואס דו רעדסט.

ב ע ב ע ל ע

טא פאר וואס ווילסטו נישט איך זאל איהם זאגען? מיין טאטע האט שוין אויסגעפיהרט א סך שידוכים. נארעלע, וועלען מיר האבעןביידע התונה אין איין ווינטער.

א י י ד ע ל

ניין, בעבעלע, מען בעדארף נישט. איך וועל אפשר אנהויבען וויינען, אז דיין טאטע וועט צו אונז קומען רעדען דערפון.

ב ע ב ע ל ע

נעהמט ארום איידלען און פארשט.

האסט ליעב שלום מאיר'ן? יא? ניין? זאג איידעלע, יא?

א י ד ע ל

שטיל.

א קליין ביסעלע. ווייל איך האב דיך זעהר ליעב. דעריבער. ער איז דאך דיין חתן.

א ווייל בלייבען זיי ביידע אזוי שטיל ארומגענומען.

ב ע ב ע ל ע

צושראקען.

האסט טאקע ליעב שלום מאיר'ן?

א י י ד ע ל

וועהרט זיך.

ניין, בעבעלע; איך שווער דיר, אז ניין. וויין נישט. איך בעט דיר... איך שווער דיר. בעבעלע. דו האסט דאך עס געזאגט... איך האב דאך גאר נישט געזאגט...

א י י ד ע ל

גיב, איך וועל דיר פערקעמען דיין קאפּ. האסט זיי אזוי פערפּלאנ־טערט. איך וועל דיר פוןביידע צעפּ איינעם מאכען.

ב ע ב ע ל ע

אוי, דו רייסט מיר מיט'ן קאם אויס מיינע האר! אוי, איידעלע, האב רחמנות.

א י י ד ע ל

כ'האב זיך פערטראכט.

ב ע ב ע ל ע

פון וואס טראכסטו?

א י י ד ע ל

אז דיר איז זעהר גוט.

ב ע ב ע ל ע

ביזט מיר מקנא?

א י י ד ע ל

יא, איך בין דיר טאקע זעהר מקנא.

ב ע ב ע ל ע

איך וועל זאגען מיין טאטען וועט ער דיר אויסזוכען א חתן.

א י י ד ע ל

וואס דו רעדסט.

ב ע ב ע ל ע

איך וועל עס איהם היינט זאגען.

א י י ד ע ל

אוי נייז, איך האב מורא.

ב ע ב ע ל ע

פאר וואס האסטו מורא?

א י י ד ע ל

טאמער טהוט ער עס טאקע?

ב ע ב ע ל ע

איז דאך גוט.

א י י ד ע ל

דערצעהל איהם עס איצטער.

ב ע ב ע ל ע

ער ווייסט, אז כ'האב איהם האלב.

א י י ד ע ל

ווי אזוי ווייסט ער עס?

ב ע ב ע ל ע

איך האב שוין געמאכט אזוי, אז ער זאל וויסען.

א י י ד ע ל

אי, ביזטו א גנב'טע!

ב ע ב ע ל ע

איך האב איהם אין קעשענע אריינגעלעגט א בריוועלע, ווען ער איז געוועזן ביי אונז יום טוב. כ'האב עס נאך פאר יום טוב אנגעגרייט.

א י י ד ע ל

אי, ביזטו א קלוגע. האט ער עס געפונען?

ב ע ב ע ל ע

איך ווייס אז יא.

א י י ד ע ל

ווי אזוי ווייסטו עס?

ב ע ב ע ל ע

ווייל איך פיהל, אז ער האט מיך אויך שטארק ליעב.

א י י ד ע ל

ווייסטו ווי שטארק מען בעדארף ליעב האבען דעם מאן נאך דער חתונה?

ב ע ב ע ל ע

איך וועל שוין וויסען... טאמער וועט ער נאך זיין א רב... איך וועל פאר איהם מורא האבען. איך וועל האבען מורא און ליעב האבען איהם אזוי שטארק... ער אליין וועט עס גאר נישט וויסען. אודאי, איידעלע, איך וועל זיך עס שעהמען איהם צו דערצעהלען. איך וועל זיך שעהמען דערצעהלען אלץ וואס איך טראכט.

ב ע ב ע ל ע

ווארטען?

א י י ד ע ל

האסט איהם טאקע אזוי ליעב, בעבעלע?

ב ע ב ע ל ע

זעהר שטארק.

א י י ד ע ל

פאר וואס האסטו זיך פאר מיר בעהאלטען ווען דו האסט גענעהט דעם תפילין־זעקעל?

ב ע ב ע ל ע

אזוי: כ'האב מיר געשעהמט. אויף דעם ארט וואס כ'האב געגעבען א שטאך מיט דער נאדעל האב איך געגעבען א קוש.

א י י ד ע ל

גיב, מיר ווע לען איבערצעהלען וויפיעל שטעך ס'איז פאראן אין דעם ווארט שלום.

ב ע ב ע ל ע

כאפט ארום איידעלען.

אי ביזט א נאר, ביזט א נאר. ווייסט נישט, ווי גוט ס'איז צו זיין א כלה. ווען איך זאל נאר קענען איהם אט אזוי ארומנעהמען, אט אזוי...

א י י ד ע ל

לאז מיך אפ, משוגע'נע, וועסט דאך מיך דערשטיקען.

ב ע ב ע ל ע

אז דו וועסט ווערען א כלה וועסטו אויך אזוי זיין. וועסטו נאך ארום זיינע פענסטער ארומקריכען. ווען איך זאל נאר נישט מורא האבען אליין צו געהן ביינאכט.

א י י ד ע ל

און ער ווייסט עס גאר נישט?

ב ע ב ע ל ע

נאך דער חתונה וועל איך איהם אלץ דערצעהלען.

אי, בעבעלע, בעבעלע...

ב ע ב ע ל ע

געה, דו ביזט א שלעכטע.

ג י ט ע ל

אז מען האט ליעב א חתן איז עס זעהר פיין, מיין קינד: מען בע־דארף אבער דערפון נישט וויסען. נאך דער חתונה מעג שוין אפילו די גאנצע וועלט וויסען, אז מאן און ווייב לעבען צופריעדען. ס'איז א ברכה פון גאט. איך וועל געהן אין קלייט אריינגעמען זאלץ. וועסט איהר, איידעלע, נישט לאזען אליין.

געהט ארויס.

ב ע ב ע ל ע

קום צו מיר, איידעלע.

א י י ד ע ל

ביזט טאקע אויף מיר אין כעס?

ב ע ב ע ל ע

כ'האב נאר טאקע געלאכט.

א י י ד ע ל

פאר א מאמען מעג מען; ס'מאכט נישט אויס.

ב ע ב ע ל ע

טאטעס דארפען פון אזעלכע זאכען נישט וויסען.

א י י ד ע ל

ווילסטו, וועלען מיר אזוי מאכען, אז ער זאל דעם תפילין־זעקעלע געפינען ביי זיך אין סטענדער.

ב ע ב ע ל ע

אוי טאקע.

א י י ד ע ל

ווי אזוי מאכט מען עס אבער?

א י י ד ע ל

וועסט שוין מוזען ווארטען.

א י י ד ע ל

אזוי גאר. האסט עס אויסגענעהט און מיר אפילו נישט געוויזען. איהר, גיטעל, בעדארפט זאגען בעבעלע'ן, אז איך בין צו איהר בעסער ווי זי איז צו מיר.

ג י ט ע ל

כ'האב עס איהר שוין נישט איין מאל געזאגט. ס'איז דערפאר וואס דו צופּיעשטשעסט זי אזוי.

ב ע ב ע ל ע

ביזט טאקע ברוגז? נו זיי מיר מוחל. לאמיר ביידע זיין חבר־לאווער. געפעלט עס דיר?

א י י ד ע ל

אודאי געפעלט עס מיר.

ב ע ב ע ל ע

אינעווענינ וועט מען דאך אריינלעגען תפילין?!

א י י ד ע ל

אודאי וועלען דארט ליגען תפילין.

ב ע ב ע ל ע

קושט דעם תפילין־זעקעלע.

ווען וועל איך עס איהם געבען, מאמע?

ג י ט ע ל

צו דער חתונה.

ב ע ב ע ל ע

פאר וואס נישט פריהער?

א י י ד ע ל

עס פּאסט נישט.

ב ע ב ע ל ע

איך וויל ער זאל האלטען די תפילין אין דעם, און אז ער וועט געבען א קוש די תפילין...

א י י ד ע ל

מאכט איהר א פּאן.

א י י ד ע ל

ביזט נאך אויף מיר אין כעס, בעבעלע?

ב ע ב ע ל ע

דו וועסט נאך איהם אויך דערצעהלען, אז איך געה אין דער וויי־בערשער שוהל זעהן ווי ער לערנט?

ב ע ב ע ל ע

אמת, מאמע, ס'איז נישט שען צו געהן אין דער ווייבערשער שוהל?

ג י ט ע ל

אודאי איז נישט שען. אימיצער קען עס נאך דערזעהן.

ב ע ב ע ל ע

וואס זאל איך טהאן, אז כ'וויל איהם א מאל זעהן? פאר דער חתונה, זאגסטו, איז נישט שען, אז דער חתן געהט צו דער כלה.

א י י ד ע ל

ווען ער וואלט וואוינען אין אן אנדער שטאדט וואלסטו איהם גע־קענט שרייבען בריוולעך. אי, דאס איז אזוי שען.

ב ע ב ע ל ע

טאקע, ס'איז שען בריוועלעך צו שרייבען. דער טאטע וואלט מיך אויסגעלערענט ווי אזוי צו מאכען א געדרעהטען „שין". שלום מאיר הויבט מען דאך אן צו שרייבען מיט א „שין"? פלוצלונג. דערפאר וואס דו האסט דערצעהלט דער מאמען וואו מיר זענען געווען, וועל איך דיר נישט ווייזען דאס תפילין־זעקעלע וואס איך נעה אוים.

א י י ד ע ל

וועסט נישט ווייזען, בעדארף מען נישט.

ג י ט ע ל

מאך זיך נישט נאריש, מיין קינד, און בעווייז וואס דו האסט אויס־גענעהט.

ב ע ב ע ל ע

בעקומט פון קאמאד, טיעף בעהאלטען, א סאמעטענעם תפילין־זע־קעל אויסגענעהט מיט רויטען גארען.

א י י ד ע ל

נעהמט מיט געוואלד אראפ בעבעלע'ס האנט פון איהר מויל.

מיר זענען געווען אין דער ווייבערשער שוהל.

ב ע ב ע ל ע

דערצעהל נישט, דערצעהל נישט.

ג י ט ע ל

וואס האט איהר געטהאן אין דער ווייבערשער שוהל?

א י י ד ע ל

מיר האבען זיך פער'גנב'עט צו זעהן ווי שלום מאיר לערענט.

ב ע ב ע ל ע

בעהאלט איהר פנים אין איידעל'ס שויס.

נעה, איך האב דיר פיינד. איך וועל שוין שטענדיג זיין מיט דיר ברוגז. איך וועל שוין קיין מאל מיט דיר נישט רעדען.

א י י ד ע ל

זי אליין האט מיך געפיהרט אהין. מיר האבען דורך דעם פאר־האנגעל אין מזרח־וואנט געזעהן, ווי ער שטעהט נעבען ארון קודש אין ווינקעל מיט'ן פנים צום וואנט און שאקעלט זיך שטיל איבער דער גמרא.

ב ע ב ע ל ע

איך האב דיך פיינד; איך האב דיך פיינד.

ג י ט ע ל

שטיק משוגע'נע. פאר וואס טאר מען אזא זאך נישט דערצעהלען דער מאמען? מיינסט די מאמע וויל נישט הערען קיין שעהנע זאך דערצעהלען אויף איהר קינד'ס חתן? אודאי האב איך גרויס נחת, אז ער זיצט און לערענט די הייליגע תורה. דער טאטע זאגט, אז ער איז זעהר א גרויסער למדן, אז ער וועט נאך מיט דער צייט א רב זיין.

ב ע ב ע ל ע

הויבט אויף דעם קאפ. פערקלעהרט זיך.

ב ע ב ע ל ע

אט אזוי האט מיר די מאמע געדארפט טהאן. אט אזוי האט זי מיר בעדארפט אויסקושען מיינע באקען... אוי, ווי כ'בין פערמא־טערט. קוק אין פענסטער, זעה שטערען זיינען שוין פארהאנען.. אוי, איז מיר גוט אויפ'ן הארצען! מעגסט שוין, מאמע, אנבייסען.

צינדט אָן אַ לאָמפּ.

א י י ד ע ל

ס'איז דאך נאך אזוי פריה, בעבעלע. נישט גוט אנצוצינדען פייער ווען דרויסען איז נאך ליכטיג.

לעשט אויס.

ג י ט ע ל

הער שוין אויף צו שטיפען. גענוג זאל דיר שוין זיין. דערצעהל מיר בעסער וואו איהר זענט געווען?

ב ע ב ע ל ע

דערצעהל נישט, איידעלע.

ג י ט ע ל

ווערסט דאך נישט געהן וואו מען בעדארף נישט, טא וואס האסטו מורא צו דערצעהלען?

ב ע ב ע ל ע

אויב דו ווילסט דערצעהל. איך וועל אבער זיין ברוגז מיט דיר.

א י י ד ע ל

וועסט זיך ביז דער חתונה מיט מיר איבערבעטען.

ב ע ב ע ל ע

דו שעהמסט זיך אויך צו דערצעהלען.

א י י ד ע ל

דו האסט דאך מיך אהין געפיהרט. וואס האב איך מורא צו דער־צעהלען?

ב ע ב ע ל ע

שפרינגט צו און פערמאַכט איידלען דאָס מויל מיט'ן האַנד.

דערצעהל נישט: איך וועל דיך האבען פיינד.

א י י ד ע ל

איך וועל פער'מסר'ען פאר דיין חתן, אז דו פאָלגסט נישט דער מאמען.

ב ע ב ע ל ע

שלום מאיר ווייסט, אז איך פאָלג נישט דער מאמען. רייצט זיך מיט דער מוטער, אונטערשטעלענדיג איהר באק. נא, גיב מיר א קוש, וועל איך עסען.

ג י ט ע ל

שטויסט זיך אָפּ פון זיך.

געה, טהוסט דער מאמען אָן יסורים. אדרבה, פרעג איידעלען וועט זי דיר זאָגען, אז פאר דער חתונה בעדארף מען פאָלגען א מאמען. מען קען נאך חלילה בעשטראפט ווערען.

ב ע ב ע ל ע

דערפאר וועל איך דיר טאַקע באלד אָנקושען, אז דו וועסט מיר שוין האָבען צו געדענקען. זי לעגט דער מוטער מיט געוואלד אַנידער אויפ'ן בעט, כאַפּט אַרום איהר האַלז און קושט זי הייס. אט אזוי, אט אזוי גיט מען א מאמען וואס האט פיינד איהר קינד. אט אזוי טהוט מען א מאמען וואס וויל קיין מאָל נישט א קוש געבען איהר קינד.

ג י ט ע ל

וועהרט זיך.

געה שוין, זאָג איך דיר.

א י י ד ע ל

משוגע'נע, לאָז אָב דער מאמען. זעה ווי די האָר האָבען זיך דיר צוואווארפען. זעהסט אוים ווי אַ מכשפה.

ב ע ב ע ל ע

איך וועל באלד מיט דיר אויך אזוי מאכען.

שפּרינגט צו איידלען און כאַפּט זי אַרום.

א י י ד ע ל

לאָז מיך אָפּ.

גיטעל

איך וועל, קינד מיינס, ווארטען ביז שטערען וועלען זיך בעווייזען אין הימעל. איצטער ציטערט דאך דער מאמעס הארץ איבער דיר נאך מעהר ווי שטענדיג.

איידעל

אייער מאן, ליבע, איז שוין געגאנגען פון בית המדרש אהיים.

ליבע

וואס דו זאגסט! און איך האב מיר אזוי פערפלאפעלט. האט מיר א גוטע נאכט.

געהט אוועק.

גיטעל

געהט געזונטערהייד, ליבעשי. נעהם, איידעלע, וועסט פערזוכען מיין אתרוג־איינגעמאכטס.

איידעל

נאר אויפ'ן שפיץ צונג גיט מיר.. אך, ווי עס שמעקט.

גיטעל

און איצטער נא דיר, בעבעלע.

בעבעלע

אז דו וועסט פערזוכען, וועל איך אויך.

גיטעל

טהו עס נישט, קינד מיינס. נויט מיך נישט. פריהער ווי שטערען וועלען זיך נישט בעווייזען וועל איך נישט נעהמען אין מויל.

בעבעלע

אט וועל איך אנצינדען דעם לאמפ, וועט ווערען נאכט.

איידעל

אי, ביזטו א קלוגע. פערזוך דעם איינגעמאכטס. טהו דער מאמ'ע צוליעב.

גיטעל

דורך טרעהרען.

נעהמסט און פערשאפסט דער מאמען אומזיסטע יסורים.

מיר זענען געגאנגגען שפאצירען.

א י י ד ע ל

איהר שרעקט זיך? מיר זיינען נישט געווען הינטער'ן שטאדט.

ג י ט ע ל

גוט האט איהר געטהאן, קינדערלעך. ביזטו אפשר הונגעריג, בע־בעלע?

ב ע ב ע ל ע

אמת, מיר האבען געגעסען באנ'אייך אין שטוב, איידעל?

א י י ד ע ל

כ'וועל דערצעהלען דעם אמת. זי האט נישט געוואלט עסען ביי אונז. די מאמע, זאגט זי, פאסט, דעריבער וויל זיך אויך נישט עסען.

ג י ט ע ל

וואס רעדסטו, קינד מיינס! וואס האסטו צו קוקען אויף דער מא־מען?

ב ע ב ע ל ע

אז די מאמע פאסט, בעדארף איך אויך פאסטען.

ג י ט ע ל

אט איז א קינד...

ג י ט ע ל

עסק'ט זיך ביים אויווען.

זאג מיר גיכער, קינד מיינס, וואס זאל איך דיר מאכען פאר אן עסען?

ב ע ב ע ל ע

אז דו וועסט עסען, וועל איך אויך.

ג י ט ע ל

אט לאז צורוה, קינד מיינס. וויפיעל איז מיר שוין איננאנצען געבלי־בען צו פאסטען, אפשר דריי חדשים.

ב ע ב ע ל ע

די זון איז דאך שוין פערגאנגגען.

ג י ט ע ל

טאקע שווער. זעהר שווער. דעם נדר האב איך אויף זיך גענומען ווען זי איז מיר געבוירען געוואָרען. כ'האב געוואוסט, אז דאס וועט מיר זיין צום שווערסטען. ווארען אז דאס קינד ליעגט אין וויעג מיט רויטע בעקעלעך, ווי קען מען זיך עס איינהאלטען און נישט געבען עס קיין קוש? אדער, אז עס זייגט זיך אָן און ווערט אנט־שלאפען מיט דער ברוסט אין מויל, ווי גיט מען עס נישט א קוש אין מיילכעלע די ברוסט ארויסנעהמענדיג?... היינט ווער רעדט שוין, אז דאס קינד האט אנגעהויבען טריט צו שטעלען, אנגעהויבען צו פּרעפּלען — ס'הארץ איז מיר שיעור נישט צוריסען געוואָרען פאר פרייד. כ'האב מיר די ליפּען צוביסען און צום קינד זיך נישט צוגעריהרט.

וויינט פאר פרייד.

ל י ב ע

ניין, זעהט איהר, ביי מיר וואלט מען עס נישט געקענט פועל'ן. ־זיינט אויך. ס'לעבען איז מיר אזוי גענוג פינסטער. אז די קליי־נינקע טשעפּעט זיך מיר אָן אויפ'ן האלז, קוקט מיר גלייך אין די אויגען אריין און זאגט: „מאמע, וויין נישט", וואס זאל איך דען יעמאלט טהאן? איך גיב זי א קוש און הער אויף צו וויינען.

ג י ט ע ל

אז גאט וועט געבען נאך דער חופּה... דאכט זיך מיר זי געהט, געזונד און שטארק זאל זי מיר נאר זיין.

ב ע ב ע ל ע און א י י ד ע ל קומען אריין.

ל י ב ע

אט איז זי, די פערשייטע מויד, וואס טהוט דער מאמען אן אזוי פיעל עגמת נפש. קום, די מאמע וועט דאך דיר קיין קוש נישט געבען. אט אזוי גיב מיר דיינע גראבע באקען.

קושט בעבעלע'ן.

ב ע ב ע ל ע

איז ליעב און פערצויגען. זעהט אויס ווי א קינד פון פופּצעהן.

העניע לעבט שוין נישט מעהר. זי וואלט אנגעקוואלען פון בעבע־לע'ן. אלע אויסגעשטארבען. אלע זיבען אלטע ווייבער.

ליבע

דאס האט איהר דאך אויך געטהאן.

גיטעל

צו זיבען אלטע ווייבער זי פערקויפט פאר אכטצעהן גראשען. נעכע העניע איז ערשט פאר צוויי יאהרען געשטארבען. פלעגט שטענדיג זאגען. איצט לעבט זי צוליעב איהר אייגענעם זכות און אז כ'וועל זוכה זיין צו האבען אן ארט מיט די צדיקים וועל איך בעבעלע'ס נאמען פון מיינע ליפען נישט אראפלאזען. ווער ווייסט, אפשר צו־ליעב איהר זכות האב איך מיט מיין קינד אזא שעהנעם שידוך גע־טהאן.

ליבע

ווייסט ער כאטש, דער חתן, ווי טייער זי איז באנ'אייך?

גיטעל

ער וועט זי אם ירצה השם ליעב האבען. איך פערהאף צו גאט.

ליבע

ער איז פון שענע טאטע־מאמע, ער וועט וויסען ווי זי צו היטען.

גיטעל

ווי דערלעבט מען שוין די ליכטיגע מינוט? גאטעניו, וואס נאך ווילסטו זאל איך דיר געבען? שענק מיר זי, זי זאל דער מאמען אי־בערלעבען. ס'איז דאך שווער אזא נדר אבצוהיטען. נאר אויף איין זאך ווארט איך און קען די מינוטען נישט דערציהען. ווי וואלט זיך מיר שוין וועלען מיין קינד ארומנעהמען און עס קושען, קושען. מיר דאכט זיך, אז יעמאלט וועט מיר אפשר מיין חיות אויסגעהן.

ליבע

אזא זאך אויף זיך צו נעהמען איז שוין אביסעל געוועזן צופיעל. איך ווייס גאר נישט ווי קען מען זיך עס איינהאלטען און א קינד נישט א קוש צו געבען? איך וואלט מיר אפשר...

עפּעס אַ קלייניגקייט ביי אַ מאַמע נישט פּערגיסען קיין טרעהרען ווען מען לעגט איהר קינד אין גרוב אריין ?...

ליבע

וואָס וואָלטען מיר ווערטה געוועזן ביי גאָט, ווען מיר קענען זיך נישט אויסוויינען אין אַן עת־צרה ?

גיטעל

זוכט אין קאַמאָד.

זעהט אויף טשיקאַוועש ווי גאַנץ ס'איז נאָך ס'העמדעלע. אָט אַזוי ליעגט עס ביי מיר אין קאַמאָדע אויסגעוואַשען און אויסגעוועל־גערט. איהר ווייסט וואָס דאָס איז ?

ליבע

איהר קינדערשע העמדעלע.

גיטעל

זאָלט איהר געזונד און שטאַרק זיין : דאָס איז דאָך פון דער אַלטער רביצין, זאָל זיין אין ליכטיגען גן־עדן. אַז זי איז געשטאָרבען, האָ־בען די ווייבער מיר זי אָוועקגעגעבען. פון איהר העמד האָב איך פאַר'ן קינד איבערגענעהט. ס'האָט מיר העט און פיס געציטערט. ווען כ'האָב ס'לייווענט געריסען.

ליבע

דאָס איז נישט קיין קלייניגקייט. אַ צדקת אַ אידענע געוועזן.

גיטעל

ווי שטאַרק די לייווענט איז ! זי איז אין העמדעלע צוויי יאָהר צייט נעגאַנגען און סאיז קיין איין לעכעלע נישטאַ. אָט אדרבה זעהט.

ליבע

איהר שלאָפט נאָך היינט אויך נישט בייטאָג ?

גיטעל

נאָר בייטאָג ? איך לעג זיך נישט פריהער קיין מאָל ווי צוועלף אַ זייגער ביינאַכט. איך פאַל אמאָל אויף דער נאָז, מען האָרעוועט זיך אַן אַ טאָג — נאָר לעגען זיך פריהער ווי צוועלף אַ זייגער... נאָך חלילה מיין נדר נישט געבראָכען. מיר איז נאָר אַ שאָד וואָס נעכע

גיטעל

נאך שבת, אויב גאט וועט שענקען ס'געזונט. די חתונה וועט איצ־טער זיין חמישה־עשר. ס'קינד האלט נאך אין וואקסען. וואס שפע־טער אלץ בעסער. בעבעלע מיינס. ווען זי קומט אריין, וואלט זי שוין באלד אנגעהויבען צו שרייען: גענוג דיר, מאמע, צו פאסטען.

ליבע

ווארום איהר פאסט היינט?

גיטעל

זאל זי מיר נאר זיין אויף לאנגע יאהרען, יעדען דאנערשטאג, נישט פערפעהלט נאך קיין איין דאנערשטאג. זינד ס'לעצטע קינד איז מיר אוועקגעקומען.

ליבע

וואס א מאמע קען בעווייזען.

גיטעל

איך האב געפאסט מאנטאג און דאנערשטאג. האט ער, אהרן שלמה, די מאנטאגען איבערגענומען.

ליבע

איך הער דאך עס איצטער פון אייך, גיטעלשי. ווען איהר פרעגט דעם רב, וואלט ער אייך מתיר געווען.

גיטעל

וואס איז דען מיר יא שווער פאר איהרעטוועגען?

ליבע

האט איהר זי טאקע אויסגעבעטען ביי גאט. ווארום ווער ווייסט פאר וועמעס זינד מען קומט אפ.

גיטעל

מיין מאן זאל לעבען זאגט אויף דאס איינענע. ווען איך נעהם נישט אויף זיך אזא שווערען נדר, ווער ווייס צו מיין קינד וואלט נעבען דער מאמען געבליבען. אז ס'לעצטע קינד איז מיר געשטארבען האב איך א שלאס אריינגעלעגט אין קבר. אפשר טאקע די ערד פער־שלאסען געווארען. קיין איין טרעהר האב איך נישט פערגאסען

אלט. מיר ארט נישט, אז מיין קינד וועט נאך זיצען א מיידעל.

ל י ב ע

חלילה; וואס איהר רעדט. רבקה זעלדע האט עס מיר דערצעהלט. זי האט געלאכט אין די פויסטען, ווארום ווער ווייס עס נישט, אז בעבעלע איז א געזונטע?

ג י ט ע ל

דורך טרעהרען.

אז גאט האט מיך געשטראפט, פון זיעבען איז מיר איינס געבליבען, זאל ער מיך נאך ווייטער שטראפען? ס'איינע קוים אויסגעבעטען און אויסגעוויינט. די גאנצע וועלט ווייסט ווי טייער ס'קינד איז מיר. לויטער. איהר וועט אפשר פערזוכען פון דעם איינגעמאכטס וואס כ'האב נעכטען געפרעגעלט? בעקומט פון אלמער סלויעס ארי־בערגעבונדען מיט ווייסען לייווענט. איהר מוזט עס אדרבה פער־זוכען. אט זאגט פון וואס איז עס געמאכט?

ל י ב ע

פערזוכט און וויל כאפען דעם טעם.

מאמעלעך מיינע, ס'איז דאך אתרוג!

ג י ט ע ל

אתרוג, ליבעשי. מען האט מיך אויסגעלערענט ווי עס צו פרעגלען.

ל י ב ע

ווי עס שמעקט! אתרוג. אזא וואונדער: שוין דאכט זיך אויסגע־פרעגעלט און עס שמעקט אתרוג.

ג י ט ע ל

דריי אתרוגים זענען דא פאראן. קאכענדיג ווערט עס איינגע־פאלען. און דא האט איהר קארשען פון פאר א יאהרען נאך. זעהט ווי פריש, גלייך ווי נעכטען וואלט מען עס געפרעגעלט.

ל י ב ע

המ... ווי שטייף זיי זענען. ביי מיר זענען זיי צוקראכען געווארען. המ... א חיות. אזא מזל אם ירצה השם. און ווען געהט איהר שוין אננעהמען חתונה־קליידער?

א ה ר ן  ש ל מ ה

צופריעדען.

וואָרום זי איז טאַקע ביי אַלעמען אויף'ן אויג.

ל י ב ע

קומט אַן.

אַ גאָט העלף אייך.

ג י ט ע ל

אַ גוט יאָהר, ליבעשי. הער זיך איין, אהרן שלמה, דו געהסט דאָך דאַוונען מנחה, טאָמער זעהסטו זי, זאָג איהר, אַז די מאַמע קוקט אויס די אויגען.

ל י ב ע

בעבעלע'ן מיינט איהר? כ'האָב זי נאָר וואָס געזעהן שפּאַצירען מיט איידלען. קיין עין־הרע, פערשיינט די גאַס.

א ה ר ן  ש ל מ ה

געהט אַרויס.

ל י ב ע

פון דעסטוועגען געפינען זיך בייזע צינגער, מען האָט געפּרואווט אַנ־רעדען.

ג י ט ע ל

מיינט איהר איך וויים נישט? זאָלען שוין אַזוי מיינע שונאים ווייס איך וואָס, וואָס מען קען מיר שוין חלילה טהאָן.

ל י ב ע

מען האָט אַנגערעדט, אַז זי איז נישט קיין געזונטע.

ג י ט ע ל

וועמען מיינט איהר?

ל י ב ע

מען האָט אַנגערעדט פאַר רבקה זעלדע'ן, אַז בעבעלע איז נישט קיין געזונטע.

ג י ט ע ל

געזונט און שטאַרק זאָל זי מיר נאָר זיין. אין גאַנצען זיבעצעהן יאָהר

גאנגען מיט דיר?

ג י ט ע ל

ווען איז נישט דער מאמען! וואו איז זי דען?

א ה ר ן ש ל מ ה

זי איז מיט איהר חבר'טע, ווי רופט מען דארט איהר, מיט איידלען איז זי אוועקגעגאנגען.

ג י ט ע ל

האסט נישט בעדארפט לאזען ס'קינד אליין געהן פון שטוב.

א ה ר ן ש ל מ ה

ס'איז דאך נאך העלער טאג.

ג י ט ע ל

דו פערגעסט גאר, אז זי איז א כלה.

א ה ר ן ש ל מ ה

קיין בייז זאל נישט זיין.

ג י ט ע ל

דיר וועט דאך אודאי וועה טהאן דער קאפ, אז מיט'ן קינד וועט עפּיס טרעפען.

א ה ר ן ש ל מ ה

זיי נישט קיין טפשה און גיס נישט קיין טרעהרען.

ג י ט ע ל

קוקט אין פענסטער.

בעבעלע מיינס, עס פערגעהט שוין באלד די זון. אוי די איידעל. איך האב איהר טויזענד מאל אנגעזאגט, זי זאל ס'קינד פון שטוב נישט ארויסשלעפען. אפשר טויזענד מאל האב איך עס איהר אנגעזאגט. א כלה. ס'איז א סכנה.

א ה ר ן ש ל מ ה

וואוהין געהט זי עס טאקע?

ג י ט ע ל

דער גוטער יאהר ווייסט. שפּאצירען געהען זיי. די גאנצע שטעדטעל לאזט זיך ארויס קוקען.

ג י ט ע ל

קומט אַן.

כ׳לעבען ביזט אַ נאַר. וואָס מאַטערסטו איהם? לאַז איהם אַרויס אויף דער גאַס, זאָל ער שטיפען מיט די קינדער. ווילסטו איהם די גאַנצע תורה אַריינשטאָפּען פאַר איין מאָל?

ד ע ר א י נ ג ע ל

איך וויל נישט שטיפען. איך וויל בעסער לערנען תורה.

ג י ט ע ל

אַ ברכה פון גאָט אַזאַ קינד צו האָבען. ווייסט כאָטש די מאַמע, אַז דו ווילסט אַזוי גוט לערנען תורה?

א י נ ג ע ל

זי ווייסט.

ג י ט ע ל

קושט איהם מיט ליעבע זיינע באַקען. ער פערשעהמט זיך, ווישט די באַק.

א ה ר ן ש ל מ ה

פע, פע, דו צולאָזט מיר מיינע תלמידים.

ג י ט ע ל

געה אהיים, יענקעלע. געה אהיים, ס׳וועט שוין זיין היינט נענוג פאַר דיר.

א ה ר ן ש ל מ ה

אויב דו ווילסט, געה. זאָג דער מאַמען, אַז דער רבי האָט מיט דיר די גאַנצע צייט געלערענט.

א י נ ג ע ל

איך וועל זאָגען. אַ גוטען טאָג.

געהט אַרויס.

ג י ט ע ל

וואָס וואָלט מיר פעהלען, ווען דער וואָס אין הימעל וואָלט ביי מיר מיינע אינגלעך נישט צוגענומען פאַר דער צייט?

א ה ר ן ש ל מ ה

נו, גענוג דיר שוין; גענוג. וואו איז בעבעלע? זי איז נישט גע־

בײַ אהרן שלמה'ן. אַ װײַס אױסגעקאַלעכט שטיבעל. אױף די קלײנע פֿענסטערלאַך זיבער־װײַסע פֿאָרהענגלאַך. די פּאָדלאָגע מיט געלען זאַמד אױסגעשאָטן. נאָך יום־טוב. פֿאַרנאַכט.

אהרן שלמה

זיצט בײַ אַ טיש אין הינטערגרונד און קנעלט מיט אַ אינגעל חומש. ער קנײַפּט דעם אינגעל'ס באַקען מיט ליעבע.

אז דו װעסט אַ גאַנצען זמן אזוי לערנען מיט חשק, װעל איך דיך האָבען האָלד. איך װעל עס דערצעהלען דײַן טאַטען, װעט ער דיך שיקען איבער אַ יאָהר אין ישיבה אַרײַן. װילסט פאָהרען אין אַ ישיבה?

דער אינגעל

יאָ, רבי.

פֿון גאַס דערטראָגען זיך קולות פֿון קינדער, װאָס שטיפֿען הינ־טער'ן פֿענסטער.

אהרן שלמה

זאָג דעם אמת, װילט זיך דיר איצטער נישט אױף דרױסען שטיפֿען מיט די קינדער?

דער אינגעל

נײן, רבי, כ'װיל בעסער לערנען תורה. איך װיל זײַן אַ רב.

אהרן שלמה

אז דו װעסט נאָר חשק האָבען, װעסטו זײַן אַ רב. דער טאַטע װעט מיט דיר דעם שענסטען שידוך טהאָן. ס'װעט זײַן אַ גרױסער כבוד פֿאַר דעם טאַטען.

דער אינגעל

װען װעלען מיר אָנהױבען גמרא?

אהרן שלמה

נאָך הײַנטיגען זמן. איך װעל קריגען צו דיר נאָך אַ חבר, װעלען מיר מיט גאָט'ס הילף אָנהױבען גמרא.

## פערזאנען:

א ה ר ן ש ל מ ה

ג י ט ע ל, זיין ווייב.

ב ע ב ע ל ע, זייער טאָכטער.

ש ל ו ם מ א י ר, בעבעלע'ס חתן.

א י י ד ע ל, בעבעל'ס חבר'טע.

ל י ב ע, א שכנ'טע.

# בעבעלע

אידיליע

1915

ר ב ק ה

קושט זי.

קינד מיינס, האָב רחמנות אויף מיר.

ר אָ ז י

מאמע, לאָז מיר לעבעז.

ד ו ד ק אַ פּ ל אַ ן

קומט אַרויס מיט דער צואה אין האַנט.

געלויבט איז השם יתברך, האָט אונטערגעשריבעז. קום אהרן לאָמיר געהן מענשען אהער אריבערשיקעז.

ר ב ק ה

וואס?! אונטערגעשריבעז... קינד מיינס, וואָס האָסטו געטהאָן?...

ר אָ ז י

איך וועל איהם אין קבר אריין נישט מיטגעהן.

ר ב ק ה

דיין זיידע איז עס דאָך.

ר אָ ז י

און איך וועל איהם נייעט מיטגעהן אין קבר אריין.

ד ו ד ק אַ פּ ל אַ ן

געהט בעסער אריין צו איהם. זאָל ער נישט בלייבען אליין.

ער און אהרן געהן אַרויס.

ר ב ק ה

איך וועל עס נישט אויסהאַלטען...

ברעכענדיג די הענט געהט זי אַריין צום חולה.

ר אָ ז י

זי מאַכט אַ טריט צום קראנקענס טיר, ווי זי וואָלט וועלען אריינ־געהן, קעהרט זיך פּלוצלונג אָב פון טיר און געהט אַרויס פון שטוב.

.1915

ר אַ ז י

איך וועל גערענקען.

ד ו ד ק אַ פּ ל אַ ן

וועסטו עס אויספיהרען?

ר אַ ז י

איך ווייס נישט.

ד ו ד ק אַ פּ ל אַ ן

וואס הייסט דו ווייסט נישט? דער גאַנצער פערמעגען וועט דיר געהערען; וואס וועסטו טהאָן דאמיט?

ר אַ ז י

קומט אַריין.

מיין קינד, דער זיידע פרעגט זיך אויף דיר. געה אריין צו איהם. ער וויל דיך זעהן.

ר אַ ז י

איך וועל נישט געהן.

ד ו ד ק אַ פּ ל אַ ן

ער קומט צו זיך. גאָט'ס נסים.

ער פארנעהמט פּאַפּיר, טינט און פעדער און געהט אַריין צום אַלטען.

ר' א ה ר ן

קומט אַרויס.

ער וויל זעהן זיין אייניקעל.

ר ב ק ה

קינד מיינס, נעהם מיר מיין לעבען נישט צו. געה אריין צו איהם.

ר אַ ז י

איך וועל איהם נישט פאָלגען.

ר ב ק ה

אפשר איז ער מסכים; געה אריין צו איהם. ער וויל דיך זעהן.

ר אַ ז י

עס וועט גאַר נישט העלפען. איך וועל איהם נישט פאָלגען און איך וויל צו איהם נישט אריינגעהן. איך בין יונג און כ'בעדארף לעבען.

ר א ז י

בלייב אין שטוב, זיידע, זיי מיט אונז. אויב איך בין שולדיג, טא זיי מיר מוחל, כ'האב דיר פארשאפט עגמות נפש.

פ נ ח ס   פ י י נ ב ע ר ג

דו אויך, כי, כי, כי... מען לאזט מיך נישט ארויס פון שטוב. ביזט מיין אייניקעל... אט אזוי העלף מיר זיך זעצען. אט אזוי. ביזט קליגער פון זיידען. נו, פארטייל דו. אידען זיצען, זאג, וואס מען זאל שרייבען.

ד ו ד   ק א פ ל א ן

כל זמן איהר לעבט איז אלץ אין אייער רשות. אלץ אין אייער רשות.

פ נ ח ס   פ י י נ ב ע ר ג

קינדיש.

כי, כי, כי, טא פאר וואס וויל זי נישט זיין אין מיין רשות?

בלייבט זיצען אין שטוהל כמעט עבר־בטל.

ר' א ה ר ן

איז זעהר אבגעשוואכט.

ר ב ק ה

ער האט ניט בעדארפט אראפ פון געלעגער. שוועור לעבען, קומט צו זיך אין צימער אריין. איהר וועט זיך אנידערלעגען.

פ נ ח ס   פ י י נ ב ע ר ג

שטרעקט אויס די הענט ווי א קינד און לאזט זיך פיהרען.

ד ו ד   ק א פ ל א ן

צו ראזי'ן.

האסט געהערט וואס דער זיידע האט אנגעזאגט?

ר א ז י

איך האב געהערט.

ד ו ד   ק א פ ל א ן

נו, אין פאל אז קיין געשריבענע צואה וועט נישט איבערבלייבען וועסטו געדענקען וואס דער זיידע האט פערלאנגט?

פ נ ח ס   פ י י נ ב ע ר ג

וואָס איז מען אנטשוויגען געוואָרען?

ר׳   א ה ר ן

אפשר האָט טאקי ר׳ פנחס איבערגעכאפּט די מאָס? זייט זיך מישב.

ר אָ ז י

איך זאָג מיר אָפּ פון מיין טייל. דער זיידע ווייסט אליין בעסער ווי אזוי זיין פארמעגען אבצוגעבען.

פ נ ח ס   פ י י נ ב ע ר ג

וואָס שווייגט איהר, אידען? איהר הערט וואָס זי זאָגט? וואָס האָב איך געטהאָן? דערמאָנט מיר. אפשר האָב איך נישט קיין רשות אויף דעם?... יאָ זאָל זיין איין זעקסטיל, נאָך אַ זעקסטיל טומעלט זיך. איז נאָך צוויי זעקסטיל, יאָ, אַ זעקסטיל...

ד ו ד   ק אַ פּ ל אַ ן

ס'איז גוט ווי איהר האָט געהייסען שרייבען.

פ נ ח ס   פ י י נ ב ע ר ג

וויל זיך אויפהויבען פון אָרט.

וואו איז מיין קינד, הא?... וואו איז מיין קינד?

ר אָ ז י

אָט בין איך.

פ נ ח ס   פ י י נ ב ע ר ג

הא, ניין נישט דאָס האָב איך געמיינט... יאָ, מיין קינד... פיהרט מיך אין מושב־זקנים אריין. מען וועט דאָרט געפינען אַן אָרט פאַר מיר.

ער לאָזט זיך געהן צום ארויסגאַנגס טיר.

ר ב ק ה

וואָס איז דאָ היינט? כ'וועל אפשר פון זינען אראָפּ. שווער לעבען וואוהין ווילט איהר געהן? ווער רעדט דען אייך אנטקעגען? טהוט ווי איהר פארשטעהט גיט אוועק אלצדינג וועמען איהר ווילט.

ר אַ ז י

געהט צו.

אַט בין איך, זיידע.

פּנחס פיינבערג

ס'איז צו מערקען אַז ער ווערט אַלץ שוואַכער. פאַרבאָרגט זיין אויפרעגונג.

האָסט געהערט מיין צואה?

ר אַ ז י

איך האָב געהערט.

פּנחס פייַנבערג

ביזטו מסכים?

רבקה

זי ווייסט נישט וואָס זי רעדט. זי איז משוגע. איך בין נישט מסכים. איך האָב אָבגעפינסטערט מיין גאַנץ לעבען דאָ אין שטוב. פאַר וואָס קומט עס מיר? זי האָט קיין שכל נישט; הערט איהר נישט וואָס זי רעדט. ווען איך וואָלט אפילו נאָר געווען א דינסטמיידעל אין שטוב וואָלט מען מיר אויך נישט געדאַרפט אַזוי איבערלאָזען ווי אויפ'ן וואַסער.

וויינט.

פּנחס פייַנבערג

וואָס זאָגט איהר, אידען, אפשר בין איך אומגערעכט?

דוד קאַפּלאַן

איך מיין, אַז עס וועט בלייבען פאַר זיי גענוג. צו רבקה'ן. איהר זענט דאָך נישט קיין יונגער מענש — איהר בעדאַרפט אַליין פער־שטעהן, אַז מען בעדאַרף האַלטען הייליג דעם ווילען פון אָנ'עלטע־רען מענשען...

ר אַ ז י

איהר אידען, מעגט צונעהמען אַלצדינג פון שטוב. איך בעדאַרף גאַר נישט.

אַלע שווייגען.

ר׳ אהרן

אויף אונזער רב קען מען זיך פארלאזען.

פנחס פיינבערג

איהר ווייסט, אז קיין מזומנים איז נישט פארהאן.

דוד קאפלאן

מען ווייסט, אז אויף די הייזער איז קיין צינזען נישטא.

פנחס פיינבערג

נו, און דאס איבריגע, יא דער מושב־זקנים...

דוד קאפלאן

מיר האבען געשריבען, לעזט, אני פנחס בן ר׳ מאיר....

פנחס פיינבערג

רעכט, רעכט, נישט נויטיג צו לייענען.. יאָ און דאס איבריגע ווי־פיל, דארט צוויי זעקסטלעך זאל זיין...

רבקה

וואס איז די גאנצע צייט געשטאנען ערשטוינט און זיך צוגעהערט ווי מען טיילט דעם פארמעגען, לויפט צום טיש און לאזט ניט שרייבען. אידען האט רחמנות אויף אן אומגליקליכע אלמנה מיט איהר יתומה. קינד מיינס, וואס שטעהסטו פון ווייטענס ? לאז נישט מען זאל אונז בארויבען.

ראזי

מיר איז אלץ איינס.

דוד קאפלאן

וואס הייסט מיר בארויבען ? אזוי איז דער ווילען פון אייער שווער.

פנחס פיינבערג

הא, וואס ? אנ׳אונרעכט ? כ׳האב אפשר טאקי פארגעסען ; וואו איז זי, מיין אייניקעל. געמיינט זי איז פון שטוב ארויסגעגאנגען.

רבקה

געה מיין קינד צו. דער זיידע רופט דיך.

פנחס פיינבערג

קום נאהנטער מיין אייניקעל.

האט נאר געוואלט אבקויפען דעם דאבייהיגען פלאץ. טאמער וועט מען בעדארפען צובויען.

פנחס פיינבערג

הכנסת אורחים... אביסעל אבגעלאזען... זאל מען בויען אויפס׳ניי... זאל זיין אויך איין זעקסטיל. וואס זאגט איהר, אידען?

ר׳ אהרן

ווי אייער ווילען וועט זיין אזוי וועט מען טהאן.

דוד קאפלאן

אויף דעם האט מען זיך גאר נישט געריכט. מען האט געמיינט אז איהר וועט נאר בויען א נייע תלמוד תורה.

פנחס פיינבערג

דאס אויך. כ׳האב נישט פארגעסען. כ׳האב דעם רב צוגעזאגט. וועל איך האלטען ווארט. לאכט קינדיש. פנחס פיינבערג איז רייך. אלע וויסען עס. נישטא וואוהין ס׳פארמעגען אהינצוטהאן. נו אין דער בקור־חולים?

ר׳ אהרן

איהר האט דאך געהערט פון דעם סכסוך? זיי האבען זיך אבגעטיילט. ווייסט איהר דאך, אז צוויי בקור־חולים׳ס איז שוין איצטער פארהאנען.

פנחס פיינבערג

מה־רעש? זאל זיין אויף ביידע. איין זעקסטיל. ווען זיי זיך טיילען. שרייב אזוי. באים דער סכסוך וועט אנהאלטען — איז אויף דער העלפט.

דוד קאפלאן

אזוי האב איך געשריבען.

פנחס פיינבערג

און, יא, דער רב זאל עס נעמען אין זיין רשות. כ׳פארלאז מיר אויף איהם.

דוד קאפלאן

אזוי איינגעשריבען.

דוד קאפּלאן און ר׳ אהרן קומען אריין.

ד ו ד  ק א פּ ל א ן

כאַ, כאַ, רב פּנחס האָט זיך אַראָבגעקליבען פון געלעגער.

ר׳  א ה ר ן

וואָס מאכט רב פּנחס? געקומען מבקר־חולה זיין.

פּ נ ח ס  פּ י י נ ב ע ר ג

ווערט פרייער.

דערלאַנגט שטוהלען צום זיצען. זעהר גלייך געטהאָן: געקומען אין צייט. איך געדענק אַלץ... וועסט שרייבען דוד. אַ שאָד די צייט.

ד ו ד  ק א פּ ל א ן

אפשר זאָל מען אריינגעהן אין אַנדערע חדר?

פּ נ ח ס  פּ י י נ ב ע ר ג

ס׳איז רעכט דאָ אויך. דאָ איז ליכטיגער. זיי ווייסען אַלע מיין ווילען. מעגען זיין דאביי.

ר׳  א ה ר ן

דער רב האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף אייך.

פּ נ ח ס  פּ י י נ ב ע ר ג

וועט מען דערלאַנגען טינט און פעדער.

ר ב ק ה

ס׳איז אַלצדינג פאַרהאַן אויפ׳ן טיש.

פּ נ ח ס  פּ י י נ ב ע ר ג

אַלצדינג צוגעגרייט. כאַ, דער מושב־זקנים, ווי געזאָגט, איין זעקס־טיל פון מיין פאַרמעגען. מען ווייסט וויפיעל. ביים רב ליגט דער צעטיל. קיין מזומנים נישטאָ. נו, הייזער — גוט ווי מזומנים.

ד ו ד  ק א פּ ל א ן

שרייבט.

ר׳  א ה ר ן

די גרעסערע העלפט, ווי איהר ווייסט, האָט די שטאָט געהאַט. מען

פנחס פײנבערג

ווילסט נישט? כ'האָב מײַן פאַרמעגען אָרענטלעך געזאַמעלט. כאַ. פאַר וואָס ווילסטו נישט?

העלער

איך ווײס נישט וואָס איהר מײנט.

פנחס פײנבערג

שעמסט זיך מיט מײַן פאַרמעגען, כאַ? מײַן אײניקעל איז אויך מײַן פאַרמעגען. איהר פאָטער, מײַן זוהן. כאַ, אַ כשר'ער איד געוועזן.

העלער

איך ווײס עס.

פנחס פײנבערג

יאָ, ווײסט עס. כאַ, ווײסט. טאָ גײה פון מײַן שטוב! אַ איד בעדאַרף איך, אַ איד, אַ איד...

העלער

איך וויל איהר זאָלט מיר אויסהערען... אמת טאַקי, מײַן ברודער איז אַוועק פון אידען...

פנחס פײנבערג

מאַכט מיט'ן האַנט ער זאָל אַוועקגעהן.

העלער

נישטאָ זיך וואָס נאַריש צו מאַכען.

געהט שנעל אַרויס פון שטוב.

רבקה

שווער לעבען, איך וועל אײך נעהמען צוריק צונ'אײך אין צימער.

פנחס פײנבערג

ס'איז רעכט... וואו ביזטו? רײזיל, וואו איז זי?

ראָזי

אָט בין איך, זײדע.

פנחס פײנבערג

געמײנט ביזט אויך אַוועק. כי, כי, כי... נאָך געטרײַ דעם זײדען.

ר אַ ז י

זאָג דו איהם מאַמע, אַז אומזיסט בעשטראָפט ער מיר. וואָס האָט ער צו איהם; ער קען דאָך איהם נישט אפילו. איך קען זיך נישט לאָזען טרעטען מיט די פיס.

פּ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

נישט לאָזען טרעטען מיט די פיס... כאַ, גערעכט. דער זיידע האָט זיך אויך נישט געלאָזט טרעטען מיט די פיס... טאַ רוף איהם אַהער, כ'וויל איהם פרעגען, וואָס ט'ער טהאָן מיט מיין פאַרמעגנעז.

ר ב ק ה

נעה רוף איהם אריין.

ר אַ ז י

איך וויל נישט.

פּ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

ווער, האַ?

ה ע ל ע ר

קומט אַריין געהט גליין צום אַלטען.

אַט בין איך; כ'האָב שוין עטליכע מאָל געוואָלט אריינגעהן צונ'איך.

פּ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

דאָס ביזטו? יאַ?

ה ע ל ע ר

יאַ, ר' פּנחס.

פּ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

דיר געפעלט מיין אייניקעל?

ה ע ל ע ר

איך וועל בעטען באַנ'אייך אייער וואָרט.

פּ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

כי, כי, כי, ווייסט, זי איז אַנ'אָרים קינד. נאַקעט. פאַרמאָגט גאָר נישט.

ה ע ל ע ר

איך בעדאַרף נישט קיין רייכקייט.

ר ב ק ה

די שטאָט וויל ביי איין אַלצדינג צונעהמען.

פ נ ח ס  פ י י נ ב ע ר ג

איך גיב מיט מיין אייגענעם ווילען. כ'האָב נאָך א ווילען.

ר ב ק ה

וואָס וועט ווערען מיט אונז?

פ נ ח ס  פ י י נ ב ע ר ג

לאַכט זיך פאַנאַנדער.

הא, אבן תשעים זאָל פאר אייך זאָרגען? יונגע מענשין: פאַרהאַן א גאָט, א גרויסער גאָט, ער דאגה'ט. איך קען נישט פערזאָרגען.

נעהמט נישט אַראָפּ קיין אויג פון ראָזין, וואָס שטעהט אָנגעשפּארט נעבען זיין שטוהל.

ר אָ ז י

הייבט אָן וויינען.

וואָס ווילסטו פון מיר? פאר וואָס פייניגסטו מיך? איך בין דאָך שוין אַנ'עלטער קינד; צו האָב איך דיר נישט געפאָלגט א מאָל?

פ נ ח ס  פ י י נ ב ע ר ג

נעהמט איהר האַנט וועלענדיג זי בערוהיגען אָהן ווערטער. שוויי־געו אַלע אַ צייט. וויל זיך אויפשטעלען, פאַלט צוריק אין זיין שטוהל.

זאָגסטו, אז דו וועסט פאָלגען א זיידען. כאַ, כ'וועל דיר גלויבען ווען דו וועסט מיר צוזאָגען.

ר אָ ז י

וואָס האָסטו צו איהם? דו קענסט איהם נישט.

פ נ ח ס  פ י י נ ב ע ר ג

איך האָב פאר דיר אויסגעקליבען אַן עהרליכען אידען. א זוהן פון צדיקים.

ר אָ ז י

וואָס שווייגסטו, מאמע? דו קענסט דאָך זאָגען...

פ נ ח ס  פ י י נ ב ע ר ג

כ'וועל אַלצדינג אָבגעבען שטאָט: אויף צדקה.

פנחס פיינבערג

נישט געלערענט? קענסט מיך נישט? נישט דיין זיידע? קוק מיך אן: פנחס פיינבערג, יא?...

ראזי

איך בין נאך יונג און ווייס גאר נישט.

פנחס פיינבערג

נישט אמת! אז ביזט יונג געוועזן האסטו נישט גערעדט מיט אזא העזה. און וואס זאגט די מאמע?

רבקה

איך האב שוין אויסגעוויינט מיינע אויגען.

פנחס פיינבערג

וויינט נישט. מען בעדארף נישט. כ׳פארלאנג נישט... וועסטו געבען צדקה פון מיין פארמעגען?

ראזי

פרעג מיר נישט. דו לעבסט דאך נאך. איך וויל דו זאלסט נאך לאנג לעבען.

פנחס פיינבערג

לאכט מיט א שוואכען קינדערישען געלעכטער.

אט דאס איז קלוג געזאגט. ווילסט כ׳זאל לעבען, כי, כי כי...

רבקה

ארואי וויל זי, איהר זאלט זיין געזונד און שטארק: ווארום וואס קען, חלילה, פון אונז ווערען?

פנחס פיינבערג

נענוג געלעבט. ס׳קומט מיר נישט מעהר.

קוקט זיך ארום.

ראזי

וועמען זוכסטו, זיידע?

פנחס פיינבערג

דוד איז געוועזן ביי מיר: ער איז אוועקגעגאנגען?

וואס קען איך מאכען? איך בין נישט שולדיג.

פנחס פיינבערג

צו וואס גענארען א זיידען? כא, זאגט מען, ס׳אייניקעל וויל דיך נישט זעהן. נישט אמת, כא?

ראזי

איך האב דיך ליב, זיידע, און כ׳האב דיך געוואלט זעהן.

פנחס פיינבערג

האסט מיך האלד, זעהר האלד, דאך ביזטו מיר נישט קיין זוהן פון מיין זון געבוירען און גאר פרעמד... גענארט דיך אנצוקוקען. אפשר האסט מיך האלד, זעהר האלד... דאך ביזטו מיר נישט קיין זון. פון ס׳פנים פון מיין קדיש זעהן: געמיינט אין טאטען געראטען. כא, גענארט מען מיך.

ראזי

כ׳האב דיר זיידע נישט געוואלט אנטהאן קיין צער.

פנחס פיינבערג

צער... כא, כא... ווייסט נישט וואס ס׳איז. ווי קומט א קינד צו וויסען? א זיידע יא, ער ווייסט. כ׳האב מיר מטריח געווען צו דיר. געוואלט דיך זעהן כע — כע — געוואוסט וואס דא קומט פאר אין שטוב. מיך גענארט מען נישט. וואלסטו געווען א קדיש, מיינס א גלייכען, כא...

ראזי

וויינט

וואס ווילסטו פון מיר, זיידע?

פנחס פיינבערג

ניטע. מען בעדארף נישט וויינען. האסט א שטארקען רצון. אמת, נישט צו געהן אויפ׳ן גלייכען וועג. נו, וואס ט׳איהר דא טהאן מיט מיין פארמעגען? נאך נישט באטראכט וואס צו טהאן? וועסט פיהרען א אידישע שטוב, הא?

ראזי

איך וויים נישט ווי אזוי צו פיהרען א אידישע שטוב.

פ נ ח ס  פ י י נ ב ע ר ג

עפענט די טיר און בעווייזט זיך אויפ׳ן שוועל. ער איז שוואך קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס. די פרויען פארוואונדערט און צעטומעלט.

ר ב ק ה

גאָט איז מיט איך. איהר וועט דאך נאך פאַלען.

נעהמט איהם אונטער׳ן אָרעם.

פ נ ח ס  פ י י נ ב ע ר ג

כ׳האב נאך כוח... אָט אזוי האַלט מיך צו. כ׳וועל מיר אביסעל דורכגעהן איבער׳ן שטוב.

ר ב ק ה

אפשר איז טאקי גלייכער, וואָס איהר זענט אראפגעגאנגען.

פ נ ח ס  פ י י נ ב ע ר ג

בעמערקט ראָזין.

אָט איז זי, כא. מיר האָט מען געזאָגט, ביזט אוועקגעפאָהרען. כא, געלאָזען אליין דעם זיידען און אוועקגעפאָהרען.

ער לאָזט זיך אַראָפּ אין אַ טיפען שטוהל. נעהמט ניט אַראָפּ קיין אויג פון ראָזין.

ר אָ ז י

וואָס מאכסטו, זיידע?

פ נ ח ס  פ י י נ ב ע ר ג

קום נאָהנטער. האָסט מורא פאר׳ן זיידען. כא, אזוי פון ווייטען.

ר אָ ז י

אָט בין איך.

פ נ ח ס  פ י י נ ב ע ר ג

קום אהער, נאך נאָהנטער. די אויגען זיינען מיר שוואך. כ׳האָב דיך געגאַרט צו זעהן און דו, ביזט אוועקגעפאָהרען, האָט מען מיר געזאָגט. ווי קומט עס, הא?

ר ב ק ה

מיט טרעהרען

ר ב ק ה

ער האָט דאָך שוין איין מאָל געשריבען.

ד ו ד  ק אַ פּ ל אַ ן

אפשר וויל ער דאָרט עפּעס איבערמאַכען. כל זמן א מענש לעבט קען ער טהאָן מיט זיין פאַרמעגען וואָס ער וויל.

ר ב ק ה

איך בין אַנ'אומגליקליכע אלמנה מיט א יתומה. מיר וועלען נאָך בעדאַרפען אָנקומען צו לייטען. ראָזי, קינד מיינס, געה אריין צום זיידען, בעט איהם ער זאָל אונז נישט פאַרגעסען.

ד ו ד  ק אַ פּ ל אַ ן

איהר ווייסט וואָס עס הייסט דער ווילען פון א גוסס? ווער זענט איהר אַזעלכע וואָס איהר ט'זיך איינשטעלען אנטקעגען דעם ווילען פון פּנחס פיינבערג?! צו ראָזין. ווייסט אַז דו ביזט מקצר זיינע יאָהרען?!

ר אַ ז י

איהר האָט נישט קיין דעה צו זאָגען אויף מיר.

ד ו ד  ק אַ פּ ל אַ ן

שעמען האָט איהר זיך בעדאַרפט אַזוי צו רעדען. אַזוי זיך צו פאַר־געסען.

ר ב ק ה

ס'האַרץ איז איהר נעביך פאַרביטערט.

ד ו ד  ק אַ פּ ל אַ ן

איך בין נאָר א שליח פון שטאָט, און מעהר גאָר נישט.

געהט אַרויס.

ר ב ק ה

מיין קינד, האָב רחמנות אויף מיר. באַלד וועט אַלצדינג זיין פאַרפאַלען. געה אריין צו איהם. זאָג איהם, אַז ער איז מחויב צו האָבען דיך אין זינען. קושט זי. וועסט אריינגעהן צו איהם, יאָ? זאָג איהם צו, אַז דו וועסט איהם פאָלגען און דאַנאָך וועט מען זעהן אפשר...

ד ו ד  ק א פ ל א ן

פאר וואס זאל מען נישט וויסען? ווער ווייסט עס נישט זיינע הייזער אין שטאט?

געהט צום חולה'ס טיר.

ר ב ק ה

ער איז זעהר שוואך; גלייכער מען זאל איהם לאזען צורות.

ד ו ד  ק א פ ל א ן

איהר זאגט דאך, אז ער האט זיך נאכגעפרעגט אויף מיר. אפשר האט ער עפעס נויטיגעס צו זאגען.

געהט אריין אין צימער און פארמאכט די טיר הינטער זיך.

ר א ז י

וואס בעדארף ער דא?

ר ב ק ה

האסט דאך געהערט וואס ער האט גערעדט. אונז וועט נאך אויס־קומען אוועקצוגעהן איבער די הייזער.

ר א ז י

געהט צום קראנקענס טיר און הערט זיך איין.

ר ב ק ה

זעהסטו ווי דו ציטערסט.

ר א ז י

גיי מאמע, אריין און הער וואס ער רעדט מיט איהם.

ד ו ד  ק א פ ל א ן

קומט ארויס.

איך וועל געהן רופען נאך א פאר מענשען. ער וויל שרייבען א צואה.

ר ב ק ה

וואס?!

ד ו ד  ק א פ ל א ן

איהר הערט דאך. ער וויל שרייבען א צואה.

ר ב ק ה

הערסט, מיין קינד?

ד ו ד ק א פ ל א ן

דאס איז עס אייער טאכטער? אויף דיין מזל פאלט אויס אזא עשירות: נו וועסטו ווייסען וואס צו טהאן מיט׳ן זיידענס פארמע־גען?

ר א ז י

איך ווייס גאר נישט.

ד ו ד ק א פ ל א ן

ווינציג אידען אזעלכע איבערגעבליבען. וועסטו ווייסען וואו צו געבען און וואו צו שפארען?

ר א ז י

דערוויילע איז עס נאך זיין פארמעגען.

ד ו ד ק א פ ל א ן

אזוי רעדען היינטיגע קינדער. יא, קען מען אריינגעהן צו איהם?

ר ב ק ה

מיר דאכט, אז ער איז איינגעשלאפען.

ד ו ד ק א פ ל א ן

שען געפיהרט זיין וועלט. זיין ארט וועט בלייבען לעדיג. מען האט אלץ געהאפט, אז ער אליין וועט נאך דעם בית־יתומים בויען. כ׳האב מיט איהם גערעדט וועגען דעם.

ר ב ק ה

הערסט מיין קינד?

ד ו ד ק א פ ל א ן

האט נאר נישט קיין פחד. ס׳וועט נאך בלייבען גענוג פאר אייער קינד. איך ווייס גאנץ גוט, וואס עס איז געווען זיין ווילען.

ר ב ק ה

איהר האט א גרויסען טעות אויב איהר מיינט, אז ער פארמאגט אזוי פיל.

דארף זיין קינד נישט שטעהן אין וועג.

ר ב ק ה

נישט ער איז אין דעם שולדיג; איך אליין זאג אז איהר זאלט מיך און מיין קינד צורוה לאזען.

ה ע ל ע ר

איך ווייס. אז איהר האט צו מיר גאר נישט; ווען דער אלטער זאל גאר ניט שרעקען מיט'ן אבשרייבען זיין פארמעגען פאר שטאט —

ר ב ק ה

איך וויל נישט געהן צוליב אייך איבער די הייזער. איך קען אייך נישט און מיין קינד איז נאך צו יונג. זי וועט אהן דער מאמען נישט טהאן אזא זאך.

ד ו ד ק א פ ל א ן

קומט אריין.

א גאט העלף.

ר ב ק ה

א גוט יאהר. מיין שווער האט היינט צוויי מאל געפרעגט אויף אייך.

ר א ז י

רעדט מיט העלער'ן ביים טיר. זיי געהן ביידע אריין צו איהר אין צימער. זי קומט באלד ארויס צוריק.

ד ו ד ק א פ ל א ן

מען האט היינט פון זיינעטוועגען געזאגט אין שול תהילים. וואס מאכט ער?

ר ב ק ה

זעהר שוואך.

ד ו ד ק א פ ל א ן

מען האט מיך געשיקט פון שטאט זיך דורכרעדען מיט איהם וועגען א פאר נויטיגע זאכען. ער האט צוגעזאגט נאך פאר א יאהרען, אז ער וועט שטאט העלפען. איצטער שמועסט מען, ער האט אלץ אב־געשריבען פאר'ן איניקעל.

ר א ז י

איך וועל נישט געהן.

ה ע ל ע ר

איך וועל אליין געהן צו איהם.

ר ב ק ה

ניין, ניין, מען בעדארף נישט. צוליב אייך איז ער קראנק. איהר ביידע פארקירצט איהם זיינע יאהרען.

ה ע ל ע ר

איהר זענט א מוטער פון אייער קינד און איהר טארט נישט רעדען אזוי.

ר ב ק ה

איך מעג, פערלאנגען אז מיין קינד זאל זיין גליקליך, איהר הערט?

ה ע ל ע ר

איך וויל איהר זאלט מיר פערשטעהן.

ר ב ק ה

איך וויל אייך נישט פערשטעהן.

ה ע ל ע ר

וואס האט איהר צו מיר?

ר ב ק ה

איך וויל איהר זאלט לאזען צורוה מיין קינד.

ה ע ל ע ר

איך וועל עס טהאן, אבער פריהער וויל איך רעדען מיט'ן אלטען.

ר א ז י

דו וועסט נישט אריינגעהן צו איהם.

ה ע ל ע ר

איך פארשטעה נישט פארוואס.

ר א ז י

איך האב פאר איהם מורא, און דו בעדארפסט צו איהם נישט געהן.

ה ע ל ע ר

איך וויל מיט איהם רעדען: איך וועל איהם בעווייזען אז ער בע־

ר אַ ז י

שוין, זאָג מיר וואָס נאָך ווילסטו פון מיר? אַט אדרבה זאָג מיר וואָס איז א שענער איד? איך וויים עס נישט. מיר איז שען דער ווערמען איך האָב אויסגעקליבען.

ר ב ק ה

טאָ פאַר וואָס ווילסטו צו איהם נישט אריינגעהן? כ׳וויים, אַז נישט מיט דיין איינגענעם שכל טהוסטו עס. ווארום מיין קינד האָט גאָר נישט געקענט זיין אזוי שלעכט.

ר אַ ז י

גערהט צום טיר פון איהר צימער.

העלער קום ארויס אויף א מינוט.

ר ב ק ה

ער איז דאָ אין שטוב, איך וויל איהם נישט קענען!

ה ע ל ע ר

קומט ארויס.

אַט בין איך באַנ׳אייך אין שטוב. ענטשולדיגט מיר. אויב איהר ווילט עס נישט, וועל איך ארויסגעהן.

ר ב ק ה

וואָס ווילט איהר האָבען פון מיר? איהר ברענגט אנ׳אומגליק אויף מיין שטוב.

ה ע ל ע ר

פארקעהרט. נאָך מיט א ווייל׳ע פריהער האָב איך ראָזין געבעטען אַז זי זאָל צונ׳איהם אריינגעהן. איך וויל אליין זיך זעהן מיט איהם זאָל ער מיר זאָגען וואָס ער האָט צו מיר.

ר ב ק ה

מיין קינד איז צו מיר קיין מאָל נישט געוועזען אזוי פרעמד.

ה ע ל ע ר

איך אליין האָב איהר געהייסען זי זאָל זיצען נעבען זיידענס בעט. זי האָט עס מיר צוגעזאָגט.

ר א ז י

וואס בעדארף ער מיך?

ר ב ק ה

ווייסט, וואס בעדארף ער דיך... ער איז דאך דיין זיידע. ער וויל דיך זעהן.

ר א ז י

איך וועל צו איהם מעהר נישט אריינגעהן. וואס ווילסטו פון מיר האבען?

ר ב ק ה

איך וויל נאר, דו זאלסט וויסען, אז דער זיידע ליגט אויפ'ן טויטען בעט און דו פיהרסט זיך אויף...

ר א ז י

מאמע, כ'בעט דיר, לאז צורוה. כ'וועל צו איהם נישט אריינגעהן.

ר ב ק ה

ביזט ס'איינציגע וואס איז איבערגעבליבען פון זיין זון.

ר א ז י

איך וויים וואס ער וויל מיר זאגען און דאריבער וויל איך צו איהם נישט אריינגעהן. איך קען זיין בליק נישט איבערטראגען. זיינע בליקען געהן מיר נאך.

ר ב ק ה

ער לאזט דיך פון מויל נישט ארוים.

ר א ז י

זאל ער מיר נישט שטעהן אין וועג.

ר ב ק ה

ער וויל זיין אייניקעל זאל חתונה האבען מיט א שענעם אידען און ער איז נערעכט.

ר א ז י

ער האט מיר נישט צו זאגען קיין דעה.

ר ב ק ה

איך וויל עס אויך. הערסט, איך וויל עס.

ר א ז י

איך וועל דא דערשטיקט ווערען אין שטוב.

ר ב ק ה

ער האט נאר וואס געפרעגט אויף דיר. ער לאזט דיך פון די ליפען נישט אראפ.

ר א ז י

איך קען איהם נישט מאכען צוריק יונג.

ר ב ק ה

ווען דו וואלסט געדענקט דעם טאטען דיינעם, וואלסטו ערשט ווי סען ווער עס געהט אוועק פון דער וועלט.

ווישט די טרערען.

ר א ז י

א מענש לעבט נישט אייביג.

ר ב ק ה

ס'איז טאקע אלין אמת, אבער נישט אזוי האט עס געדארפט זיין.

ר א ז י

איך בעט דיר רעד מיר נישט דאפון. כ'האב דיר געזאגט, אז כ'בין איהם אלין מוחל. זאל ער אבשרייבען זיין פארמעגען פאר וועמען ער וויל. א מענש וואס קלייבט זיך שטארבען בעדארף נישט שטעהן אין וועג דעם וואס בעדארף נאך לעבען. איך וויל לעבען!

ר ב ק ה

נו גוט. ווער לאזט דיר נישט לעבען?

ר א ז י

דו מימ'ן זיידען. כ'ווייס נישט וואס איהר ווילט פון מיר.

ר ב ק ה

מאכסט זיך אומגליקליך.

ר א ז י

זאל עס קיינעם נישט ארען. כ'וועל דא דערשטיקט ווערען אין שטוב.

ר ב ק ה

אבער אריינגעהן צו איהם קענסטו דאך. ער וויל דיך זעהן.

אַנ'אַלטמאָדיש, רייך געמעבלירט צימער. געגנוג פענסטער.
רעכטס צוויי טירען. אין הינטערגרונד די אַריינגאַנגס טיר.
סוף זומער. אַרום האַלבען טאָג.

ר אַ ז י

קומט אַן. בלייבט אין טיר, רעדט צו אימעצען דרויסען.

קום אריין, וועסטו זיצען ביי מיר אין צימער.

ה ע ל ע ר

בעווייזט זיך אויפ'ן שוועל.

דיין מוטער ליידט דאפון.

ר אַ ז י

זי וועט דיך נישט בעלעדיגען ביי זיך אין שטוב.

ה ע ל ע ר

נישט דערפאר. איך וויל איהר נישט פערשאפען קיין עגמות נפש.
גוט, כ'וועל זיצען א ווייל'ע ביי דיר אין צימער.

ער געהט אַריין אין צימער.

ר אַ ז י

מאמע, מאמע!

ר ב ק ה

קומט אַרויס פון דעם אַלטענס צימער, פארזאָרגט, נידערגעשלאָגען,
שריי נישט אזוי, מיין קינד, ער איז נאר וואס איינגעשלאפען.

ר אַ ז י

וואס מאכט ער?

ר ב ק ה

איך וועל עס נישט אויסהאַלטען.

ר אַ ז י

וואס קוקסטו מיר אזוי אַן גלייך ווי איך וואלט געווען שולדיג?

ר ב ק ה

האסט קיין רחמנות נישט אויפ'ן זיידען, טא האב רחמנות אויף
מיר.

פערזאנען:

פנחס פיינבערג
רבקה — זיין שנור
ראזי — איהר טאָכטער
דוד קאפלאן
אהרן
העלער.

# אויפ'ן שוועל

א פּאַר שטריכען

קעל גרינגער געוואָרען. א גוטען טאָג. קושט די מזוזה און כאַפּט נאָך אַ קוק אין אויווען. זעה, מיין קינד, אין אויווען וועט ווערען צו קאַלט.

געהט אַרויס, אַלע בעגלייטען זי מיט די בליקען, ווינשענדיג איהר אַ „געהט־געזונד".

מ ר ד כ י נ ד ל י ה

זעה טאַקע, מיין קינד, אַז דער אויווען זאָל נישט אויסקיהלען.

ב נ י מ י ן

ווּעלען מיר טאַקע באַלד זעהן ווי פריידעלע וועט עס א ברויט באַקען?

פ ר י י ד ע ל ע

פערקאַשערט די אַרבעל און הויבט אָן אַרויסצושאַרען מיט דער קאָטשערע די רויטע קוילען פון אויווען. אַלע דריי מאַנסבילען שטעהען פון ווייטען און קוקען מיט גרויס ליעבע צו איהר אַרבייט.

∀

י צ ח ק

כ'וועל איך אבפיהרען וואו איהר בעדארפט.

ד י א ל ט ע

קלייבט צונויף איהר פעקעל.

אנ'עברה צו זיצען אזוי לאנג אויף איין ארט.

י צ ח ק

וואס איילט איהר זיך? בלייבט דא.

פ ר י י ד ע ל ע

בלייבט דא, באבע, איך וועל ווייזען וואס איהר האט מיר איבער־געלאזען.

ד י א ל ט ע

נישט איצטער. שפעטער, אז מען וועט בעדארפען.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה ו

איהר זענט דאך הונגעריג.

ד י א ל ט ע

אבי די זון האט זיך שוין בעוויעזען. ביז נאכט נאך אנשפארען וואו אויף א נאכט־לעגער.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה

נו געהט. געזונטערהייד.

ער העלפט איהר אנטהאן דעם פעקעל.

ד י א ל ט ע

געלויבט איז גאט. אביסעל גרינגער געווארען דער פעקעל.

ב נ י מ י ן

אנ'אלט מענש, געקענט אונטערפיהרען.

פ ר י י ד ע ל ע

אט וועל איך אייך אריינלעגען געבראטענע קארטאפעל אין פעקעל.

טהוט עס.

ד י א ל ט ע

קושט פריידעלען.

נו, נו, זיי געזונד. גיב אכטונג אויפ'ן קינד. געלויבט איז גאט, ס'פע־

זעהסטו, ס׳איז מיינער א זוהן, א בן יחיד. ס׳פעהלט איהם גאָר נישט. די מאַמע מיט פוטער געקאָרמעט.

מ ר ד כ י   ג ד ל י ה

איהר מאַמע זאָל זיין אין גן עדן, האָט אויך איבער איהר געציטערט.

ב נ י מ י ן

וואָס איז דאָ צו באַלאַמוטשען, אויב ס׳איז א גאָט־זאַך. געפאָהרען אנקוקען א כלה, נו האָט גאָט געמאַכט איך זאָל גאַנצע צעהן מייל פערשפאָרען ס׳פערד צו טרייבען. גיט א האַנט, ר׳ מרדכי גדליה... מיין אידענע וועט אויך זיין צופריעדען — געוויינט וואָס כ׳פיהר איהר בן־יחיד אַוועק אין אַזאַ ווייטקייט.

מ ר ד כ י   ג ד ל י ה

מילא מען איז דאך אידען. מען זעהט דאך, ס׳איז א גאָט־זאַך...

ב נ י מ י ן

יא, כ׳מיין אפשר זאָל איך שיקען נאָך דער אידענע מיינער... טאָ גיט א האַנט, ר׳ מרדכי גדליה.

י צ ח ק

איך וועל די שטוב אראָפּוואַרפען. כ׳וועל בויען א גרעסערע נעבען וועג.

מ ר ד כ י   ג ד ל י ה

ס׳האַלץ איז גוט. מען וועט אפשר בעדאַרפען צובויען נאָך א האַל־בע שטוב.

ד י   א ל ט ע

די זון האָט זיך שוין בעוויזען. אזוי גיך זיך אויסגעלייטערט. נו, כ׳וועל שוין געהן.

פ ר י י ד ע ל ע

בלייבט דאָ, באָבעשו, ביז מאָרגען.

מ ר ד כ י   ג ד ל י ה ו

טאַקע וואוהין? בלייבט שוין דאָ נעכטיגען.

ב נ י מ י ן

מען וועט אייך אונטערפיהרען שפּעטער אביסעל.

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה

איך זאג אויך, אז דער געגענד איז א פיינער.

ב נ י מ י ן

וואס זאגסטו, מיין זוהן, אפשר טאקע א שאד צו טרייבען ס'פערד נאך גאנצע צעהן מייל?... איהר הערט, באבע, וואס מיר רעדען דא? וואס זאגט איהר?

ד י  א ל ט ע

וואס זאל איך זאגען? געבענשט זאל זיין א אידישע שטוב. כע, כע, עשירות, ארימקייט, אלץ פון גאט. נו, זאל זיין געבענשט א אי־דישע שטוב.

ב נ י מ י ן

כא, כא, א קלוגע אלטע, ווי איך בין א איד. אלץ פון גאט. וואס זא־לען מיר זיך דא נארען?

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה

די גאנצע זאך גאר קשה'דיג, עפעס גאר א וואונדער. לאכט. עפעס טאקע... נישט צו גלויבען. וואס זאל איך זאגען?

ב נ י מ י ן

איך וויל מיין זוהן לאזען אין דעם געגענד. ער וועט דא אנהויבען פיהרען מסחר — אז מען האט א גוט פערד איז עס קיין מינטשיץ נישט אזוי שטארק ווייט. נו וואס זאגסטו, מיין זוהן, האסט חשק צו פאהרען ווייטער?

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה

צו פריידלען, וואס שטעהט נעבען אויוען מיט א צופלאמט פנים.

דו הערסט, מיין קינד, וואס מען רעדט דא?... כ'ווייס, כ'וואלט פאר איהר קענען האבען א שטיקעל נדן...

פ ר י י ד ע ל ע

לאזט אראפ דעם קאפ פערשעהמט.

ב נ י מ י ן

וואס איז דא פארהאן א סך צו רעדען. וואס בעדארף דען מיין קינד נדן? לאמיר דא איבערנעכטיגען. קום נאר אהער, טאכטער, אט

מ ר ד כ י   ג ד ל י ה ו

ווייטלעך.

ב נ י מ י ן

איך זאָג אייך, אז ס'איז צו ווייט. ס'איז שוין א לאנגע מעשה אין דעם. כ'האָב מיר געטראָפען ארום שבועות אויף א יריד מיט א מענשען, א ביסעל בעקאנטלעך. מען האָט זיך צונויפגערעדט... און דאָ אנומעלט האָט ער ווידער בעפוילען דורך זיינעם א קרוב. טראַכט איך מיר, די צייט איז שטיל, ס'פערד עסט דעם האָבער, אָט לאָמיר זיך אַריבערכאַפּען. אָבער איך טראַכט אליין — ס'איז אביסעל ווייטלעך... ווענדט זיך צו פריידלע'ן. ווי רופט מען דיך?

פ ר י י ד ע ל ע

פריידע לאה.

מ ר ד כ י   ג ד ל י ה ו

איהר מאַמעס א מאמע געווען.

ב נ י מ י ן

פערשטעהט איהר מיר, די געגענד דאָ געפעלט מיר זעהר. געדריכטליך דערפער אַרום, און די פעלדער קוקען מיר אוים אביסעל חשוב'ער ווי אין מיין געגענד.

מ ר ד כ י   ג ד ל י ה ו

די היעגע תבואות האָבען א שם.

י צ ח ק

ווען איך וואָלט דאָ אין דעם געגענד געזעסען, א, א!

מ ר ד כ י   ג ד ל י ה ו

איך וויים עס אליין. נו איז מען געבליבען ווי אויפ'ן וואסער. הוי־בען זיך נישט די הענט.

ב נ י מ י ן

איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, דער רעגען האָט מיך אהער אריינ־געבראַכט. כ'זיץ און טראַכט, אפשר איז עס א גאָט־זאַך. איהר זענט א איד וואָס געפעלט מיר. מילא, אַרים איז קיין חרפה נישט. און דער עיקר דער געגענד.

ד ע ר  א י ד

און איך בין בנימין מינטשיצער.

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה ו

אזש פון מינטשיץ!

ד ע ר  י ו נ ג ע ר מ א ן

נעכטען נאָך האַלבע נאַכט אַרויסגעפאָהרען.

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה ו

מיט מיין פערדעל וואָלט איך נאָך היינט דאָ נישט אנגעשפּאַרט.

ב נ י מ י ן :

ווי אַלט איז אייער טאָכטער?

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה ו

שוין זעכצעהן יאָהר, קיין עין הרע. אַ בריה ווי די מאַמע איהרע. זאָל זיין אין גן־עדן.

פ ר י י ד ע ל ע

וואָס בעראָפסטו מיך אַזוי ליבען, טאַטע?

ב נ י מ י ן

דאָס איז אַ בן יחיד. יצחק איז זיין נאָמען. נאָך אַן עלטער־זיידען.

יצחק און פריידעלע קוקען זיך דורך.ביידע פערשעמטלעך.

ד י  א ל ט ע

לאַכט גוטמוטהיג.

האַ, געלאָזען אין אויוועז צוויי קאַרטאָפעל. גאָר פערברענט געוואָרען.

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה ו

אַזוי גאָר, אויך אַ בן יחיד. העלפט מסתמא דעם טאַטען. ווען איך וואָלט האָבען אַ גרעסער אינגעל אין שטוב, וואָלט ער מיר אויך געוועזן אַביסעל בעהילפיג.

ב נ י מ י ן

איך פאָהר עס איצטער אָנקוקען אַ כלה פאַר איהם. נאָך גאַנצע צעהן מייל פון דאַנען.

פ ר י י ד ע ל ע

בלייב ביי אונז, באָבע. איך וועל דעם טאַטען זאָגען.

ד י א ל ט ע

כ'וועל נאָר ענג מאַכען אין שטוב. נאָכמאָל בעדאַרף מען אן אלט מענש אין שטוב? אן אַלטע מענש בעדאַרף נישט פערנעהמען צו־פיעל אָרט.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה ו

קומט אַרוים.

שלאָפט און די היץ האָט אָבגעטראָטען.

ד י א ל ט ע

וועט זיין געזונד. קיין סכנה. ציינדרעלעך שניידען זיך איהם.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה ו

ווען די מאַמע וואָלט עס לעבען. די אידען קומען ווידער אַריין. נו וואָס, עס לייטערט זיך אוים? מיין וואָגען האָלץ וועט שוין מסתמא איבערנעכטיגען אויפ'ן וועג. כ'וועל נאָך בעדאַרפען געהן אין דאָרף אריין ערגעץ אנטלייהען אן אַקס.

ד ע ר א י ד

אפשר וועלען מיר זיך נאָך אומקעהרען צוריק. מע וועט קענען נעה־מען מיין וואָגען.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה

וואוהין איז מען עס געפאָהרען, טאָקע אָהער? דאָ עפּעס אַן עסק געמאַכט?

ד ע ר א י ד

שמייכעלט.

נאָך נישט בעוואוסט. אפשר וועט מען דאָ מאַכען מסחר. ווי רופט מען איידְ?

מ ר ד כ י ג ד ל י ה ו

נישט בעקאַנטלעך באַנ'אייך. מרדכי גדליה איז מיין נאָמען, נאָך א זיידען.

ד ע ר א י ד

אבער שווערע צייטען אנגעקומען. דער מסחר פאלט.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה ו

וואוהין פאהרט מען עס איצטער? אויף מסחר?

ד ע ר א י ד

יא... שוין פון זיינעטוועגען; מיין זוהן'ס וועגען.

פ ר י י ד ע ל ע

טאטע, כ'האב נאך האלץ צוגעווארפען איצטער. האב איך מורא, וועט זיין צו הייס אין אויווען.

ד י א ל ט ע

אט טשעפע זיי נישט. זאלען זיי דארטען זיך רעדען. מיר וועלען שוין זיך ווי ס'איז אן עצה געבען. זעה נאר דער ברויט זאל פון דייזשע ניט ארויסלויפען.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה ו

ס'קליינע עופה'לע איז מיר עפעס איינגעפאלען. הארעוועט זיך אהן א מאמען.

פ ר י י ד ע ל ע

ווייסט, טאטע, פיניעלע איז שוין בעסער. עס שניידען זיך איהם ציינדעלעך.

ד ע ר א י ד

קום, מיין זוהן, וועלען מיר זעהן וואס אויף דרויסען הערט זיך. דאכט מיר, ס'לייטיערט זיך אוים.

געהען ארויס.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה ו

האט איהר, באבע, געזעהן ס'קליינע יתום'על?

ד י א ל ט ע

א ליכטיג קינד, ט'זיין געזונד.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה ו

געהט אין צווייטען חדר.

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה ו

קומט איהר, באַבע, נעהנטער צום טיש. נעהמט א קארטאפעל.

ד י  א ל ט ע

נע, ס'וועט שוין אַזוי רעכט זיין.

זי עוסק'ט זיך ביים פייער.

פ ר י י ד ע ל ע

לאָזט מיר, איך וועל דעם פייער צושאַרען.

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה ו

ווי זענען עפּעס די מסחרים אין אייערע קאַנטען?

ד ע ר  א י ד

די מסחרים שלעכט אויף דער וועלט. נאָר ביי מיר, נישט צו פאַר־זינדיגען.

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה ו

אין דעם געגענד אויך דאָס אייגענע. נישטאָ וואו א פוהרעל האָלץ אַבצואוואַרפען.

ד ע ר  י ו נ ג ע ר מ א ן

דאָס איז אייער גאַנצער מסחר?

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה ו

ס'הויבען זיך נישט די הענט פאַר עפּעס בעסערס.

ד ע ר  א י ד

מען בעדאַרף נאָר דעם בטחון נישט אַנווערען.

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה ו

און וואָס איז אייער מסחר?

ד ע ר  א י ד

מען האַנדעלט מיט תבואה.

ד ע ר  י ו נ ג ע ר מ א ן

מיר פיהרען גרויסע געשעפטען.

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה ו

יאָ, אז מען קען עס נאָר דערגרייכען.

גענגענר און עפּעס נישט בעקאַנט.

ד ע ר  א י ד

עס קומט נישט אויס מיט דעם וועג צו פאַהרען.

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה ו

און די באָבע קוקט מיר שוין יאָ אויס אביסעל בעקאַנט.

ד י  א ל ט ע

אַ אידיש פּנים וואָס?

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה ו

וואָלסטו עפּעס געמאַכט, מיין טאַכטער, אַז עסען פאַר די אידען.

פ ר י י ד ע ל ע

כ'האָב אריינגעוואָרפען קאַרטאָפעל אין אויוועז אריין.

ד ע ר  א י ד

ווי איך הער, איז די מאַמע איהרע אוועקגעשטאָרבען?

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה ו

פערפינסטערט געוואָרען אין שטוב.

ד ע ר  א י ד

מען בעדאַרף דעם בטחון נישט אַנווערען.

ד י  א ל ט ע

צו פריידעלען.

אַט זעה די קאַרטאָפעל זאָלען נישט פערברענט ווערען.

פ ר י י ד ע ל ע

עוסק'ט זיך ביים אויוועז.

ד ע ר  י ו נ ג ע ר מ א ן

איהר האָט געהערט דעם גרויסען דונער?

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה ו

ער האָט אַ בוים אויסגעבראָכען, געפאַלען אויפ'ן רעכטען מיטען וועג.

פ ר י י ד ע ל ע

שאַרט אַרויס די קאַרטאָפעל, ברענגט צום טיש. דער עולם רייבט די הענט, נעהמט זיך צום עסען, בלאָזען און עסען מיט די שאָלאַכץ.

מ ר ד כ י   ג ד ל י ה ו

קומט אַריין. נאַס, פערהאָרעוועט.

פ ר י י ד ע ל ע

אָט איז דער טאַטע. ווי קומסטו אזוי גיך אהיים?

ד ע ר   א י ד

דאָס איז דער באַלעבאָס? שלום עליכם.

מ ר ד כ י   ג ד ל י ה ו

כ'האָב געלאָזען מיין טאָכטער גאָר אליין און איצטער, קיין עין הרע. אַ פולע שטוב אידען. דער רעגען געבראַכט אהער?

פ ר י י ד ע ל ע

וואָס ביזטו אזוי פריה געקומען? ביזט דאָך נאָך אין שטאָדט נישט געוועז.

ד ע ר   י ו נ ג ע ר מ א ן

מיר האָבען אייך בעגעגענט מיט אַ פוהר האָלץ.

מ ר ד כ י   ג ד ל י ה ו

כ'האָב צופיעל אָנגעלעגט, האָט זיך צובראָכען אַן אַקס.

פ ר י י ד ע ל ע

אוי וועה!

ד י   א ל ט ע

קיין סכנה נישט. אידען וועלען העלפען.

מ ר ד כ י   ג ד ל י ה ו

כ'האָב געזעהן, אַז היינט וועל איך שוין סיי ווי נישט אָנשפּאַרען אין שטאָדט, האָב איך ס'פערדעל אויסגעשפּאַנט און געקומען רייטענדיג אַ היים. כ'וויים, געלאָזען זי אליין און דאָס קליינע איז מיר אויך עפּעס נישט מיט אַלעמען. נו, געלויבט איז גאָט, געטראָפען אַ פולע שטוב אידען. פון וואַנען פאָהרט מען עפּעס?

ד ע ר   א י ד

מיר זיינען נישט פון נאָהענט.

מ ר ד כ י   ג ד ל י ה ו

דאָס זעהט מען. כ'וואוין שוין באַלד אַ יאָהר צוואַנציג אין דעם

די אלטע

וואקסט א גרויסע באלעבאסטע.

דער יונגערמאן

אבער זעה נאר סארא ברויט זי האט פערקנעטעט, כא־כא־כא...

פריידעלע

קומט אריין, טראגט אין שירץ קארטאפעל, ווארפט זיי אין אויוועז אריין.

דער יונגערמאן

גענוג, גענוג... א, א, אז אמת'ער גיהינום איז אין אויוועז.

דער איד

עס לייטערט זיך אויס דרויסען. איהר וועט, באבעשו, קענען זיך ארויפכאפען אויף מיין וואגען; איך וועל אייך אונטערפיהרען ביז א נאהענטען דארף, וואו אידען זענען פאראן.

פריידעלע

איהר וועט, באבעשו, ביי אונז קענען איבערנעכטיגען. עס שטעהט א־לעדיגע בעט, וועט איהר קענען שלאפען אין איהר.

דער יונגערמאן

און אז מיר וועלען דא וועלען בלייבען ביז מארגען, וואו וועסטו אז ארט מאכען?

פריידעלע

לאכט פערשעהמט.

ס'איז פאראן ביי אונז א בוידעם מיט היי.

דער יונגערמאן

וועט איהר מיטפאהרען, באבעשו?

די אלטע

וועל איך טאקע געהן צופוס. איך בעדארף געהן אהין פון וואנען דו ביזט געקומען, מיין זוהן.

דער איד

א שאד צו ברעכען אלטע פיס. מיר איז שוין שווער צו געהן צו־פוס.

פערקנעטען.

זי דעקט אָפּ די דייזשע.

ד ע ר  א י ד

נעהמט אראָפּ די קישען, ווארום ס'וועט ארויס פון דייזשע.

ד ע ר  י ו נ ג ע ר מ א ן

דאַס איז שוין נעווען איינמאַל אויסגעקנעטען! נישט אומזיסט אזוי אויפגעגאַנגען.

פ ר י י ד ע ל ע

כ'האָב גאָר נישט געקנעטען אזוי פיעל.

ד ע ר  א י ד

נאַ, נאַ, דאַס איז שוין איינמאַל אַ ברויט.

פ ר י י ד ע ל ע

דער טאַטע וועט ברענגען קאַלך, וועל איך אויסקאַלכען אין שטוב. ביז איצטער נישט געטאָרט. די מאַמע איז געשטאָרבען פסח.

ד ע ר  א י ד

אזוי, די מאַמע געשטאָרבען. מסתמא נאָך גאָר יונג געווען, הערסט מיין זוהן? אזוי יונג און איז פער'יתומ'ט געוואָרען. און ווי עס פיהרט אַליין אַ שטוב!

פ ר י י ד ע ל ע

אפשר וועלען די אידען עפּעס עסען? כ'קען אריינלעגען קאַרטאָ־פעל אין אויווען, וועלען זיי זיך אָפּבראַטען.

ד י  א ל ט ע

נו, אודאי וועלען די אידען עסען.

פ ר י י ד ע ל ע

איך וועל לויפען אריינברענגען קאַרטאָפעל פון שטאַל.

לויפט אַרויס.

ד ע ר  א י ד

אַ מיידעל — אַ פייער. אַ יתומה געבליבען, אַ רחמנות. ליעגט איהר נאָך די מילך אויף די ליפען.

ד ע ר   א י ד

וואו איז דער טאַטע?

פ ר י י ד ע ל ע

ער איז געפאָהרען אין שטאָדט אריין.

ד ע ר   י ו נ ג ע ר מ א ן

אפשר דער איד וואָס האָט געפיהרט האָלץ, אזוי מיט א דאר, קליין פערדעלע?

פ ר י י ד ע ל ע

יא, ס'איז מיין טאַטע.

ד ע ר   א י ד

און דאָס איז א באָבע מסתמא?

ד י   א ל ט ע

לאַכט.

ד ע ר   י ו נ ג ע ר מ א ן

וואָס לאַכט איהר, באָבעשו?

ד י   א ל ט ע

אודאי, א באָבע, ווייסט ווי דען?

ד ע ר   י ו נ ג ע ר מ א ן

איך האָב אייך ערגעץ געזעהען. כ'קען שווערען, אז דאָס פנים איז מיר בעקאַנט.

ד י   א ל ט ע

א אידיש פנים, וואָס? אין דיין באָבען געראַטען.

ד ע ר   א י ד

א קלוגע אידענע. א קרבה מסתמא?

ד י   א ל ט ע

נו אודאי א קרבה.

פ ר י י ד ע ל ע

זיי זיינען דאָ דורכגעגאַנגען מיט'ן וועג, אריינגעקומען זיך אָפּרוהען.

ד י   א ל ט ע

איהר זעהט, נאָך גאָר א קינד — און וואָס פאר א ברויט זי האָט

געל ניי. קיין שפּרינקעלע אויף דעם נישטאַ.

ס'הערט זיך, דרויסען איז אימיצער צוגעפאָהרען.

פ ר י י ד ע ל ע

מענשען פרעמדע! און איך גאָה בארוועס.

זי כאַפּט די קליידער וואָס די אַלטע האָט איהר געגעבען און איילט אין צווייטען חדר אַריין.

ד י א ל ט ע

לאכט פאר זיך אַליין גוטמוטהיג.

ס'הערצעלע זאָגט ווען מען בעדאַרף שיך אָנטהאָן.

עס קומען אַריין צוויי פרעמדע אידען. אַ טאַטע מיט אַ זוהן זעהט אוים זאָלען זיי זיין. ביידע אויסגענעצט פון רעגען.

ד ע ר א י ד

אַ גאָט העלף, באַבעשו. אַ רעגען אַ ביסעל!

ד ע ר י ו נ ג ע ר מ א ן

קלאַפּט אָפּ דעם רעגען פון היטעל.

ווארעם דאָ אין שטוב.

ד י א ל ט ע

אַ גאָס־רעגען, וואָס?

ד ע ר י ו נ ג ע ר מ א ן

אַ דונער געפאַלען נעבען אונזער וואַגען. ס'פערד זיך אוועקגע־שטעלט דיבאָם.

ד ע ר א י ד

וואו זיינען דאָס די מאַנסבילען?

ד י א ל ט ע

קום ארויס, מיין קינד, געסט זיינען געקומען!

פ ר י י ד ע ל ע

קומט ארויס. שיך אויף די באָרוועסע פיס.

א ל ט ע

געלאָפען אָנטהאָן שיך, כע־כע...

פ ר י י ד ע ל ע

איך בין דאך נאך גאר א קינד.

ד י   א ל ט ע

אודאי ביזטו א קינד. א גאלדען קינד. ס'איז שעהן אזוי. ביזט א אידישע טאכטער. דער וואס אין הימעל האט אן אויג.

דרויסען לאזט זיך הערען א רעגען.

פ ר י י ד ע ל ע

דער טאטע וועט אזוי אויסגענעצט ווערען! וועה איז מיר.

ד י   א ל ט ע

נישט נאר דיין טאטע אליין איז איצטער אין וועג. מסתמא בעדארף מען, אז ס'זאל געהן א רעגען.

פ ר י י ד ע ל ע

פון די פעלדער האט מען דאך שוין די תבואה אראפגענומען.

ד י   א ל ט ע

נו איז וואס? דער זאמדיגער וועג וועט זיך אביסעל זעצען. וועט מען די פערד נישט בעדארפען אזוי פערשניידען.

פ ר י י ד ע ל ע

דער וועג פון אונז אין שטאדט אריין איז זעהר א זאמדיגער.

ד י   א ל ט ע

און ס'פערדעל מסתמא א מאגערם?

פ ר י י ד ע ל ע

א קליין פערדעל. אז מען לעגט ארויף מיט א קלעצעל מעהר, שטעלט ער זיך שוין אילע ווייל.

ד י   א ל ט ע

אט זעהסטו, אז דער וואס אין הימעל ווייסט וואס ער טהוט.

פ ר י י ד ע ל ע

מעסט ווידער צו די קלייד מיט'ן יאקעל.

ווער איז אין דעם געגאנגען?

ד י   א ל ט ע

זעהסט דאך, ס'איז ניי. אביסעל צוקנייטשט פון זעקעל. אבער שפא־

פ ר י י ד ע ל ע

פערבייסט די ליפּען און קאַרטשעט זיך אַזש צונויף ווען די אַלטע שמעכט.

ד י  א ל ט ע

טהוט וועה, האַ? אַז מען וויל אוירינגלעך געהן.

פ ר י י ד ע ל ע

האַ, איך הער ווי דער פּאַדים געהט. אופּ־האַ!

ד י  א ל ט ע

נו שוין. מעהר וועט שוין נישט וועה טהאָן אַזוי. דער אַנדערער וועט שוין זיין גרינגער. גיב דעם לינקען אויער. זי שטעכט איהר דעם לינקען אויער. אַט האָסטו דיר. שוין איבערגעקומען. אין דריי חדשים אַרום זאָלסטו די פּעדים איבערשניידען און אַרויסציהען. און אַט האָסטו דיר די אוירינגלעך. מע זאָגט ס'איז גאָלד. בעהאַלט, דו זאָלסט זיי נישט פערלירען.

פ ר י י ד ע ל ע

אוי וועט עס זיין שעהן! כ'וועל זיי בעהאַלטען אויפ'ן פּאָליצע נעבען די מאַנדלען.

ד י  א ל ט ע

וואו וועסטו די קלייד אַהינטהאָן?

פ ר י י ד ע ל ע

די קלייד? כ'וועל וואַרטען ביז דער טאַטע וועט קומען. אָהן איהם קען איך עס נישט נעהמען. ער וועט אייך בעצאָהלען דערפאַר.

ד י  א ל ט ע

שוין בעצאָהלט. אַט האָב איך מיר אויסגערוהט. איז שוין בעצאָהלט. ווער דען וועט עס אָנטהאָן אויב נישט דו? נאַריש קינד, ביזט דאָך שוין אַ כלה־מויד. בעדאַרפסט עס האָבען.

פ ר י י ד ע ל ע

איך שעהם מיר אַזוי.

ד י  א ל ט ע

וואָס איז זיך דאָ פאַרהאָן צו שעהמען?

פ ר י י ד ע ל ע

איך וועל אייך געבען נארעל פארים.

ד י א ל ט ע

עס וועט וועה טהאן. ס'קען שטארק וועה טהאן.

פ ר י י ד ע ל ע

מיר וועט נישט ארען.

ד י א ל ט ע

האסטו א דינע נארעל?

פ ר י י ד ע ל ע

יא, גאר א דינע נארעל. עס וועט זעהר וועה טהאן?

ד י א ל ט ע

אז מען איז לוסטיג, טהוט נישט וועה.

פ ר י י ד ע ל ע

טא, וועל איך זיין לוסטיג. א וויסען אדער א שווארצען פארים?

ד י א ל ט ע

נו געווים א וויסען פארים. מאך נישט קיין קניפעלע. נישט נוי־טיג. כ'מוז אבער מיינע שפאקולען אויסזוכען. אהן די שפאקולען מיינע... שא... אט זיינען זיי. טהוט אן א פאר שווערע שפאקולען. כע, כע... וויפיעל אויערען האב איך עס געשטאכען! קום צום פענס־טער.

פ ר י י ד ע ל ע

אוי, כ'האב מורא.

ד י א ל ט ע

טא בעדארף מען נישט.

פ ר י י ד ע ל ע

איך זאג אייך צו, אז כ'וועל נישט שרייען. נאט אייך דעם רעכטען אויער.

ד י א ל ט ע

נעהמט זיך פאר דער ארבייט.

כ'וועל אפשר נישט אויסהאלטען אויב דער טאטע וועט אריינגעהן אין שטוב א שטיף־מאמע.

ד י   א ל ט ע

נו, נו, וויין נישט. ס'איז נאך נישט בעוואוסט. בייזערט זיך גוטמו־טהיג. נו, געננג דיר. כ'האב פיינט אז מע וויינט. ניטע. אט זעהסטו, ס'איז א סטעננע. נעהם דיר עס. איידער דו וועסט ליכט בענשען, זאלסטו עס איינפלעכטען אין קאפ.

פ ר י י ד ע ל ע

ס'איז זייד?

ד י   א ל ט ע

נו, אודאי זייד. ווער פלעכט דען אין קאפ עפעס אנדערש?

פ ר י י ד ע ל ע

איך וועל געהן זעהן וואס פיניעלע מאכט... שרייט פון צווייטען חדר. פיניעלע איז איינגעשלאפען.

ד י   א ל ט ע

זאל ער שלאפען. וועט אם ירצה השם אויפשטעהן געזונטערהייד. האסט געשטאכענע אויערען? דא האב איך אוירינגלעך פאר דיר, נו בעוויז דיינע אויערען.

פ ר י י ד ע ל ע

בויגט זיך אראפ צו דער אלטער.

איך ווייס אליין נישט. אמאל האב איך געהאט פארים אין די אויע־רען.

ד י   א ל ט ע

טאפט.

יא, געוועזן אמאל געשטאכען, אבער שוין צוריק פערוואקסען. מהום... מען וועט בעדארפען שטעכען איבעראניים.

פ ר י י ד ע ל ע

ס'וועט טהאן וועה?

ד י   א ל ט ע

אודאי וועט וועה טהאן. אבער, אז מען וויל געהן אוירינגלעך...

ד י  א ל ט ע

און שיך האסטו?

פ ר י י ד ע ל ע

אויף פסח געמאכט. זיינען נאך גאר ניי. איך געה ארום באַריוועס ווייל איך שאנעווע זיי.

ד י  א ל ט ע

וואס הערט זיך אין אויוועז?

פ ר י י ד ע ל ע

די העלצער וואס כ'האב צוגעווארפען האבען זיך גאר וואס אנגעהויבען צו סמאליען.

ד י  א ל ט ע

טא קום אהער. דא האב איך אין זאק פאר דיר א קליידעל מיט קרייזעלעך און א יאקעלע מיט שפּיצען. זעהסט? א ביסעל צוקנייטשט. אבער נאך גאר ניי.

פ ר י י ד ע ל ע

שיינט אויף קוקענדיג אויף די קליידער.

וואו ט'איהר עס גענומען?

ד י  א ל ט ע

מעסט צו.

אביסעל צו ברייט. וועסט נאך בעדארפען צוואוואקסען.

פ ר י י ד ע ל ע

אוי, זעהר ברייט.

ד י  א ל ט ע

ביז דיין חתונה, אז גאט וועט געבען וועסטו אויסוואקסען פונקט. לאמיר נאר זעהן דאס יאקעלע. ברייטלעך אביסעל. ביזט א דארע מויד. אויסגעהאדעוועט און דו דאגה'סט, וועסט בעדארפען אויסוואקסען.

פ ר י י ד ע ל ע

וויינט.

פ ר י י ד ע ל ע

כ'וועל לאָזען פאַר'ן טאַטען אביסעל.

ד י א ל ט ע

כע, כע, ביזט א געטריי קינד. ביזט דאָך שוין א כלה־מויד. אומע־טום צרות... נעהמט א מאַמע און לאָזט איבער אזא ליכטיגע טאָכ־טער. קוקט צום ברויט. אַ, ער ריהרט זיך. פיין, פיין.

פ ר י י ד ע ל ע

איך וועל עס נאָך בעדאַרפען פיניעלען אויסהאָרעווען.

ד י א ל ט ע

די מאַמע אין גן עדן ט'איהם נישט לאָזען פאַלען.

עס דונערט דרויסען.

פ ר י י ד ע ל ע

אוי, ווי ס'דונערט!

ד י א ל ט ע

ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם שכחו וגבורתו מלא עולם... נעהם, מיין קינד, גיכער שטעל אוועק א גלאָז וואסער אויפ'ן פענסטער.

פ ר י י ד ע ל ע

טהוט עס.

ס'וועט אפשר א רעגען ארויסגעהן און דער טאַטע וועט ווערען איסגענעצט.

ד י א ל ט ע

רק דו דאגה'סט.

פ ר י י ד ע ל ע

גוט וואָס איהר זענט אהער אריינגעקומען. איהר האָט געקענט ווע־רען אויסגענעצט.

ד י א ל ט ע

טע, טע, איז וואָס? שיינט די זון, טריקענט מען זיך אויס. נו, גע־שמאַק די מאַנדעלעך?

פ ר י י ד ע ל ע

כ'וועל זיי בעהאַלטען אויפ'ן פּאָליצע.

העלזעלע. ביזט דאך שוין א כלה־מויד. קושט איהר האלז. אך, זיס; אך, זיס... נעהמט א מאמע און לאזט עס איבער אזא קינד אליין. נו שוין, אט אזוי זאלסטו עס טראגען אויפ'ן האלז, פאקען, מאזלען געהען ארום אין די דערפער.

פ ר י י ד ע ל ע

א שאד וואס דער טאטע איז אוועקגעפאהרען.

ד י א ל ט ע

שוין לאנג אוועקגעפאהרען?

פ ר י י ד ע ל ע

גאר נישט לאנג. אויב איהר וועט בלייבען ביי אונז נעכטיגען, וועט ער נאך אנקומען ביז נאכט.

ד י א ל ט ע

בעקוממ פון פעקעל א קליין לייוועגט זעקעלע.

געוועזן אויף א מזל טוב; גוטע מענשען מיר עס געגעבען. שטעל אונטער די הענט, וועל איך דיר ארייגשיטען... נו, ווייסט וואס דאס איז?

פ ר י י ד ע ל ע

די שווארצע זיינען ראזשינקעלעך און ס'אנדערע וואס איז?

נאריש קינד, מאנדלען איז דאך עס. אמת'ע מאנדלען. שטעל אונטער די הענט וועל איך דיר נאך ארייגשיטען.

פ ר י י ד ע ל ע

גענוג. גענוג. איהר גיט דאך מיר אוועק גאר איננאנצען.

ד י א ל ט ע

ראזשינקעלעך לאז מיר א צוויי, נאר די מאנדלען נעהם דיר. זעהסט די פאדערשטע ציין ארויסגעלאזען, שווער זיי איינצוקייען.

פ ר י י ד ע ל ע

ס'האט א טעם ווי יאדערען פון ניס.

ד י א ל ט ע

אבער ניס, מיין קינד, שמעקט נישט.

די אַלטע

בינדט אויף איהר זאַק און זוכט דאָרט.

אומעטום צרות. אין שטאַרבען קליינע קינדער; אין דאָרף שטאַרבען די מאַמעס. אומעטום צרות. אַט, אַ נאַריש קינד נעהמט און וויינט אין ברויט אריין.

פריידעלע

קומט אַריין מיט אַ ברעמיע האָלץ.

וועט זיין נענוג נאָך פיער שייטלאַך האָלץ?

די אַלטע

וואָרף עס אריין אין אויוועז. וועט זיין צו הייס, קען מען דעם אויוועז לאָזען אויסקיהלען. נישטאָ וואָס צו קאַרגען האָלץ. שוין אריינגעוואָרפען? טאָ קום אהער. אַט איז א וואָלף־ציינדעל אויפ'ן שטריקעל. געה, טהו עס איהם אָן אויפ'ן העלזעלע. נאַ.

פריידעלע

ס'איז טאַקע פון א וואָלף דאָס ציינדעלע?

די אַלטע

פון א וואָלפעכע, דאָס פאָדערשטע ציינדעלע. געה, טהו עס איהם אָן.

פריידעלע

אַט געה איך שוין.

די אַלטע

זוכט אין פעקעל.

עס געהען ארום מאַזלען, עס געהען ארום פאָקען; וואו ביזטו דאָרט? קום אהער כ'וועל דיר אָנטהאָן א רויט בענדעל אויפ'ן האלז.

פריידעלע

קומט אַרויס.

שוין, כ'האָב עס איהם אָנגעטהאָן.

די אַלטע

איצטער קום אהער, זעץ זיך אַנידער ביי מיר אויפ'ן שויס. כ'וועל דיר דעם רויטען בענדעלע אָנטהאָן. נע, האָסט נאָך גאָר, גאָר א דינע

ד י א ל ט ע

כ'זעה, דיינע ליפּען זיינען פּערטריקענט. נאָך אליין אודאי אין מויל נישט געהאַט.

פּ ר י י ד ע ל ע

מיין ברידערעל איז קראַנק. זעהר קראַנק.

ד י א ל ט ע

טע, טע, און דו בעדאַרפסט עס זיין די מאַמע. וואו איז ער?

פּ ר י י ד ע ל ע

ער ליעגט אין וויגעלע. אינ'ם אנדערען חדר. די אויגעלעך אָפּען און ס'פּנים'על זיינס ברענט ווי א פייער.

געהען ביידע אין צווייטען חדר.

ד י א ל ט ע

ס'הערט זיך איהר רעדען אין צווייטען חדר.

אי א קינד, אי א קינד ווי די ליכטיגע זון. דו, דו, דו, עפען ברייט די אויגעלעך. אַט אַזוי, לאַכענקע אביסעלע, לאַכענקע צו דער מאַ־מען, אַט אַזוי...

קומען ביידע אַרויס.

פּ ר י י ד ע ל ע

וואָס מיינט איהר, ער וועט ווערען געזונד?

ד י א ל ט ע

געזונד, געזונד. ער איז נישט קראַנק. ציינדעלעך שניידען זיך איהם. כ'האָב אין זעקעל א וואָלף־ציינדעלע, וועט מען עס איהם אנטהאָן אויפ'ן העלזעלע. און דו, גרויסע מויד, מיינסט ביזט שוין די מאַמע און דאַריבער וויינסטו. קוקט צום ברויט. אהא, ער ריהרט זיך... לאָמיר נאָר זעהן וואָס הערט זיך אין אויווען. נע, גאָר קנאָפּ האָלץ אריינגעלעגט. געה שוין און ברענג אריין נאָך א צוויי שייט־לעך האָלץ.

פּ ר י י ד ע ל ע

געהט אַרויס.

פ ר י י ד ע ל ע

די מאַמע געשטאָרבען. פּסח איז זי געשטאָרבען.

ד י א ל ט ע

א צדקות געווען. נע, און דיר אזוי יונג געלאָזען. וואו איז דער טאַטע?

פ ר י י ד ע ל ע

ער האָט אוועקגעפיהרט האַלץ אין שטאָדט אריין.

ד י א ל ט ע

און וואָס טהוסטו?

פ ר י י ד ע ל ע

איך האָב דעם ברויט פערקנעטען און איינגעהייצט אין אויווען.

ד י א ל ט ע

נו, האָסטו געזעהן צו דער ברויט געהט אויף? אָט וועל איך שוין אליין א קוק געבען. אזוי יונג דיך די מאַמע איבערגעלאָזען. גאָר יונג. דעקט אָפּ די דייזשע. מהום... עס ריהרט זיך אפילו נישט.

פ ר י י ד ע ל ע

כ'האָב נישט לאנג פערקנעטען.

ד י א ל ט ע

האָסט דאָך שוין אָבער איינגעהייצט... כ'זעה דו האָסט געוויינט. אוראי אין ברויט אריינגעוויינט. וואָס?

פ ר י י ד ע ל ע

איך האָב טאַקע געוויינט. אפשר איין טרעהר אינגאנצען איז אריינ־געפאַלען אין דייזשע, וועט טאַקע שוין נישט אויפגעהן?

ד י א ל ט ע

מע וועט זעהן. גיב אהער א קישען מיט א האַקמעסער. אָט אזוי דעק אריבער מיט דער קישען ס'זאָל זיין ווארים און איצטער לעג אונטער דעם האַקמעסער. ווי וויינט עס א מיידעל אין ברויט אריין?

פ ר י י ד ע ל ע

אפשר ווילט איהר עסען, באָבעשו?

אַז זי האָט איינגעהיצט, זעצט זי זיך אַנידער נעבען דער דייזשע, אויף דר׳ערד, און הויבט אָן שטיל און ציטעריג צו וויינען. אין דער אָפּע־נער טהיר בעווייזט זיך אַן אַלטע פרוי מיט אַ פּאַק אויפ׳ן פּלייצע גע־בויגען.

די אַלטע

אַ מזוזה אויפ׳ן טיר. אַ אידישע שטוב.

קושט די מזוזה.

פריידעלע

דאַ וואוינען אידען. קומט אריין.

די אַלטע

אַ אידישע ליכטיגע טאָכטער. וואָס זיצסטו אויף דר׳ערד ? נע, כ׳קען גאָר דעם פּאַק נישט אראָפּנעהמען פון פּלייצע. נע, נע.

פריידעלע

אָט וועל איך אייך העלפען.

די אַלטע

מיין ליכטיגע טאָכטער, אָט אַזוי, הא. ברעכט די פּלייצע. שווער דער פּעקעל. גוטע מענשען מיר שווער געמאַכט דעם פּעקעל.

פריידעלע

מען מוז אָבשניידען דעם שטריק. שווער אריבערצונעהמען איבער׳ן קאָפּ.

די אַלטע

נע, נע, אָט אַזוי האָבען זיי מיר צוגעבונדען דעם פּעקעל צום פּליי־צע ; אַנגעשטאָפּט מיט אַלדאָס גוטס און איצטער טראָג זיך מיט איהם. אָט אַזוי שנייד איבער די שטריק ; זשאַליעווע נישט.

פריידעלע

שניידט איבער די שטריק. דער פּאַק פאַלט אויף דר׳ערד.

אַזאַ שווערער פּאַק.

די אַלטע

לאָזט זיך אראָפּ אויפ׳ן פּעקעל.

געלויבט איז גאָט, אין אַ אידישער שטוב. וואו איז די ריאַמע ?

פ ר י י ד ע ל ע

ווײנט זיך פלוצלונג פאַנאַנדער.

מיר איז גאָר נישט שווער. איך וועל פיניעלע'ן אויסהאָרעווען. איך וועל אין שטוב טהאָן אַלצדינג ווי די מאַמע פלעגט עס טהאָן.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה

דו, נאַריש קינד, וואָס ווײנסטו? כ'האָב נאָר געטראַכט, אין שטוב וועט ווערען אַ ביסעל ליכטיגער. אפשר וועט זיך ס'מזל אומקעהרען.

פ ר י י ד ע ל ע

זאָל נאָר פיניעלע ווערען געזונד, וועסטו זעהן, אַז איך וועל נאָך דיר אויך קענען העלפען. איך וועל איהם נעהמען אויפ'ן האַנד און פאָהרען מיט דיר אין וואַלד אַריין. אַט, אדרבה, קויף אַ קוה וועסטו זעהן, אַז איך וועל אויפשטעהן פאַרטאָג זי אויסמעלקען און אַרויס־טרייבען אויפ'ן גראָז.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה

דו זעהסט אויס אַזוי שלעכט.

פ ר י י ד ע ל ע

ווען די מאַמע וואָלט לעבען, וואָלט איך בעסער אויסגעזעהן. ס'איז באשר פון זאָרג.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה

איך וויל דו זאָלסט אויפהערען צו זאָרגען. נאַ, זאָל נאָר ס'קינד ווערען געזונד... וועסט טאַקע באַלד איינהייצען אין אויווען. איך פאָהר שוין.

ער קוקט זי אָן אַ ווײלע, שווייגענדיג, געהט אַרויס.

פ ר י י ד ע ל ע

קוקט נאָך דעם טאַטען דורכ'ן פענסטער. אין צווייטען חדר הערט זיך ווי ס'קינד וואָלט אויפגעוואַכט. געהט אַהין. באַלד הערט זיך פון צווייטען חדר איהר געזאַנג: איילי־לולי. פיניעלע דער טאַטע איז געפאָהרען האַנדלען ראָזשינקעס מיט מאַנדלען". קומט אַרויס. דעקט אַריבער דעם ברויט און פאַרנעהמט זיך איינהייצען אין אויווען. די שווערע געדאַנקען רייסען זי יעדע ווײלע איבער פון דער אַרבייט.

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה

טאקע זעהר חושך אין שטוב. מען וואלט שוין געמענט, נאר צו וועסט עס האבען כח צו טהאן?

פ ר י י ד ע ל ע

פאר וואס ניט? וואלט מען נאר מענען.

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה

נו, מיין קינד, איך וועל אוועקפיהרען די האלץ. כ'וועל היינט קור־מען פריהער. מען וועט טאקע בעדארפען אויסקאלכען. אפשר וועט מען אימיצען אריינגעהמען אין שטוב, זאלסט נישט בעדארפען זיין אליין.

פ ר י י ד ע ל ע

וועמען ווילסטו דען אריינגעהמען אין שטוב? מיר צו העלפען?

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה

נו, אודאי, דיר זאל ווערען אביסעל גרינגער. די מאמע האט אזוי געציטערט איבער דיר און איצטער שלאגסטו זיך ארוים פון די כחות.

פ ר י י ד ע ל ע

מען בעדארף נישט. מיר איז גוט אזוי אויך.

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה

איך קען נישט צוזעהן ווי דו הארעוועסט אזוי.

פ ר י י ד ע ל ע

פאלג מיר, טאטע, מען בעדארף קיינעם נישט האבען. איך בין שוין נענוג גרויס. איך וועל פיניעלען אויך אויסהאדעווען.

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה

פיניעלע, זעהסטו, בעדארף אויך האבען א מאמע.

פ ר י י ד ע ל ע

איך וויל נישט, אז א שטיף־מאמע זאל דא זיין אין שטוב.

מ ר ד כ י  נ ד ל י ה

מיינסט, אז יעדע שטיף־מאמע איז שלעכט?

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה

די מאַמע האָט אַלצדינג מיט זיך מיטגענומען. נישטאָ קיין מזל, נישטאָ קיין מוטה.

פ ר י י ד ע ל ע

וועסטו אימעצען אין שטאָדט פרעגען וואָס צו טהאָן?

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה

אפשר שניידען זיך איהם ציינדלעך?

פ ר י י ד ע ל ע

איך האָב מיט'ן פינגער געזוכט אין מיילכעלע, זעהען זיך נאָך נישט קיין ציינדעלעך.

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה

גענוג דיר שוין זיין צו קנעטען. וועסט טאָקע באַלד איינהייצען אין אויווען. די מעל געווען טרוקען. וועט מסתמא באַלד אויפגעהן.

פ ר י י ד ע ל ע

אפשר וואָלסטו היינט, טאַטע, גאָר נישט פאָהרען אין שטאָדט אריין... נאָר בעסער טאָקע פאָהר: מעהר ווי איין שטיקעלע צוקער נישטאָ אין שטוב.

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה

ווי איך זעה, האָסטו מורא צו בלייבען אין שטוב אַליין. ס'איז דאָך בייטאָג, מיט'ן וועג געהען און פאָהרען מענשען.

פ ר י י ד ע ל ע

אונזער שטוב שטעהט אַזוי ווייט פון דאָרף.

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה

נאַריש קינד, וואָס איז דער חילוק? אומעטום גאָט'ס וועלט. וואָס קען מען טהאָן? אפשר אַזוי נגזר געוואָרען, די מאַמע זאָל דיך אַזוי יונג לאָזען. מיט איהר איז אַלץ אוועקגעגאַנגען פון שטוב. נישטאָ קיין פרעהליכקייט, נישטאָ קיין מזל.

פ ר י י ד ע ל ע

ווען, טאַטע, ט'מען שוין מעגען אויסקאַלכען אין שטוב?

פ ר י י ד ע ל ע

גנעה, טאטע, אריין און זעה וואס פּיניעלע מאכט.

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה

האט ער עפּעס גענומען אין מויל אריין?

פ ר י י ד ע ל ע

איך האב איהם געגעבען אין מיילכעלע א פרישע סיסקעלע. ווייסט, טאטע, נאך איין שטיקעלע צוקער געבליבען. זאלסט נישט פער־געסען צו ברענגען צוקער פון שטאדט.

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה

איך קוק ווי דו ביזט פערהארעוועט, מיין קינד. הארעוועסט איבער די כחות.

פ ר י י ד ע ל ע

ס'איז מיר ניט שווער. וואלט נאר פּיניעלעווערען געזונד.

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה

געהט אריין אין אנדער חדר.

פ ר י י ד ע ל ע

קנעטענדיג.

נו, וואס מאכט ער? ווייסט, כ'האב שוין היינט געוויינט. מיר דאכט זיך, אז ווען די מאמע וואלט לעבען וואלט אפשר פּיניעלע נישט קראנק געווען.

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה

קוממט ארויס.

אפשר וועט דער וואס אין הימעל געבען, ער וועט ווערען געזונד.

פ ר י י ד ע ל ע

ער שלאפט?

מ ר ד כ י  ג ד ל י ה

דאס פנים'ל ברענט.

פ ר י י ד ע ל ע

ווען די מאמע וואלט איצטער געלעבט.

אַ דאָרפיש שטיבעל. קליינע פענסטערלאַך. די ווענט
שוין לאַנג נישט געקאַלכט. עס קוקט ארוים די אָרימקייט
פון יעדען ווינקעלע. סוף זומער. אַרום האַלבען טאָג.

פ ר י י ד ע ל ע

קנעט אַ ברויט אין אַ גרויסער דייזשע וואָס שטעהט אויף אַ קלע־
צעל אין מיטען שטוב. ס׳איז איהר שווער; רוהט זיך יעדע ווײלע
אָפּ מיט די הענט אין ברויט. מען הערט ווי אַ פוהר פאָהרט צו צום שטוב.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה

קומט אַריין, טראָגט אַ ברעמיע האָלץ.

פ ר י י ד ע ל ע

פון וואַנען קומסטו, טאַטע?

מ ר ד כ י ג ד ל י ה

איך פאַהר פון וואַלד.

פ ר י י ד ע ל ע

פיהרסט האָלץ אין שטאָדט אריין?

מ ר ד כ י ג ד ל י ה

יא, מיין קינד. דאַ האָב איך פאַר דיר טרוקענע האָלץ געבראַכט.
כ׳וועל עס דיר ארײנלעגען אין אויווען.

פ ר י י ד ע ל ע

איך וועל עס אליין, טאַטע. בעסער פאָהר שוין, ווּעסטו פריהער
קומען אהיים.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה

כ׳וועל היינט סייווי קומען פריהער אהיים. נאָך פאַר שבת האָט
מען ביי מיר בעשטעלט די פוהר האָלץ.

פ ר י י ד ע ל ע

אז דו קומסט שפּעט אהיים איז מיר אומעטיג.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה

וואָס מיינסטו, מיר איז אויך אומעטיג, מיין קינד.

## פערזאנען:

מרדכי גדליה וואוינט אויפ'ן דארף.

| | |
|---|---|
| פריידעלע<br>פיניעלע | זיינע קינדער |

אידען.

אז'אלטע פרוי.

# ראָזשענקעס מיט מאַנדלען

אידיליע

1915

## אינהאלט פון ערשטען באנד:

ראזשינקעס מיט מאנדלען
אויפ'ן שוועל
בעבעלע
איינזאמע וועלטען
א זאווערוכע
אליהו הנביא
ווען עס פאלט דער טוי
אין דער פינסטער
פונקען
קברים בלומען
א לעבען פאר א לעבען

* *
*

די זעקס און צוואנציג זאכען וואס קומען אריין אין די פינף בענדער זענען געשריבען געווארען אין פארלויף פון די לעצטע צוועלף יאהר. זיי קומען אריין אין די ביכער נישט לויט דעם סדר ווי זיי זיינען געשריבען גע־ווארען.

מיין טיעפע אנערקענונג צו די ליטעראריש־דראמאטישע פעראיינען אין אמעריקא וואס האבען זיך אין אזא שווערער צייט אונטערגענומען ארויס־צוגעבען די שריפטען אויף אנ׳שטענדיגען אופן.

מיינע עלטערען, וואס האבען פאר מיין יוגענד א היים געשאפען ביים ריינעם וואסער צווישען בוימער און לאנקעס — זייער אנדענקען, ווידמע איך מיינע שריפטען

פרץ הירשביין

ניו יארק, טבת, תרע״ו.

Copyrighted by Peretz Hirshbein

1916

PJ
5129
H5A19
1916
v.1

# געזאַמעלטע דראַמען

פון

פרץ הירשביין

ע ר ש ט ע ר  ב א נ ד

ארויסגעגעבען פון די ליטעראריש־דראמאטישע פעראיינע אין אמעריקא

ניו יארק, 1916

# געזאַמעלטע דראמען פון פרץ הירשביין

אַרויסגעגעבען פון די ליטעראַריש דראמאטישע פעראיינען אין אַמעריקא

BINDING SECT.
APR 14 1975

PLEASE DO NOT REMOVE
CARDS OR SLIPS FROM THIS POCKET

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY

PJ
5129
H5A19
1916
v.1

Hirschbein, Perez
Gezamelte dramen